ג) א מאקסע פאר שניידער.
ד) פאר ניט מאכען קיין סעודה צו אברית.
ה) אן אבצאהל אויף סנדק און מוהל.
ו) געכאפט א יודען מיט א ווייבעל אין א חדר מיוחד.
ז) ניטא קיין בעלנים אויף קוואטער און אונטערפיהרער.
ח) פאר זידלען דעם „פרנס חודש".
ט) ווענינער עולם איז מעהר שמחה.
י) א תקנה נעגען לוקסוס.
יא) א סדור — א משכון פאר קבורה־געלד.
יב) די סעודה פון „חברה קדישא".
יג) וואס האט געקאסט א סעודה פון „חברה־קדישא" מיט הונדערט יאהר צוריק.
יד) מחלוקת און מסירות צוליב דער סעודה.

20) דער בונט פון קיידאנער באלעמלאכעס מיט הונדערט יאהר צוריק.

21) ווען שקלאוו איז געווען „ארץ ישראל".

22) פאטיאמקינס „גזרה" (א בלעטעל פון דובראוונער פנקס).

23) נתן־נטע דער שתדלן.

24) אמאליגער כאבאר.

25) מאהילעווער אנטיקען:
א) אמאליגע יודישע גבירים און זייער פיהרונג.
ב) דער בוכארער בעל מקובל.
ג) דער שמש מיט'ן ביינערנעם גארטעל.
ד) אין „דאמאוויק'ס" מלוכה.
ה) דבורה די קהל'שע רופערקע.

26) רוזשינאיער פאלקסהעלדען: דוד דער מלמד, לייבע וואש און הרסה.

27) רבי נחום (א הארארנער פאלקספרייגר).

28) מאיר דער שוסטער און מיכל דער ציגארענמאכער (מינסקער פאלקסהעלדען).

29) גיינציגער (פון ווילנער טיפען־גאלעריי):
א) דער שכן און זיין באלעבאס.
ג) „פטשאלקע".

# אינהאלטס־פערצייכענים פון׳ם 1־טען באנד.

1) גראף פאטאצקי דער „גר צדק".
2) רבי לוי יצחק בארדיטשעווער.
3) דער „שאגת אריה".
4) רבי חיים וואלאזשינער.
5) ר׳ ישעיה זוכאוויצער (אלמד־וואוונים).
6) די קדושים פון רוזשינאי.
7) דער קדוש פון ביאלא און זיין צוואה.
8) אמאליגע פאדראטשיקעס.
9) אלעקסאנדער דער 1־טער און „אסתר׳קע" די דריטע.
10) קושעלעווסקי — דער ערשטער יודישער דאקטאר.
11) אסתר די „גענעראלשע".
12) קינקולקין דער אנטיקוואר.
13) דער ווילנער „באלעבעס׳ל".
14) דער לעצטער יודישער תקיף.
15) דער לעצטער יודישער פריץ.
16) דער גבור פון ביאלא.
17) נעסוויזש — די גבורים־שטעדטעל.
18) „פאניע קאכאנקו" (פירשט ראדזיווויל).
א) „נא קאנא טעראם וויגליאנדאם".
ב) א יוד פאר א קוקאווקע".
ג) „פאניע קאכאנקו" שיסט א ספר תורה.
ד) ריבא בענדזי דראגא".
ה) „פאניע קאכאנקו" פארשפילט א שאף.
ו) „פאניע קאכאנקו" און משה נ"ח.
19) וואס דער „פנקס" דערציילט:
א) אריינגעווארפען א ווייבעל אין חרם, פאר וואס זי איז געפאהרען מיט אן ערל אהן א שומר.
ב) א בית־דין־שמש א גנב און זיין שטראף.

דאַ געווען אין שטעטעל, פאַהרענגריג אין אַך פון זיין נום, וואָס ליגט נים ווייט פון שטעטעל. דאַן האָט דאַ פאַסירט דער אַנעקדאָט מיט דעם יודישען קאָנטראַבאַנדיסט „זאַוועוכע", וועלכע סטאָליפין האָט געפרעגט:

— וואָס, זאַוועוכע, דו בעשעפטיגסט דיך נאָך אַלץ מיט קאָנ־טראַבאַנדע?

— מאַק מאָטשנא! וואַשע וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! האָט דער יודישער פוהרמאַן־קאָנטראַבאַנדיסט תמימות׳דיג, אויפ׳ן מיליטערישען שטייגער, געענטפערט.

סטאָליפין האָט זיך בעליידיגט:

— אַזוי ענטפערט מען נים קיין מיניסטער,—האָט ער בייז געמעלדעט.

נאָר דער ענטפער איז גאַנץ שטעטעל גראָד געפעלען געווען. אפילו קריסטען אויך. אינטערעסאַנט איז, אַז אָט דער המן, וואָס האָט אַזוי ענג פערצויגען די שטריק אויף דאָס יודישע האלז, איז אין פריי־וואַטען פערקעהר מיט יודען נאָר נים געווען קיין שלעכטער. אַזוי ווי דער פריהערדינער צורר איגנאַטעוו, האָט ער זיך געגוויטיגט אין יודען, אַנפערטרויט זיי זייגע געשעפטען, און נים ווייניג יודען האָבען פרום איהם געלעבט. אין אַלגעמיין, זאָגט מען דאָ, איז דער „ביסמאַרק" פון דער רוסישער רעאַקציע געווען אַ גאַנץ קליינליכע פערזענליכקייט, אַ בעריהמטער און אַ גרויסער ליגנער דערצו.

פעלקער און צו האָבען אין זיי פריינד.

קיידאַני איז אַן עכט יודיש שטעדטעל. יודען זענען דאָ ניין צעהנטעל פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג. קיין שום בעזונדערע אָרטיגע פּרנסות זענען דאָ נימאַ. עטליכע באַלעבאַטים, וואָס רייבען זיך אַרום דעם פּריץ, דעם גראַף,—לעבען נישט קשה. ווייטער—בעלי מלאכות און קליינע הענדלער, וואָס מאַטערן זיך, ווי אין אַלע שטעדט־לאַך. דאָך איז פאַראַן דאָ, אַזוי ווי אין סוואַרזשנע, און נעסוויזש אַ גאַנץ חיבש־צאָהל יודען, וואָס לעבען פון גערטנעריי און סעדעריי. אַ ביסעל האָט מען איינגענע ערד, אַ ביסעל דינגט מען פון די אָרטיגע פּריצים. די היגע און אַרומיגע סעדער האָבען אַ נאָמען מיט זייערע פּרוכטען. און די יודישע גערטנער און סעדערניקעס לעבען זיך ווי עס איז דורך מיט שווערער מיה.

קיידאַני האָט נאָך אַ פּרנסה, אַ סעזאָן־פּרנסה. קיידאַנער מצה, אַזוי ווי קרעסלאַווקער, איז בעריהמט אין גאַנצען יודישען תחום. קומט נאָך פּורים, נעהרען זיך דערפון עטליכע צעהנדליג יודישע פאַמיליעס. בכלל איז פון דעם גאַנצען קיידאַנער אַמאָליגען יחוס קיין שפּור נים געבליבען. דער גרעסטער טייל פון דער היגער בעפעלקערונג לעבט אין אָרימקייט. די ערציהונג איז אַזוי שלעכט, ווי אומעטום אין די קליין שטעדטלאַך. יודישע מיידלאַך יאָגען זיך שטאַרק נאָך שקצים, און זענען זעהר נים צופרידען ווען אַ שייגעץ דערמאָהנט זייער יודישען יחוס. „איך בין נאָר נים קיין יודישע״,—מעלדעט איין קיידאַנער מיידעל,—אַ בעקאַנטען שייגעץ אויף אַן אָוועגד לכבוד און לטובת די פייערלעשער. אַן אַנדערע איז מודה איהר יודישען יחוס נאָר אויף די העלפט: „איך בין אַ האַלבע אַ יודישע, אַ האַלבע אַ קריסטליכע״ זאָגט זי האַלב שטאָלץ, האַלב ערנידריגט צו איהר טאַנץ־שייגעץ.

---

אין קיידאַני איז מיר אויסגעקומען צו בעקומען איינינע אינטער־רעסאַנטע ידיעות וועגען סמאָליפּינים לעצטע טעג, איידער ער איז געהרגעט געוואָרען. איינינע וואָכען פאַר זיין טויט איז ער

אטאָלינער באַלעבאָס, דער פריי־גייסט—קריסטאָפאָר ראַדזיוויל; דער אויבען דערמאָהנטער קאָסטיאָל אויף יענער זייט טייך, אויפ׳ן באַרג; אן אלטער מויער, וואו עס איז מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק געווען אַ גימנאַזיע. און איצט איז עס אַ רוסישע קאַזאַרמע. די אַלט פרענקישע יודישע שוהל מיט איהר נאָך גוט קענטיגער זעהר שענער קינסטלערישער געמעלעבטס אויף די ווענט און באַלקען פון פערשידענע חיות און געוועקס. די גרעסטע מערקווירדיגקייט איז אָבער דאָ דער זעהר קינסטלעריש געשניצטער ארון קודש מיט דעם אייבינען בעוועגליכען לוח. צו זעהן די שוהל און איבערהויפט דעם ארון קודש קומען אַ הער גאַנץ אָפט ליבהאַבער פון אַלטערטימליכער קונסט. קיידאַני האָט אויך אַ פּראַכטפאָלען פּאַרק—דעם גראַף טאָטלעבענס, וואָס איז איינער פון די שענסטע אין רוסלאַנד. ליידער לאָזט מען יודען דאָ נים געהן שפּאַצירען אָן דער וואָכען. נאָר אין אַ קרוינישען אָדער אַלגעמיין קריסטליכען יום טוב עפענען זיך די טויערן זיינע פאַר שטערטעל־לייט.

אין זכרון פון קיידאַנער יודען האָט געלאָזען אַ שטאַרקען רושם דער לעצטער פּוילישער אויפשטאַנד. אין דער גרויסער שוהל, איבערן ארון קודש, ווייזט מען אייך אַ לאָך, וואָס ס׳האָט געמאַכט אַ קויל פון דעם פּוילישען אויפשטאַנדס־מיליטער. די קויל איז דורכגעפלויגען די גאַנצע לענג פון דער שוהל, איבער די קעפּ פון הונדערטער יודען, בשעת זיי האָבען געדאַווענט; איז געבליבען שטעסען אין דער וואַנד אַנטקעגענאיבער און האָט קיינעם נים געשאָדט. נאָך איצט לעבען איינינע אַלטע לייט, וואָס געדענקען דאָס. יודען האַלטען דאָס פאַר אַ נס און פערמויערן נים דעם אָרט, וואָס די קויל האָט דורכגעבראָכען. מ׳דער־צעהלט אויך, אַז בשעת דאָס פּוילישע מיליטער איז אריין אין שטאָדט האָבען זיך יודען בעהאַלטען אין די קעלערס און אויף די בוידימער. צוויי יודען האָבען פון נייגיריגקייט ארויסגעקוקט דורך אַ בוידים־פענ־סטער און זענען מאָמענטאַל דערשאָסען געוואָרען, ווייל מ׳האָט זיי פערדעכטיגט, אַז זיי זענען שפּיאָנען. בכלל האָט זיך דאָ אַי די יודישע, אַי די ליטווישע בעפעלקערונג געהאַלטען נייטראַל בעת׳ן אויפשטאַנד. די פּאָליאַקען האָבען זעהר וועניג געטאָן צו געווינען די ליעבע פון ביידע

אין דער צייט פון דער פויליש-קאטוילישער הערשאפט האט נאטירליך, מעהר פון אלעמען די יודישע בעפעלקערונג געליטען, און צווישען דער מאראלישער און גייסטיגער לאגע פון די היגע יודען און די יודען פון אנדערע ערטער אין ליטא און פוילען איז, בכלל, קיין אונטערשייד ניט געווען. דאך האבען קיידאנער יודען זיך שטענ־דיג געהאלטען פאר גרויסע יחסנים מחמת זייער שאטלענדישער אב־שטאמונג. אין דער ווירקליכקייט איז טאסע קיידאני א לאנגע צייט געווען דער צענטער פונ׳ם יודישען גייסטיגען לעבען אין דעם גאנצען געביט פון איצטיגער קאוונער גובע־ניע און אנדערע דערבייאינע שטעט.

איצט איז אבער קיידאני געפאלען, ווי א סך אנדערע שטעדלאך פון איהר גלייכען. די שכנ׳שע שטעדטלאך לאכען פון קיידאנער יחוס. „קיידאנער מיט דעם איינגעבויגענעם פינגער" לאכט מען פון א קיי־דאנער יודען אין אנדערע שטעדט. ד. ה. אז א קיידאנער יוד נעהמט צעהלען זיינע יחוס׳ען, מיט וועלכע ער שטאלצירט קעגען אנדערע יודען, בויגט ער איין איין פינגער און זאגט: ערשטענס בין איך א קיידאנער... ביי דעם איינגעבויגענעם פינגער בלייבט ער. ווארום מעהר האט ער ניט וואס צו רעכענען. אנדערע ווארפען די קיידאנער אויף נאך שארפער: „קיידאנער הארבעס". דאס איז איינענטליך א צווייטער „נוסח" פונ׳ם „איינגעבויגענעם פינגער". שטאלצירענדיג מיט זייער קיידאנער יחוס, האלטען די קיידאנער יודען אין איין קלאפען מיט פויסט אין הארצען. ווערט פון איין זייט א גרוב און פון הינטען שפרינגט ארויס א הארב... א חייבעל, מיט וועלכער איך בין געפאהרען צוזאמען אין וואגאן פון קיידאני, האט מיר דערצעהלט, אז אמאל זענען עקסטרא געקומען ווייטע יודען אנקוקען די „חדושים", ווי אזוי א גאנצע שטאדט יודען זענען „הארבעס", און זענען געווען שטארק איבערראשט, ווען זיי האבען, דורכגעהענדיג גאנץ שטעדטעל, קיין איין הארב ניט בעגעגענט.

פון קיידאנער יחוס איז איצט איבערגעבליבען: די אפטייק, וואס איז אלט 250 יאהר, האט פריווילעגיעס פון אמאליגע ליטווישע קעניגען און בעלאנגט איצט צו א יודען; דער קאלוויניסטישער קלויסטער, וואו עס ליגט בעגראבען דער גרינדער פון קיידאני—איהר

מיט זיי זענען אנגעקומען פון שאטלאנד די ערשטע יודישע איינוואוי
דערער אין אט דער שטאדט. ראדזיוויל האט אט די יודישע פערפאל.
טע אזוי פריינדליך צוגענומען, ווי די קריסטליכע סעקטאנטען; האט
זיי געגעבען פערשידענע פריווילעגיעס, ערלויבט זיי צו האנדלען, צו
בעשעפטיגען זיך מיט ארבייט. און די יודישע מייסטערס זענען טאקע
נאך פון אמאל אן דא געווען בעריהמט מיט זייער ספעציעלער קענטניס,
מיט זייער קינסטלערישקייט אין דער ארבייט.

ביסלעכווייז איז אין קיידאני געווארען א היבשע יודישע גע־
מיינדע. דער פריידענקער ראדזיוויל האט אבער ניט אריינגעלאזען צו
זיך אבי וועמען. יעדער איינוואנדערער איז אנגענומען געווארען לויט
א שטרענגען אויסוואהל. דערפאר האבען זיך אבער ערנעץ די שטאדטינע
בירגער ניט געפיהלט אזוי פריי ווי דא. קיידאני איז געווען א מין את־
אבהענגיגע רעפובליק מיט איהרע אייגענע געזעצען און פריווילעגיעס,
און די היגע בעפעלקערונג האט זיך גערעכענט איינע פון די רייכסטע
און שטאלצעסטע אין גאנץ ליטא. ווי ווייט דער פריינייסט האט דא
געהערשט, בעווייזט דער פאקט, אז א קאטוילישען קלויסטער איז דא
געווען פערבאטען צו בויען.

א ביסעל שפעטער, ווען די יעזואיטען האבען זיך אריינגעקליבען
אין לאנד, האבען זיי ביסלעכווייז פערשפרייט אויך דא זייערע שווארצע
פליגלען. א ברודער פון קריסטאפאר ראדזיוויל, יאניש, איז געהרגעט
געווארען דורך א מערדער, אנגעדונגען פון די יעזואיטען. פון די ראד־
זיווילס איז קיידאני איבערגעגאנגען צו די גראפען טשאפסקי. נאך
איינעם פון די פוילישע אויפשטאנדען, איז קיידאני מיט איהרע ארר־
מינע גיטער קאנפיסקירט געווארען פון דער רוסישער רעגירונג און
אבגעגעבען א מתנה דעם גראף טאטלעבען, צו וועמעס יורשים עס
בעלאנגען איצט די ארומינע גיטער. קיידאני אליין איז אבער איצט א
באלעבאסטע פאר זיך. די היגע יודישע און קריסטליכע בעפעלקערונג
האבען זיך אויסגעסטארעט ביי דער רעגירונג—אויף דעם גרונד פון
אלטע פריווילעגיעס—דאס רעכט פון א זעלבסטשטענדיג שטעדטעל,
ד. ה. די איינוואוינער זענען פולע באלעבאטים אויף זייער ערד.

# קיידאַנער יחסנים.

ס'איז פאַראַן שטעדטלאך אין יודישען תחום, וואָס זאָגען גאָר נישט פאַר דער גענענווארט. דערפאַר אָבער קענט איהר זעהר פיעל דאָרט לערנען פון דער יודישער פערגאַנגענהייט אין רוסלאַנד. איינע פון אַזוינע שטעדטלאך איז געסוויזש. אַ סך אָריגינעלער פון געסוויזש אָבער איז קיידאַני אין קאָוונער גובערניע. ווען איהר שטעלט זיך אויפ'ן אַלטפרענקישען בריק דאָרט, וואָס איז אַריבערגעוואָרפען איבער דעם טייך ניעווזשי, איבער וועלכער עס זענען אמאָל געגאַנגען שיפען, און קוקט אנטקעגענאיבער אייך אויפ'ן מאָלערישען שטיילינגען באַרג מיט דעם אַלטען קלויסטער, וואָס איז מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק געוועזען אַ טעמפעל פון די ליטווינען־נעצענדינער, דוכט זיך אייך, אַז איהר זייט אַריבערגעטראָגען אין יענער גרויער צייט פונ'ם מיטעל־אַלטער מיט זיין פּאָעזיע, ווילדהייט און שרעקען.

אַזוי ווי געסוויזש, האָט אמאָל, גאָר אמאָל, אויך קיידאַני בעלאַנגט צו די פּער פונ'ם ליטווישען אַדעל—צו די ראַדזיוווילס. דער גרינדער פון קיידאַני איז געוועזען קריסטאָפער ראַדזיוויל־אַקאַלוויניסט*). קיידאַני איז פאַר איהם געוועזען אַן „עיר מקלט" פאַר די פערפאָלגטע פּראָטעסטאַנטען אין אייראָפּאַ. אַ סך פון זיי האָבען געפונען אונטער זיין פליגעל אַ שוץ פון די פערפאָלגונגען אין אייראָפּאַ. בעזונדערס האָבען זיך אַ חער געצויגען רעפאָרמאַטארען פון שאָטלאַנד. צוזאַמען

*) קאַלוויניסטען הייסען אָנהענגער פון דעם בעריהמטען שווייצער רעליגיעזען רעפאָרמאַטאָר קאַלווין.

רבי׳ן פרעגנען אן עצה: וואָס זאָל ער טאָן?

האט איהם דער רבי געהייסען זיך בעזעצען אין א יודישע שטאָדט. פון זיין פערמעגנען זאָל ער קיין הנאה ניט האָבען. א פרוטה ניט נעהמען.

האט ער אזוי געטאָן. בעזעצט זיך אין דובראָוונע. און—דערפאר, וואָס ער האט אזוי פיעל יאָהרען אויף דער תורה עובר געווען, האָט ער זיך גענומען א תשובה: ער זאָל די איבריגע יאָהרען פארברענגען אין שרייבען ספר תורה׳עס.

און פונקט דעם טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען אין דובראָוונע איז געווען דער „סיום־התורה״ פון דעם ערשטען ספר, וואָס אָט דער „צוריקגעקומענער״ האט געלאָזט שרייבען. ער האט איהם געשריבען פון נדבות, וואָס ער קלייבט פון שטעדטעלדיגע יודען. יעדער ווארפט נערן אין זיין פושקע. פון די קאָפּיקעס, וואָס ער קלייבט אויף, נעהמט ער פאר זיך אָלע טאָג אָב עטליכע אויף דער הוצאה—ער עסט נאָר ברויט מיט קרופניק. נעכטיגען—נעכטיגט ער אין „בית המדרש״.

אויף דעם „סיום התורה״ האָט זיך אויפגעקליבען גאַנץ שטעדטעל. מ׳האָט געהוליעט די גאַנצע נאַכט, מיט כלי זמר, מיט טענץ. אויף מאָרגען פריה האט מען איבערגעטראגען די הוליאנקע. מ׳האָט אריינגעבראכט מיט גרויס פאראד די „ספר תורה״ אין „ארון קודש״ פון דער אלטער דובראָוונער שול, איינע פון די מערקווירדיגסטע שולען אין יודישען תחום. איבערהויפט—דער געשניצטער ארון קודש, פאר וועלכען מ׳באַט דער שול צעהן טויזענד רובל.

אריינגעבראכט די ספר-תורה, האט זיך גענומען דער „גר״ (אזוי רופט מען איהם אין שטעדטעל) גלייך שרייבען א נייע ספר און אנדער שול. ער נעהמט ווייטער פון שטוב צו שטוב און דער עולם ווארפט ווייטער קאָפּיקעס אין זיין פושקע.

געטאָן מיט איהם אַ פיינעם שדוך מיט אַ רייכען פּאָניעס טאָכטער. ער האט געגעבענט אַ קראָם, און אָנגעקליבען אַ קאפּיטאל ביז פערציג טויזענד רובל און געשפּילט אַ ראָלע אין די מאָסקוועער ריאַדעס. מאַ־טען־מאמען און זיין אמאָליגע יודישקייט האט ער שוין לאַנג פערגעסען. אָט אַזוי זענען אוועק אַ מאַסע יאָהרען. פון אַ יונגען מאַן איז ער גע־וואָרען אַן אַלטער מאַן. קיין קינדער האט ער ניט געהאט. פּלוצלונג, מיט דריי יאָהר צוריק, האט זיך איהם אָנגעהויבען ווייזען זיין טאַטע אין חלום, מיט טענות: פאַרוואָס האט ער אַזאַ לאַנגע צייט פון זיך גאָר נישט געלאָזט וויסען. מ׳האָט דאָך נאָך איהם שטאַרק געבענקט. ז׳בערהויפּט די מאַמע. ער האט זיך, נאָכ׳ן אויפכאַפּען, געפּרובט פּערהוקען, פערגעסען. אָבער דער טאַטע, איין מאָל געפונען דעם וועג צום זוהן (נאָך אַ לאַנגע זוכענעס אַ פּנים), האט ער איהם שוין גענומען אָפט מאַכען וויזיטען. אַן עקשן אַ יוד אַ פּנים געווען. און אפשר האט די מאַמע געטריבען?...

הקיצור: דריי נעכט נאָכאַנאַנד האט זיך דער טאַטע בעוויזען מיט דיזעלבע טענות. ניט חלילה מיט בייזען, נאָר מיט גוטען: קום אַ היים, זוהנעלע! נענוג אין דער פרעמד געוואַלגערט זיך... די מאַמע האט צער... קוקט אויף דיר אויס די אויגען...

אַ גרייז-גראָהער יוד דער טאַטע געוואָרען. דעם פּנים געל, פול מיט קנייצען, איינגעבויגען. אָבער דערזעלבינער... ער האט איהם באַלד דערקענט. ער קען גאָר נישט ריידען צום טאַטען. אָבער די תארץ ציהט אַזוי צו איהם, געהט אויס פאַר בענקשאַפט...

נאָך דער דריטער נאַכט האט ער איינגעפּאַקט זיין רייזע־זאַק, געזאָגט עפּעס דער וויב, דער פּאָנציכע, אַ תירוץ, און געלאָזען זיך זוכען זיין אַלטע היים, די ווינעלע פון זיינע קינדער-יאָהרען. קוים געפונען זי. — ער האט שוין אָבער דאָרט קיינעם ניט געטראָפען. טאַטע־מאַמע שוין לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט. שוועסטער און ברידער—צופּאַח־רען זיך איבער דער וועלט.

ניטאָ קיין היים. אָנגעוואָרען זי... אי די אַלטע, אי די נייע. וואוהין זאָל ער פאָהרען—ווייס ער ניט. איז ער אַוועק צום ליבאַוויטשער

# דער צוריקגעקומענער.

דער „שמד" האט די לעצטע יאָהרען אָנגענומען אין רוסישען געטאָ אַן עפּידעמישען כאראַקטער. עס געהען אוועק פון אונז הונדערטער יונגע לייט צוליב אַ קאַריערע. דערפאַר קומען אָבער צוריק אַנדערע, וואָס זענען שוין געוועזען „אויף יענער זייט" און האבען דאָרט קיין רוה ניט געפונען. און די געשיכטע פון אָט די צוריקגעקומענע איז זעהר ריהרענד.

אָט איז איינער פון זיי.

זעקס יאָהר איז ער אלט געוועזען, בשעת קאַמערינשטשיקעס האָבען איהם גע׳גנב׳עט, דורכפאָרענדיג אַ יודישע קאָלאָניע. אַ פּראַסניקע—הייסט זי, די קאָלאָניע. מיט בייזען און מיט גוטען האָבען זיי איהם געצוואונגען צו ווערען אַ קונצען-מאַכער. ער האָט שוין געקענט גוט „ברעכען זיך", איז געוואָרען אַ גוטינגע „האַנד". קומענדיג מיט זיין קאָמפּאַניע אין מאָסקווע, האט ער זיך אָבער פערגנב׳עט אין אַ הויף און האָט זיך אויף אזא נ׳ארט פון זיי אָבגעגנב׳עט. ער האט געוואָלט געהן זוכען עפּעס אַ יודען און בעטען מ׳זאָל איהם אָבשיקען אַ היים צו זיין טאַטען און מאַמען. האט זיך דאָ געטראָפען אַ צופאַל, וואָס האָט געגעבען אַן אנדער ווענדונג זיין ווייטערדיגען שיקזאַל.

דער באַלעבאָס פון הויף, אַ פּאָניע האָט איהם בעמערקט, צוגעטסטן צו זיך און אָבגעשמדט. ער האָט איהם אויסגעהאָדעוועט.

געגעבען איינינע זאכען פון זיין לעבען. ער איז געווען א בן יחיד. א יתו־
געל—האבען איהם די כאפער צוגענומען און אָבגעגעבען פאר א רייכען
קרוב. מ׳האָט איהם געגויט זיך שמד׳ען, עסען חזיר. א „דיארקע״ האָט ער
געהאט א ווילדען, א צורר. האט מען געשמיסען. ער האט די שפּיץ
פערטראָגען און זיך נישט אונטערגעגעבען. נאָך אין דינסט האָט ער
א געפּיהל געהאט צו שפּילען. בעקומענדיג די „אָטסטאווקע״, האט ער
געקראָגען א באנדורע, געלאָזט זיך מיט איהר איבער די שענקען און
גענומען אזוי אום ביז היינטיגען טאָג.

קיין מעראלען האט ער נישט. די מיליטערישע גאנגען האט ער
שוין פערגעסען. זיין איינציגע קונסט איז שפּילען אויף דער באנדורע.
ער געהט איבער די שענקען. אָפט קריגט ער עפּעס צוגעוואָרפען, כמעט
אימער פון קריסטען. איבערהויפּט, אז עס טרעפט זיך אין א געהויבע־
נעם שענק א קאָמפּאניע אָפיצירען. נאָר אז מ׳גיט איהם אין האנד, מוז
ער טרינקען. קיין געלד גיט ער ניט אויס. ער האט מיר אויך געשוואוי־
רען, ער זאל אזוי זעהן זיין ווייב און קינדער, ווי ער ברענגט א היים
דאָס געלד. וואס עס מאכט איהם. נאר טרינקען מוז ער. מ׳צווינגט
איהם. און אז ער נעהמט א פּאר גלעזלאך—הויבט ער אָן וויינען.
שפּילט און טרינקט... טרינקט און וויינט...

און דאס אמוזירט זעהר די פריילינע קאמפּאניע.

וואָרום מ'האָט אַפּנים אויפגעהערט צו שלאָגען. דער גרויזאַמער באַטער האט זיך דערשראָקען פאַר'ן דעם עולם, וואָס איז אַלץ מעהר און מעהר געוואקסען אַרום זיין קראָם.

אַז עס איז געוואָרען שטיל, איז דער עולם ביסלעכווייז צוגאַנגען. נאָר איינער איז געבליבען: אַן אַלטער איינגעבויגענער יוד מיט אַ גרויסער גראָב-בייכיגער באַנדורע, גרעסער פון איהם. ער איז געבליבען ווי צוגעשמידט צום אָרט, איינגעבויגען דעם קאָפּ, אַזוי ווי עפּעס נאָכ־דענקענדיג. דערנאָך האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט מיט טריבע אויגען אין קראָם אַריין און געשעפּטשעט אַזוי ווי פאַר זיך:

אַי־אַי־אַי־אַי... אַי־אַ... אַזוי שטייסען!... אונז האָט מען אויך געשטיסען, אַי האָט מען געשטיסען... אָבער נים אַזוי... אַי גזלנים... גזלנים... אַי־אַי־אַי...

איך בין צוגעגאַנגען צום אַלטען און האָב געפרעגט:

— זיידע, ווען איז דאָס געווען?

— ווען? האָט „ער געענטפערט—פאַר ניקאָלאַיען! סלאַווא באָהו, פּראָסלאַשיל רוואַד־צאַט פּיאַ-ט ליעט! אַבגעדינט פינף און צוואַנציג יאָהר! וסיאַקאָיע ביוואַלאָ! אַלץ איז געווען! אַזוי שטייסען! אַי־אַי־אַי!...

דער אַלטער איז געווען שכורלעך. דאָס איז אַ ועלטענע ערשיי־נונג אין דער יודישער גאַס. נאָך וועניגער זעהט מען אַ יודען אַ נאַסען־מוזיקאַנט, נים קיין בלינדען. מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי אַזוי קומט ער דערצו. ביי איהם האָט זיך שטאַרק געפּלאָנטערט דער צונג, אַלע ווילע האָט ער, אַ טרייסעל טאָנדינג מיט דער באַנ־דורע, אַריינגעשטעלט דעם פינגער אין הימעל אַריין מיט די ווערטער:

יעסט באָך נאַ סוויעטיע! יעסט! ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! ס'איז דאָ! דאָס האָט ער געזאָגט מיט אַ טיפער איבערצייגונג און התלהבות, כאָטש ווי עס שיינט, האט ער נאָר נישט געקענט בריינגען אלס אַ בעווייז, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. פון זיך געוויס נים...

נאָר פּלאָנטערנדיג מיט דער צונג, האָט ער מיר דאָך איבער־

ער האָט מיר געזאָגט, אז ער איז איינגעשריבען אין צוויי חברות: „חברת תהילים" און „חברת חיי אדם". ער צאָהלט פּינקטליך און נעהמט אקוראט אלק פארטאג ביינאכט לערנען אין דער סאָלדאטסקער שוהל. ער האָט צוויי קינדער: א זוהן מיט א טאָכטער און אן איידים אין אמעריקא; די טאָכטער איז ביי איהם דערווייליג אויף קעסט. ער קלייבט איהר אויף הוצאות, וואָס עס פעהלט צו דער שיפס-קארטע, ווערבע דער מאן האָט איהר געשיקט, זי זאָל פאָהרען אין אמעריקא.

א טייל פון זיינע בעקאנטע, צו וועמען ער געהט אריין מיט א קעסטעלע שוועבעלאך, האָבען איהם ניט האָלד. זיי זאָגען, אז ער האָט ליעב א ביסעל בראנפען. נאָר ער האָט מיר געשוואוירען: „קאָק באָך סוויאט", ווי גאָט איז הייליג, אז ער נעהמט א כוסה נאָר דאן, ווען מ'איז איהם מכבד. קיין געלד גיט ער קיינמאָל ניט אוים. מ'קען איהם גלויבען. שכור איז ער קיינמאָל נים. עס איז אויך נים קיין גרויסע זינד: א מענש האָט אבגעדינט צוויי „סלושבעס", עהרליך, צו פינף און צוואנציג יאָהר—מעג ער נעהמען א ביסעל „משקה".

## קאָנטאָניסט נום. 2.

דאָס איז געווען ביינאכט אויף שאָפענער גאַס אין ווילנא. פון א קראָם האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען מורא'דיגע קינדערשע געשרייען און געוואלדען. דאָרט האָט א טאטע אונ'ברחמנות'דיג געשלאָגען א יונגעל. די גוואלדען האָבען צוגעצויגען אלע פארבייגעהער. יעדער פון זיי איז צוגעגאנגען צו דער אָפענער קראָם, פון וואנען עס האָבען זיך געריסען די הארצרייסענדע געשרייען, און איז געבליבען שטעהן, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס. די קולות האָבען באלד אויפגעהערט.

איך וויל דאָ שילדערן מײַן בעקאַנטשאַפט מיט אַ פּאָר פון די.

דאָס איז אַ קורצער יונגעל מיט אַ ברייטער ברוסט, אויף וועלכע עס הענגען אימער צוויי מעשענע מעדאַלען, וואָס ער האָט בעקומען אין קאַמפּף מיט׳ן „אויסערליכען״ און „אינערליכען״ שונא — אין קרימער קריג און אין פּוילישען אויפשטאַנד. ער נעהט אימער מיט נעמאָסטענע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט מאַרשירען אונטער דעם פעלדפעבעלס קאָמאַנדע. בשעת ער נעהט, שטרעקט ער אויס אַ פריהער די ברוסט מיט די צוויי מעדאַלען, מיט וועלכע ער שטאָלצירט שטאַרק.

נעדינט האָט ער עהרליך — אָבנעדינט צוויי דינסטען: איין מאָל פינף און צוואַנציג יאָהר ניקאָלאַי דעם ערשטען און נאָך אַמאָל פינף און צוואַנציג יאָהר. האָט ער ווילנער באַלעבאַטים וואַסער געטראָגען. אַז ער האָט אַ קוק געטאָן, אַז פון ביידע מלוכות איז איהם נור נעבליבען — אַ רעוומאַטיזם אין די פיס און אַ גרייד־גראָהע באָרד, האָט ער געזאָגט: האָרזשע! מעהר וויל ער ניט דינען.

ער האָט אויסגעזוכט זיינע צוויי מעדאַלען, האָט זיי פיין אויסגעפוצט און אויפגעהאָנגען אויף געלע בענדעלעך אויף דער ברוסט. דאַן האָט ער געקויפט אין קעשענע אַ פעקעל שוועבעלאַך — קליינע קעסטעלאַך, זיי זאָלען ניט פערנעהמען קיין גרויסען פּלאַץ, און האָט זיך געלאָזען — איבער די הייזער.

איך בעגעגען איהם אָפט ביי מיינעם אַ בעקאַנטען אין ווילנא. ער קומט אַריין ניט ווי אַן אַנדערער אָרימאַן. שטאָלץ נעהט ער צו און שטרעקט אויס, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, דאָס קליינע פּושקעלע שוועבעלאַך, און בעקומט דערפאַר אַ קאָפּיקע, אַמאָל צוויי, אַנטזאָגען אַנטזאָגט מען איהם זעלטען. אַז מ׳גיבט איהם זעצען זיך, עסען אַ מעלעריל זופּ, מהיכא תיתא, זאָגט ער זיך דערפון אויך ניט אָב. בעקומען די נדבה, ניט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל אוועק, אויסגעצויגען גלייך ווי אַ סטרונע, די פיס האַרט איינער צו דעם אַנדערען, פונקט ווי אַ סאָלדאַט, בשעת ער בעגעגענט אַ גענעראַל; שטעהט אַזוי אַ פּאָר סעקונדען, און פּלוצלונג ניט ער זיך ווידער, אויס׳ן מיליטערישען שטייגער, אַ דריי „פון לינקס אויף רעכטס״ און נעהט אוועק מיט שנעלע נעמאָסטענע

# קאנטאניסטען.

## קאַנטאָניסט נום. 1

אין דער עלטערער יודישער מאסע איז דאָ א טיפּ, וואָס שטאַרבט איס און וואָס ווערט זיך שוין געוויס מעהר ניט אומקעהרען. דער טיפּ דערמאָהנט אונז אָן די שרעקליכסטע מאָמענטען, וואָס יודען האָבען איבערגעלעבט אין רוסלאַנד אין די צייטען פון ניקאָלאי דעם ערשטען. דאָס זענען די יודישע קאַנטאָניסטען—די יודישע סאָלדאטען, וואָס מ'האָט זיי געכאַפּט און אָבגעגעבען, בשעת זיי זענען געווען קליינע קינדער. דער עלענד פון די מאַרטירער איז נאָך ניט אויסגעפּאָרשט, ניט דערצעהלט געוואָרען אין גאַנצען. אז איהר לייענט וועגען די „פּאָימאַניקעס” וועגען די „כאַפּער”, דאַכט זיך אייך, אז איהר לייענט פון גזרות, וואָס האָבען פּאַסירט מיט א סך הונדערטער יאָהרען צוריק. און דאָך איז פאַראַן מענשען, נאָך ניט זעהר קיין אַלטע, וואָס געדענ־קען דאָס, וואָס האָבען דאָס געזעהן מיט די אויגען. עס זענען ענדליך פאַראַן נאָך א סך פון די קאַנטאָניסטען־יודען, וואָס לעבען פאַר אונ־זערע אויגען, בלאָנדזשען אַרום אין די יודישע גאַסען, ווי א לעבעדיגע מצבה, וואָס דערמאָהנט אונז אָן דער ניט לאַנגינגער שרעק־ליכער פערגאַנגענהייט, אָן איינעם פון די דונקעלסטע בלעטער אין אונזער יודישער געשיכטע.

חאָט זיך נעלאָזט געהן, ניט ענטפערנדיג קיין וואָרט. נאָר מאַ־
כענדיג א פּאָר טריט, האָט ער זיך פּלוצלינג אבגעשטעלט, אוים־
געהויבען אויף מיר זיינע געדיכטע שווארצע ברעמען, און־
טער וועלכע, עס האָט פאר דעם שיין פון דער לבנה, א בליץ
נעטאן א דורכנעהמענדיגער, ליידענדער בליק... און חאָט שטיל
אַ זאָג געטאָן:

— פאר די שטעקענס...

אויף אזוי גרין און געל און אויסגעפּלעקט מיט שפּורען פון אויסגעטריקנטע טרערען, ווי דער תהילים. איך האָב זיך צוגערוקט אינסטינקטיוו נעהענטער צו מיין שכן. נאָר אין מחזור האָב איך ניט געקוקט. איך האָב געזוכט מיט די אויגען מיין חבר, ער איז געשטאַנען אַן א זייט, נעבען א שילער פון גימ־נאַזיום, איבער א מחזור: האָט געזאָגט הויך און בעגייסטערט מיט'ן גאַנצען עולם די „יעלות". איך האָב פון מיין חבר די אויגען ניט אראָבגענומען. ער האָט געזאָגט מיט'ן עולם גלייך די אלע איבעריגע תפילות, געשלאָגען זיך אין הארצען „על חטא". נאָכ'ן דאַווענען זענען מיר ארויסגעגאַנגען בעזונדער, הינגעריסען יעדער פון א בעזונדער שטראָם אידען. ערשט אויפ'ן גאַס זענען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען און געלאָזט זיך געהן אהיים. די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, א ליכטי־גע. אין דער לופט האָט געהערשט א הערבסטיגע פרישקייט און א פייערליכע שטילקייט. מיר זענען געגאַנגען איינער נעבען דעם אנדערן, שווייגענדיג. מיר האָבען געוואוסט, אז יעדער וויים, וואָס ביי דעם אנדערן אין דער נשמה טוט זיך. מיר האָ־בען מורא געהאַט צו שטערען דעם שטילען צויבער פון דער נאַכט און די טיפע און זיסע קלעמענעס פון אונזער נשמה.

אזוי זענען מיר געגאַנגען ביז איבער דעם סניפּישאָקער בריק. דאָ האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט. מיר האָבען, שוויי־גענדיג, זיך געגעבען די הענד, צו שיידען זיך. נאָר פאַר מיין אוועקגעהן פון איהם, האָב איך, נאָך האַלטענדיג זיין האַנד, איהם א וואָרף געטאָן:

— הער!... מילא „כל נדרי", די „יעלות"... דאָס אלץ פערשטעה איך נאָך... סוף כל סוף איז דאָך ניט דער עיקר דער בוכשטעבליכער זין פון די ווערטער, נאָר די געהויבענע, וואָ־רימע, אונענדליך זיסע און אונענדליך שמערצליכע שטימונג. וואָס א פאַלק פון מאַרטירער האָט אין זיי אריינגעלעגט פאַר די טויזענדער יאָהרען פון זיין מאַרטירערטום, אָבער „על חטא"... פאַר וואָס האָסטו זיך געשלאָגען?

מיין חבר האָט ארויסגענומען זיין האַנד פון מיינע און

האָב זיך בענעגענט מיט די פּאָר אויגען פון יענעם אַלטען סר־ליער. איך בין אין דעם אויגנבליק געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז ער, געוויס, און נים קיין אַנדערער. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט מיך דערקענט; אַז ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן יענעם טאָמענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ ווייטיגען, אַ בע־האַלטענעם קוק געטאָן, און פון דעם קוק האָט זיך מיר דאָ אויס־געדאַכט, אַז ער וועט אָן מיר נקמה, און דאָ האָט מיר אויסגע־וויזען, אַז ער האָט אויף מיר רחמנות. זיין בליק איז געווען פערטרויערט און דערשלאָגען, אָבער מיינער — אויך נים בע־סער. ער האָט צוגערוקט אין מיין זייט זיין גרויסען תהילים, מיט די אַלטע גרוי־געלע בלעטער, וועלכע זענען אויסגעווייקט גע־ווען פון טרערען, וואָס ער אַליין און גאַנצע דורות פאַר איהם, האָבען אויף זיי, אויף די בלעטער, געגאָסען. ער האָט עפּעס געמורמעלט איינוויקלענדיג זיך איבער די אויגען אין זיין טלית און באַלד נאָכדעם, וויעדער אויפגעהויבען דעם טלית, ווארפענ־דיג בליקען, דאָ אויף מיר, דאָ אויפ'ן תהילים, דאָ אויפ'ן בעל תפילה, וואָס איז שוין געשטאַנען אין טלית און קיטעל ביים עמוד, און האָט זיך מכין געווען צו דער „עבודה" מיט שטילע איינגעהאַלטענע בכיות.

אין מיין שכן'ס מורמלען זענען קיין ווערטער נים געווען. נאָר אין מיין אויער האָבען דאָכט זיך געקלונגען דייטליך די ווערטער: „גו זעהסט... ביזט געקומען צוריק... אהער... צו אונז... דיין רעוואָלוּווער האָט דיר געהאָלפען נים מעהר, ווי אונז די תפילות... ביזט שוואַך און דערשלאָגען, אַזוי ווי מיר... סאַ. קום אהער... ביזט שוואַך און דערשלאָגען... אַזוי ווי מיר... טאַ לאָמיר כאָטש זיין אין איינעם... „עמו אנכי בצרה", צוזאַמען אין נויט און אין פיין...

איך האָב זיך אַזוי ווי אויפגעצוכעט. דער חזן האָט שוין געהאָט אָבגעזאָגט „כל נדרי" און האָט שוין געהאַלטען „יעלה". מיין שכן, דער מוליער, האָט צוגערוקט צו מיר אַ ברעג פון זיין מחזור, וואָס איז אויך געווען אַזוי גרויס, און זיינע בלעטער

— וואוהין? — האט איהם מיין בעקאנטער געפרעגט.

— אין שוהל צו „כל נדרי“.

רעדען איז נים געווען וואס. אלע טעמעס פון טאג האט מען שוין איבערגעדראשען. די איינזאמקייט און דער אומעט האבען געדריקט די נשמה. עס האט זיך געוואלט זיין ערגעץ אין טומעל, רייבען זיך צווישען עולם.

דער חבר האט איינגעשטימט. מ'איז אוועק אין שוהל. נאר דא וועל איך ווידער איבערגעבען מיט די ווערטער פון מיין בע־קאנטען.

„מיר זענען געקומען אין שוהל — דערצעהלט ער — האט מיר עפעס א מאדנער שוידער געטאן. איהר וועט גלויבען?... מיר האט פלוצלינג א בליץ געטאן יענער אויגענבליק, יענע סצע־נע, אין יאהר 1905. פון דעמאלט אן בין איך אין שוהל נים געווען, בין, בכלל, אין א שוהל נים געווען. מיר האט א בליץ געטאן און אין מיר איז עפעס פארגעקומען א מאדנע זאך. די פינף יאהר זענען אזוי ווי אויסגעלאשען געווארען אין מיין זכרון. מיר האט זיך אין פלוג פארגעשטעלט, אז דאס איז א פארטזעצונג פון יענעם מאמענט, אין יאהר 1905; דא איז ווירקליך גאר נישט געענדערט געווארען: די זעלבע דערשלאגע־נע, בלאסע פנים'ער, אבער דער בליק איז דאך געווען, ווי אין יענעם מאמענט, פול מיט הייליגער בעגייסטערונג און גלוי־בען: א נשמה־ווארימקייט. די ווארימקייט וואס קומט פון איי־נינקייט אין גלויבען, איינינקייט אין האפען, איז געווען אויס־געגאסען איבער דער גאנצער שוהל. מיר זענען געקומען, איצט אזוי ווי דעמאלט, איינינע מינוט פאר „כל נדרי“. דער עולם איז געווען פארטיפט, ווער אין „תפלה־זכה“ פון די הונדערטער לאנגע און גראבע וועקסענע און סטעארין־ליכט, און פון דער ענג צונויפגעדריקטער מענשען־מעננע איז די לופט געווארען געדיכט און הייס. אין שוהל איז געווען א דערשטיקענעס. נור די שטילע, פרומע שטימונג, האט מיך אויך דורכגענומען מיט איהר ווארעמקייט. איך בין געשטאנען ביי א זייט פון בימה, געקוקט אויפ'ן עולם, און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז איך

ביסלעכווייז איבער א נייעם צו די שטילע וויינענדיגע תפילות. ביז וואנען עס האט ניט א קרעכץ געטון דער אימה'דיגער „כל נדרי". צו דערזועלבער צייט האט זיך אבגעשפילט דיזעלבע סצע־נע אויפ'ן שוהל־הויף, אין דער קבראנישער שוהל (אין דער נרווי־סער שוהל דערביי האט מען מורא געהאט), און אויף נאוונאראד איןביידע ערטער האט גאר נישט פאסירט. אויף נאוונאראד האט זיך דער שמש א ווארף געטאן צום טיר מיט געשרייען „גאראדאוואי". נאר איינער פון די דאוונער־באלעבאטים, א יוד פון די אלטע משכילים האט איינגעהאלטען דעם שמש און איינגעשטילט דעם עולם. קיין ווירקונג אין דעם זינען, ווי מיר האבען געוואלט, האט אלענפאלס ניט דא, ניט דארטען אונזער רעדנער ניט געהאט. דער רעדנער פון סניפישאקער שוהל — א סטודענט, האט שפעטער געמאכט מיט זיין רעדנער־טאלאנט א גוטע קאריערע. אין איהם האט זיך איינגעליבט א גביר'שע מיידעל און ער האט איהר גענומען צוזאמען מיט... צוואנציג טויזענד רובל נדן.

## 2.

## אין יאהר 1910

דאס איז אויך געווען צו „כל נדרי" אין דערזועלבער שוהל, אויף סניפישאק. מיט א שעה פריהער, אונגעפעהר, איז גע־זעסען מיין בעקאנטער אינטעליגענט מיט זיינעם א חבר ביי יענעם אין צימער. זיי זענען געזעסען און דעבאטירט וועגען א אידישער פאלקס־שוהלע, וועגען אידיש, בכלל, און איהר צו־קונפט — א טעמא, וואס איז דאן געווען שטארק אין דער מא־דע. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. די באלעבאטים מיט זייע־רע קינדער זענען שוין לאנג אוועקגעגאנגען צו „כל נדרי", אין צימער איז געווען אימה'דיג: אן אומעט איז געלעגען אונטען אין גאס. מיין בעקאנטענס חבר — א געוועזענער טעטיגער בונדיסט — האט זיך די דעבאטע צוגעגעסען, ער האט א גענעץ געטאן, א הויב געטאן זיך, און געזאגט צום חבר:

— „קום" !...

געז ניט צו צאָהלען פאַר אַ שטאָדט, מעהר ווי עטליכע גילדען, זיי האָבען מיר געמיינט... צו ז י י האָבען מיר גערעדט. נאָר זיי האָבען זיך גאָר ניט געקעהרט צו אונזערע רייד. עס שיינט, אז זיי האָבען גאָר ניט געהערט. נאָר זייערע טיף בעליידיגטע שטומע בליקען האָבען זיי איינגעשפּאַרט אין די שטעקענס. מיט איין פּאָר אַט פון די אויגען האָב איך זיך בענגענט. דאָס איז געוועזן אַ דערשלאָגענער איד, אַ טאָג־ארבייטער, צי אַ מוליער. פון די וואָס געהען זייער גאַנצען לעבען געבויגען; וואָס קענען ניט זיין אין כעס, ווייל זיי האַלטען אין איין ציטערן, טאָמער איז יענער אין כעס, און אַט די פּאָר אויגען האָבען געבליצט מיט צאָרן, מיט האַס געגען מיר. איך האָב מיך געפיהלט זעהר שלעכט. דעמאָלט האָב איך מיר ניט געקענט אָבגעבען קיין רעכ־נונג, וואָס עס האָט פּאַסירט אין מיין נשמה און אין דער נשמה פון יענעם אַלטען. נאָר איך האָב מיך געשפירט ווי איינער, וואָס האָט נאָר וואָס בעגאַנגען אַ שווערען פאַרברעך.

נאָך היינט שטעהען מיר יענעם'ס בעליידיגטע בליקען פאַר די אויגען און — די שטעקענס... די שטעקענס וועל איך מיר קיין מאָל ניט מוחל זיין.

איך וויים ניט מיט וואָס די סצענע וואָלט זיך געענדיגט. נאָר פּלוצלינג האָט אונזער אַ פּאַטרול, געגעבען אַ סיגנאַל, אז פּאָליציי געהט. מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען אין אונאָרדנונג, ווער דורכ'ן טיר, ווער דורכ'ן פענסטער, און אין איין מינוט איז אונזער חברה מיט'ן רעדנער, צעלאָפען געוואָרען. דאָס איז גע־וועזן מעשה טרוסען. מיר האָבען אַלענפאַלס געדאַרפט אָבטרע־טען מיט שטאָלץ, מיט אַ סדר, ניט ווי גאַסען־איינגלאָך. עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אז פּאָליציי איז גאָר ניט געגאַנגען, נאָר דער איין איינציגער, גאַראָדאָוואָי איז, מאַכענדיג זיין מאַרשרוט, הין און צוריק, איבער זיין פּאָסטען, צוגעגאַנגען מעכאַניש אַ פּאָר טריט נעהענטער צום שוהל. און באַלד געגומען זיין וועג צוריק. אין שוהל, ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבען, האָט דער שמש באַלד נאָך אונזער אוועקגעהן אַ פּאַטש געטון, און דער עולם האָט ווי אראָבגעוואָרפען פון זיך אַ שווערע מרה שחורה, זיך גענומען

נאר געהערנמער צו דער מיר, פשוטע, אָרימע יודען, וועלכע האָ־בען ניט וואס אנצואווערען, האבען ניט געקענט איינהאלטען זייער כעס. איך האב אראבגעקוקט צו זיי פון דער בימה. איך האב געוואלט זיך איינהערען, וואס זיי רעדען. נאר אין דעם געמורמעל האב איך נאר פערנומען צוויי ווערטער: „שטע־קענס"... „יום כפור"...

„איך האב בעמערקט, אז דאס האבען זיי אונזערע שטע־קענס מורא'דיג אויפגעבראכט.

איהר פערשטעהט! נאר די שטעקענס, די ברוינינגס ניט. אין יענעם שרעקליכען מאמענט, ווען אלע יודישע שטעדט זע־נען געלעגען אין שרעק, ערווארטענדיג יעדע מינוט פאגראמען, האבען יודען צום ברוינינג געפיהלט אפילו דרך ארץ, און מ'האט פערשטאנען, אז מיט'ן ברוינינג טאר מען זיך ניט שיידען, אפילו אום יום כפור. אבער די שטעקענס... מיט שטעקענס אין א מקום קדוש... יום כפור...

אונזער רעדנער האט אבגעזאגט זיינס. די טעמא איז גע־ווען ניט קיין נייע. מ'האט זי אפט געברויכט, אין יענעם מאמענט, אין די שולען, בעזונדערס — „תשעה באב" און יום כפור.

א שטיינער:

„טויזענדער יאהרען, ווי איהר זיצט אויף דער ערד, זאגט תהילים און קנות, רייסט די הימלען מיט אייערע תפילות, האט דאס אייך געהאלפען? ווארפט אוועק אייערע נארישקייט, פער־פאקט אייערע קנות מיט די תפילות אין ארכיוו, פעראייניגט אייך, וועט איהר זיין א מאכט. איצט איז געקומען די צייט ניט צו קלאגען און זיך שלאגען „על חטא", נאר ארויסצוגעהן אין קאמף מיט ביקס און שווערד — נעמען דעם פיינד".

קיין סך בעגייסטערונג פאר אט דער דרשה האט מען ניט געדארפט. יעדער רעדנער האט דעם נוסח געקענט אויף אויס־ווענדיג. קיינער פון עולם האט גאר נישט געענטפערט. טוידט שטיל איז געווען אין שוהל. אונטען, אויף ד ע ר וייט בימה, וואס צום טיר זענען געזעסען ארימע לייט, וואס פערמאָ־

„איך בין ארויף מיט דעם רעדנער אויפ'ן בימה — דער־צעהלט מיר מיין בעקאנטער — ארומגערינגעלט מיט א קייט פון עטליכע געזונטע „יאטען" מיט ברויניננס אין די קעשענעס.—ביין טיר איז געבליבן אן אנדער וואך, אויך מיט שטעקענס און רעוואלווערס אין די הענד. ארויס האט מען קיינעם ניט געלאזט. אריין האט מען געלאזן, אבער נור פשוט'ע יודען. פארשוינען, וואס האבען געהאט א פערדעכטיגען פנים, האט מען פערהאלטען אין פאליש. דארטען, ביי דער טיר פון אינע־ווייניג איז געשטאנען א בעזונדער אבטיילונג פון דער וואך מיט דיזעלבע כלי זיין. די גאנצע גאס, פון שוהל ביז'ן בריק, איז געווען בעוואכט פון אונזערע פאטרולען. איך וועל קיין מאל ניט פארגעסען די סצענע, וואס האט זיך דאן אבגעשפילט אין שוהל. דער עולם האט זיך צום אנהויב מורא'דיג איבערגעשראקען. מ'האט געמיינט, אז ס'איז א פאגראם, און מ'האט זיך א שאט געטאן צו דער טיר. נאר די וואך, מיט די ברויניננס אין די הענד. האט געמעלדעט, אז קיינער זאל זיך ניט ריהרען פון ארט.

— מיר וועלען נאר נישט טאן, — האבען מיר געמעלדעט.
— נאר אונזערער א רעדנער וויל זאגען פאר'ן עולם א פאר ווערטער.

„דער פראלעטארישער עולם ביין טיר, אויף די הינטערשטע בענק, איז געבליבען פערגליווערט אויפ'ן ארט. דערנאך איז מען בּיסלעכווייז געקומען צו זיך און מ'האט אויפגעהויבען נייגעריג די קעפ צו דער בימה. פון מזרח־וואנד אבער האבען א פאר באלעבאטים געוואלט אויפרייסען די פענסטער און ארויס־שפרינגען, אדער מאכען א געוואלד. אונזער „אכראנע" האט ראס אבער באלד בעמערקט; מ'האט אויפגעהויבען העכער די ברויניננס און געהייסען קיינעם זיך ניט ריהרען פון ארט.

— מיר וועלען אייך ניט שטערען — האט אימיצער אויף דער בימה, פון אונזערע, דעם עולם ערקלערט. — מיר וועלען אייך נאר זאגען עטליכע ווערטער און וועלען אוועקגעהן. א שטי־לער געמורמעל האט זיך געהערט ארום אונז. די מזרח־לייט האָ־בען געשווינגען מיט פערביסענע ליפען און פערהאלטענעם צארן.

וואלוציאנערן גייסט, וועלכער האט געשוועבט ארום יעדער יודי־שער וואוינונג. לעער איז אויך געווען אויף סניפּישאָק. צווישען גרינעם בריק, וואס הענגט דאָ איבער דער טייך „ווילייע“, און סניפּישאָקער שוהל, איז מעהר ניט אומגעגאנגען ווי איין נוי— דער גאַראַדאַוואָי פון יענעם צירקעל; איז אומגעגאנגען אויף דער שטרעקע פון זיין ראיאָן (דיסטריקט), צוקומענדיג אלע צעהן, פונפצעהן מינוט נאהענט צו דער שוהל, און דאך מורא האבענדיג צוצורוקען זיך גאנץ נאהענט און אריינקוקען אין די פענסטער.

אין שוהל גופא האט זיך דער עולם געגרייט צו דער גרוי־סער „עבודה“, צו „כל נדרי“. דערווייל‏ע האט מען אויף די בענק און איבער די סטענדערס שטיל געכליפּעט איבער דער „תפילה זכה“, ניט וואגענדיג אויפהויבען דעם קול און אפילו דעם קאפּ. דאס זענען געווען בלויז רעפעטיציעס פון די גרויסע טענות, וואס יודען האבען געהאט צום „רבונו של עולם“, פאר דעם גרוי־סען פּראָצעס, וואס האט זיך געזאלט באלד אנהויבען.

פלוצלונג האט זיך האסטיג געעפענט די טיר פון שוהל. די לופט האט געגעבען א ציטער. די וועקסענע ליכט האבען מיט שרעק אויפגעהויבען די פלאמען און א קער געטאָן זיך צום ארון קודש, ווי זיי וואלטען וועלען אנטלויפען. א שארפער גע־רויש און א קלאַפּעריי פון שווערע שטארקע טריט האט זיך דער־הערט. יודען זענען אויפגעשפּרונגען פון די תפלה זכה׳ס און תהילים׳ס, און אלעמענס אויגען האבען מיט שטוינען זיך גע־ווענדט צו דער טיר. דארט זענען געשטאנען ביי א צעהן גע־זונטע יונגען, דער גרעסטער טייל פון זיי מיט גראבע שטעקענס אין די הענד פון אייגענער ארבייט, ווארום דאס זענען געווען מעהרסטענטיילס, סטאָליארעס. ביי עטליכע האבען געבליצט רעוואָלווערס אין די געזונדע פויסטען.

נאר וואס ווייטער האט פּאסירט וועל איך אייך איבערגע־בען מיט די ווערטער פון מיינעם א בעקאנטען, וועלכער איז אויך דעמאלט געווען, צוזאמען מיט דער „חברה“, צו „כל נדרי“ אין דער סניפּישאַקער שוהל.

---

# „צוויי כל נדרי'ס"

## אין יאָהר 1905.

איך שרייב דאָ ניט קיין בעלעטריסטישע סקיצע. איך שיל־דער אזוי ווי עס האָט פּאסירט אין דער ווירקליכקייט.

דאָס איז געווען אין „יענע טעג" ערב דער גרויסער רוסי־שער רעוואָלוציע, מיט א פּאָר וואָכען אונגעפעהר פריהער פאר דעם אָקטאָבער־מאניפעסט. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט רעוואָלוציע. נאָך קיין מאָל האָט דער נאָמען „ימים נוראים", „פורכטבארע טעג" ניט געפּאסט אזוי צו די צעהן טעג צווישען „ראָש השנה" און „יום כפור", און דער נאָמען „סטראַשנאיאַ נאָטש" „שרעקליכע נאכט", וואָס די גוים רופען אין רוסלאנד די נאכט פון „יום כפור", האָט נאָך קיינמאָל אזוי ניט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט ווי אין יענער נאכט צו „כל נדרי" פון יאָהר 1905. די גאסען זענען געווען מענשען־לעער. די לעער־קייט איז אבער געווען ניט קיין אונהיימליכע. אין איהר איז געלעגען א געהיימע שטומע פייערליכקייט. איינצעלנע גוים, וואָס פלעגען צופעליג אריינפאלען אין דער אידישער גאס, פלעגען, ווי מורא האָבענדיג פאר זייערע אייגענע טריט, זיך איילען אויף ניך אריבער צו לויפען, דאָס מאָל שרעקענדיג זיך ניט פאר דעם יודישען „כאָפּון" פון דער קריסטליכער „יום־כפור"־לעגענדע. נאָר פיהלענדיג זיך, ניט ווילענדיג, דורכגעדרונגען פון דעם רע־

# פערשידענעס.

ירצה השם" פארדינען. זאל אייך גאט העלפען! איך פארגין אייך. אבער אזוי ביליג, ווי די „טיטאניק" וועט דאס ניט געהן. איהר וועט געבען א רעכטען מקח, וועלען מיר מאכען געשעפט.

מיט גרויס מיה האט זיך מיר איינגעגעבען, ווי עס איז, צו ענטטווישען דעם בלינדען אין זיין פארשטעלונג וועגען מיר, אלס דרוקער און פערלעגער. פון יוצא זיין וועגען האב איך ביי איהם געקויפט א געדרוקטען עקזעמפלאר „טיטאניק" און איבערגעשריבען עטליכע „פערזען" (סטראפען) פון זיין „העפטעל", בעצאהלענדיג איהם צו 15 קאפיקעס א „פערז", און דאסזעלבע פאר'ן „טיטאניק".

ביין געזעגענען זיך האט ער מיך אפילו געבעטען אריינקרמען נאך אמאל, אז איך וועל זיין אין נאוואגראד. אבער, ווי עס האט געשיינט, האט ער נאך אלץ ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, אז איך בין ניט קיין אגענט פון „צענטראל". נאר גלאט א איד. וואס האט ליעב אלטע לידלאך.

און אז באַלד נאָך דער חתונה וועלן זיי, זיינע טעכטער, אויס־געבען אין גאַנצען די מוזיק־ביזנעס.

אַ חוץ די צוויי מיידלאַך האָט דער בלינדער נאָך פיער קינדער: צוויי קלענערע אינגלאַך האָבען געשלאָפען אויפ'ן בעט. אַ פערצעהן־יעהריגער אינגעל איז שוין אויך אַ מוזיקער. ער שפּיעלט אין מיליטערישען אָרקעסטער און פערדינט אויך פינף און צוואַנציג רובל אַ מאָנאַט. די מיידלאַך דאַרפען אפילו האָבען פאַר זיך דעם פערדינסט. פונדעסטוועגען — זאָגט דער בלינדער — אז ס'פעהלט עפּעס, אַדער מ'דאַרף האָבען דירה־געלד, גיבען זיי. אַ ברירה האָבען זיי...

— אַזוי וואָלט זיך געלעבט נישט קשה, — דערקלערט מיר דער בלינדער — נאָר עס פעהלט כח. ער איז שוין שוואַך אין געזונד. ביי נאַכט שלאָפט זיך ניט. אפילו דאָס גופא, וואָס ער שלאָפט ווייניג ביי נאַכט האָט איהם פאַר אַ „ליעדער פער־פאַסער" געמאַכט, אַלע פערציג ליעדער (די מיידעל האָט דער־ווײלע געפונען דאָס ליעדער־העפטעל און מיר דערלאַנגט) האָט ער פאַרפאַסט ביי נאַכט, ליגענדיג אין בעט. די טעמע האָט ער גענומען, מעהרסטענס, פון די טאָג־געשעהעניסען. וואָס ער האָט זיך עפּעס פערלאָפען אין שטאָדט — אויף מאָרגען איז שוין געווען ביי איהם פאַרטיג אַ לידעל. פון דעסטוועגען איז דאָ צווישען די ליעדער אויך ניט מאָמענט־זאַכען, נאָר אויך אַלגע־מיינע טעמעס. אַ שטויגער: דער „מלוה", דאָס „געלד", דער „גנב", די „שלעכטע מערכה", „דער טו ט'". די „מצבה" און אַנדערע. די שפּראַך הויבט זיך ערטערווייז אויף צום נאַאיווען סטיל פון אַ פאָלקס־דיכטער. נאָר מעהרסטענטיילס איז דאָס ליעד צופיעל צוצויגען (דאָס פאָדערט די ביזנעס: ער זאָל קענען זינגען אַ לענגערע צייט). און שטאַרק נאַכגעמאַכט די ברחנישע ליעדער.

דער בלינדער „מיטאַניק־פּאָעט" האָט געוואַרט ביז איך האָב איבערגעקוקט דאָס העפטעל און האָט מיר מיט ביזנעס־וויכטיג־קייט און ערנסט געמעלדעט:

— נו, וואָס זאָגט איהר? גוטע סחורה? איהר ווייסט „אַם

פון זיי איז גלייך מיט מיר אריין אין שטוב. אין א קורצע צייט ארום — א צווייטע. יונגע קינדער פון זעכצעהן ביז אכטצעהן יאהר).

— זיי שפילען אין קינעמאטאגראף, — האט ער זיי מיט שטאלץ מיר פארגעשטעלט, און פערדינען ביידע זיבעציג רובל א חודש.

אי מיט'ן געהאלט, אי מיט דער פראפעסיע פון זיינע מיידלאך האט זיך דער בלינדער שטארק געגרויסט. נאך פריהער, בשעת ער האט אין בוכהאנדלונג מיר געגעבען זיין אדרעס, האט ער מיט גאוה צוגעגעבען: איהר וועט פרעגען דערביי אין קרעמיל: דער בלינדער, וואס זיינע מיידלאך שפילען אין קינעמאטאגראף.

אויף מיר האט די ידיעה ניט געמאכט קיין גוטען איינדרוק. איך ווייס, אז די קינעמאטאגראפען אין רוסלאנד, ווי אין אמעריקא, זענען זעהר אפט נעסטען פונ'ם פרויענהאנדעל. די אייגענטימער פון זיי ברויכען ניט זעלטען אלס מוזיקער קינדער פון ארימע לייט, וואס בעזיצען טאלאנט צו שפילען, איבערהויפט יונגע מיידלאך, אלס צוציהונגס־שטאף פאר זייערע שענדליכע ביזנעס. אזוינע ארימע יודישע מיידלאך־מוזיקאנטען קענט איהר אפט טרעפען כמעט אין אלע גרעסערע שענקען און רעסטאראנען, וואו די מוזיק איז די לעצטע יאהרען געווארען א שטענדיגער צוציהונגס־מיטעל פאר די טרינקער. די דאזיגע שענקען, אזוי ווי די טעאטערס פון די „מואווינג־פיקטשורס" זענען אויך אפט צענטרעס פאר פרויען־האנדעל. ס'איז זיך דעריבער לייכט פארצושטעלען, ווי פערדערבליך זיי ווירקען אויף דער זיטליכקייט פון די אידישע מיידלאך.

אין אט דעם פאל בין איך אבער באלד געווארען בערוהיגט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דעם בלינדענס טעכטער האבען שוין חתנים — עהרליכע בחורים, טאקע שכנים דא דערביי. איינער איז א פאבריקמאכער, דער צווייטער — א שטעפער. זיי נעהמען די מיידלאך ווי זיי שטעהען און געהען.

דער בלינדער און זיין ווייב האבן גלייך גענומען ריין מאכן א בענקעל און מיך געבעטן זיצן. עטליכע יונגע לייט, וואס זענען געזעסן ארום טיש און געשפילט אין קארטן, האָ־בען זיך אויפגעהויבן דרך ארץ'דיג און פארלאָזן די שטוב.

דער בלינדער האָט מיר פריינדליך אויסגעשטרעקט די האנד.

— נו, הייסט דאס, איהר זייט געקומען זעהן מיינע סחורה? ברכה'קע, זוך אויף, דארטען, אין קעסטעל אונטער בעט דארף ליגען די „טעטראדקע"! (העפט) — האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַכטער, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן.

די מיידעל איז אוועק זוכען און איך האָב דערווייל בע־טראַכט די שטוב מיט די באַלעבאטישקייט.

די שטוב איז בעשטאַנען פון איין קאַמער, א גאַנץ גע־רוימער. א גרויסע רוסישע אויוון מיט א „ווענטעל" פון ציי־געל צוגעצויגען צו דעם אויוון. עס זאָל בעסער ווארעמען די שטוב. אין מיטען צימער און ביי די זייטען זענען געשטאַ־נען אין אונאָרדנונג: בענקלאָך — אויף זיי און אונטער זיי פארשיידענע שטובינע כלים און קינדערשע בגדים און שיכ־לאך. ביי דער וואנט — א בעט מיט צוויי קינדערלאך אויף איהר, הארט צוגעטוליעט איינער צום אנדערן.

אויך טישען זענען געווען צוויי, ווי מיר האָט אויסגע־וויזען: איינער א געוועהנליכער מיט א שמוציגען טישטוך פער־רעקט; דער צווייטער — א משונה'דיג־לאנגער, פון איין זייט ברייט און פון צווייטען שמאָל — אויך איבערגערעקט מיט עפעס א מין סערוועטע.

— עפעס א מאָדנער טיש — האָב איך בעמערקט דעם בלינדען באַלעבאָס. — אויף וואָס דארפט איהר צוויי טישען?

דער בלינדער האָט א שמאַלצען שמייכעל געטאָן:

— דאָס איז נים קיין טיש, דאָס איז א פאַרטעפּיאַן.

—א פאַרטעפּיאַן? — האָב איך זיך פערוואונדערט: ווער שפילט ביי אייך?...

— מיינע צוויי מיידלאך. זיי שפילען פידעל אויך. איינע

— יע, יע!... האָט ער מיך איבערגעשלאָגן. און האָט מיר בעשטעטיגט דעם פאַקט, אַז ער האָט פערציג ליעדער איינגענע.

איך האָב איהם געבעטען איבערזינגען מיר דאָס ליעד פון „טיטאַניק“ און דיקטירען די ווערטער, וועלכע איך האָב פערשריבען. ער האָט פון מיר און אַנדערע צוהערער בעקומען אַ שענע פּאָר קאָפּיקעס. ער האָט מיך געגעבען זיין אַדרעס און איך האָב מיט איהם אָבגערעדט קומען צו איהם אַ קוק טאָן זיינע ליעדער און אויב זיי וועלען מיר געפעלען, וועל איך זיי איבערשרייבען, ס׳פערשטעהט זיך, ניט אומזיסט.

איך דאַרף דאָ צוגעבען, אַז מיין נייער בעקאַנטער, דער טיטאַניק־פּאָעט, האָט, אוועקגעהענדיג מיט דעם האַלבען רובל, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער בוכהאַנדלונג, גערעכענט, אַז איך האָב איהם אָבגענאַרט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך בין אַן אַגענט פון פערלאַג „צענטראַל“, וועל דאָס אָבדרוקען און מאַכען שטיקער געלד. דעריבער האָט ער זיך אַליין צוגעאיילט, אָבגעדרוקט באַלד נאָכדעם זיין „טיטאַניק“ אין אַ קליין ביכעל און, זינגענדיג דאָס ליעד וועגען דער „קאַטאַסטראָף“ אין די ווילנער הויפען, בשעת מעשה פאַרקויפט דאָס געדרוקט ביכעל צו פינף קאָפּיקעס אַ שטיק. דאָס איז געווען אַ פּראַקטיש־אויסגערעכענט שטיקעל ביזנעס. מ׳זאָגט, אַז ער האָט געשמאַק געלייזט און פערדינט עטליכע רובל.

מיט איינינגע וואָכען שפּעטער, נאָך מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט׳ן פּאָעט פון דער „טיטאַניק“ בין איך געווען אויף נאָווגאָראַד און האָב בעזוכט דעם בלינדען מוזיקאַנט, מיין נייעם בעקאַנטען.

דער אינגעלע, וואָס האָט איהם דעמאָלט געפיהרט, האָט עפענענדיג די טיר, מיר גלייך דערקענט און אַ געשריי געטאָן אין שטוב אַריין:

„טאַטע, אט געהט ער!“

דערפון האָב איך פערשטאַנען, אַז מ׳האָט אויף מיר שטאַרק געוואַרט און אָפט וועגען מיר גערעדט.

אנדערע נגונים, וואָס די בלינדע בעטלער שפּילען און זינגען אין די טויערן.

נאָר דעמאָלט האָט דער טעקסט מיט'ן נגון געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק אויפ'ן עולם, און דער בלינדער מוזיקאַנט האָט געהאַט עטליכע גוטע טעג. אויף מיר האָט די סצענע גע־מאַכט אַזאַ רושם, אז איך האָב אָבגעוואַרט ביז די גאַנצע ליע־דעל איז אויסגעזונגען געוואָרען און דער עולם איז זיך צו־גאַנגען, און האָב דעם אינגעל, וואָס פיהרט דעם בלינדען, אריינגערוימט אין אויער, ער זאָל געהן נאָך מיר. איך האָב ארויפגעפיהרט דעם בלינדען „טיטאַניק - בעקלאַגער" אין א בע־קאַנטע אידישע בוכהאַנדלונג און האָב איהם געבעטען פאַר־זאָגען מיר זיין ליעדעל און איך וועל זי פאַרשרייבען.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איך און דער בלינדער־אידעל זענען מיר איינער דעם אנדערן ניט גאָר אונבעקאַנט. מיר האָט דערציהלט מאַטקע דער פורים־שפּיעלער, אז ער האָט א בעקאַנטען בלינדען פידעל־שפּילער, וואָס האָט אַליין געמאַכט גאַנצע 40 ליעדלאך. איהם ווידער האָט מיין בעקאַנ־טער פורים־שפּילער איבערגעגעבען, אז ס'איז דאָ עפּעס א „משוגענער" איד, וואָס קויפט אויף אַלטע ליעדלאך און צאָהלט פאַר זיי נאָר נישט קשה'דיג. (דער פורים־שפּילער האָט גע־כאַפּט פאַר „זיין" פאַרשטעל מיט'ן דיקטירען די פורים־שפּיל— עטליכע קערבלאַך). דער „טיטאַניק־זינגער" האָט די ידיעה פאַרשטאַנען אויף זיין שטייגער און האָט געלאַכט פון מאַט־קען:

— א משוגענער, זאָגסט דו? ער איז שוין גאָר קיין משוגענער ניט! הייגט, ברודער, איז אַזאַ סחורה, ווי ליעד־לאך—קוראַנט! עובר לסוחר! דאָס איז גוט צו וויסען. מ'דאַרף מיט איהם א שמועס טאָן.

„עהע, איך האָב אייך טאַקע געפּאַקט, — האָט ער זיך אנגערופען צו מיר מיט א נאַאיוו־כיטרע מינע, אוועקשטעלענ־דיג די פידעל אויפ'ן טיש און אַבווישענדיג די וואָנצען פון שנייי. מ'האָט מיר געזאָגט וועגען אייך".

—דאָס זייט איהר יענער? מאַטקע דעם פורים־שפּילערס...

# דער בלינדער פּאָעט פון דער „טיטאַניק"

אין איינינע טעג ארום נאָך דער שרעקליכער קאַטאַס־טראָפע פון דער גרויסער אמעריקאנער שיף „טיטאַניק", איז געשטאַנען אין א טויער פון גיטקע טויבעם זאוואָוליק אין ווילנא א בלינדער און האָט, צושפּילענדיג מיט זיין פידעל גע־זונגען אויף איהר זיין קינה:

געוויס האָט איהר אין די בלעטער געלעזען,
וואָס אויפ'ן ים האָט ניט לאנג געשעהן;
פון דער קאטאסטראָף, וואָס עס איז געוועזען
מיט דער שיף „טיטאַניק", וואָס עס איז געוועןן.
פון לאָנדאָן קיין אמעריקא איז די שיף ארויסגעגאנגען
מוזיק האָט בעגלייט, דער וועטער איז געוועזן גאנץ שען:
פּלוצלינג האָט דער קאַפּיטאַן א טעלעגראַם געטאַן
דערלאַנגען.
אַז זיי זענען אין געפאַהר, די שיף טוט אונטערגעהן.

די „פּאָעזיע", ווי איהר זעהט, איז ניט קיין „אי־אי". דאָס איז פּשוט א שטיקעל צייטונגס־קאָרעספּאָנדענץ צוגעשטוקע־וועט מיט גראַמען. דער נגון איז אויך ניט געוועזן שטאַרק אָרי־גינעל און פאַלקסטימליך. דאָס איז געוועזן א „וואַריאַציע" פון

ווייל יענער מ ו ז אנקומען צו מיר, קען איך איהם נ־ט באריייסען.

די לאגיק איז זיכער ניט פון א קרעמער...

איין זארג האט דער אלטער פופען־דאקטאר: ער האט ניט וועמען איבערצוגעבען די „ירושה“. ער האט, אמת, צוויי טעכ־טער, יונגע מיידלאך, וואס העלפען דעם טאטען אין דער קלי־ניק. די עלטערע מיידעל, — זאגט ער — האט, אמת, אויך אבי־סעל געפיהל צו דער ארבייט, אבער ס'איז ניט דאס.

בשעת ער האט מיט מיר גערעדט, איז דער אלטער פופען־דאקטאר ניט געשטאנען לעדיג. זיינע דינגע פינגער האבען דא ארומגעטאנצט ארום א פופע, דא ארום פארשיידענע טעלערלאך און פאפירע־לאך. אמאל געלאזען די ליאלקע צו רוה, און באלד ווידער גענומען זי אין די הענד.

— איהר זעהט, זאגט ער צו מיר, אוועקשטעלענדיג די ליאלקע, כמעט ניט צו דערקענען, אז ס'איז געווען אמאל א צעבראכענער שארבען.

און ווירקליך: די פופע איז געשטאנען א יונגס, א לעבע־דיגס, און מיר האט זיך געדוכט, אז זי ווינקט מיט די אויגען, לאכט צו מיר.

— ס'פעהלט נאך — זאגט ער — אביסעל פארב אין די בעקלאך. גערה, רוה זיך אוים! מארגען וועט זי זיין פאלקאם געזונד.

פון דעם קינד. און רערהויפט טאקע דעם חורבן פון דער פּופּע. ער האָט זיך גענומען צו איהר, געפּאַרקעט זיך ארום דער אָפּע־ראַציע א טאָג מיט א נאכט. אויף מאָרגען איז געקומען די פּריצטע און איז ערשטוינט געוואָרען: זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט דערקענען, וואו איז געווען די וואונד. די פּופּע האָט געשיינט, ווי א נייע, ווי ערשט פון קראָם. דאָס קינד האָט איהם שיער ניט געכאַפּט קושען פון פרייד.

דאָס האָט בעשלאָסען זיין שיקזאל. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען דער פּופּען־דאָקטאר. אין א פּאָר יאָהר ארום האָט ער געעפענט די פּופּען־קליניק, וועלכע עקזיסטירט שוין, ווי גע־זאָגט, א יאָהר 15. אויף א קינדער־אויסשטעלונג אין ווילנא, ד. ה. אן אויסשטעלונג פון זאכען, וואָס באלאנגען צום לעבען און ערציהונג פון א קינד, האָט דער פּופּען־דאָקטאר פאר זיין פּו־פּען־קליניק בעקומען אן אויסצייכנונגס־דיפּלאָם.

איבריגענס, זאָגט זיך דער פּופּען־דאָקטאר ניט נאָך כבוד און נאָך געלד. וואָלט געווען אזא מענש אין א אייראָפּעאישער שטאָדט, וואָלט ער געווים געוואָרען א גרויסער ערפינדער אין זיין געביט, וואָלט געהאט א פאבריק פון פּופּען, צו פון קינסט־ליכע מענשליכע גלידער, וואָלט געווען בעשאָטען מיט מעדאַ־ליען, וואָלט געווען רייך, אויב ניט קיין מיליאָנער. דער פּופּען־דאָקטאר אָבער ליגט ניט אין די זאכען. ווען איהר קומט אריין אין זיין פּופּען־קליניק זעהט איהר נאָר טויטע ליאַלקעס, דערצו נאָך העסליכע קאַליקעס, אָבגעריסענע הענט, פיס, צעשפּאָלטע־נע קעפּ. פאר איהם, דעם פּופּען־דאָקטאר איז דאָס א וועלט פון לעבעדיגע, נאָר קראַנקע נפשות, וועמען ער איז בערופען געזונד צו מאַכען: בלינדע געבען אויגען, קאַליקעס — פיס און הענד, פליעכעוואַטע געבען די שענסטע לאָקען; נאַקעטע בעקליידען, אלטע מאכען יונג, מאוסע מאכען שען...

דער אַלטער האָט קיין האַרץ ניט צו נעהמען טייער פאר זיין קונסט־ארבייט. און טאקע דוקא דערפאַר וואָס ער איז איי־נער. „אז ס׳וואָלטען געווען — זאָגט ער — נאָך אנדערע ווי איך, איז עפּעס אנדערש. וואָלט איך גענומען טייערער. אבער

דער פלאַץ ערלויבט מיר ליידער ניט איבערצוגעבען דעם פופען־דאָקטאר׳ס ביאָגראפיע מיט זיינע איינענע ווערטער. דאָס וועט פערנעהמען צו לאַנג. איך וועל זי דעריבער דערצעהלען ווייטער בקיצור אויף מיין שטייגער.

די פראַקטיק פון א זעמסער האָט איהם געבראַכט אזעלכע קונ־דען, וואָס האָבען זיך ווירקליך גענויטינגט, דער אין א האנד, דער אין א פוס — קאַליקעס, אָרימע לייט, וואָס האָבען ניט געקענט פאָהרען קיין אויסלאַנד, אָדער אין די גרויסע רוסישע שטעדט און דאָרט לאָזען זיך צומאַכען גלידער. אזעלכע קונדען זענען פאר׳ן צוקונפטיגען פופען־דאָקטאר געווען ווי געוואונשען. זיי האָבען איהם געשאַפט ד י ארבייט, וואו זיין שאַפענדער גייסט האָט געקענט געפינען א בעפרידיגונג. מעהר האָט ער ניט פערלאַנגט. וועגען געלד האָט ער זיך ניט געקימערט. א ראַקטאָרס א אינגעל האָט ער אמאָל צוגעמאַכט א האנד, וואָס האָט געקענט אָננעהמען יעדע פּאָזיציע פון א לעבעדיגע אמת׳ע מענשישע האנד. מ׳האָט זי געקענט אראָבלאָזען, אויפהויבען, איינבויגען, האַלטען אין איהר א שטעקעל, א הימעל, אויפבויגען און פאַרנאַנדערלאָזען די פינגער. דאָס האָט ער אַלץ געמאַכט פון פּשוטע לייוועגט, אַחוץ בעזונדערע קונצען. דער דאָקטאר איז ערשטוינט געוואָרען, ווען דער זעמסער האָט פאר דער גאַנצער ארבייט פאַרלאַנגט ניט מעהר ווי צוויי רובל מיט קאָפּיקעס. ער האָט איהם אליין דערלעגט נאך אמאָל אזוי פיעל און האָט איהם רעקאָמענדירט אנדערע קונדען.

א פופען־דאָקטאר איז ער געוואָרען צופעליג. אמאָל — דער־צעהלט ער — איז געקומען צו איהם א פריצטע מיט א קינד. דאָס קינד איז געווען א פערוויינטע, א פערקלאָגטע. שטעלט זיך פאָר איהר הארצוועהטאָג: מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען איהר געקויפט צום נאָמענס־טאָג א פופע, א ריי־צענדע פארשוין, פון סאַמע פאריז. בעצאָהלט צעהן רובל. איז זי, די פופע, נעבאך אראָבגעפאַלען און צעבראָכען דעם קאָפּ. דער זעמסער (דעמאָלט איז ער נאָך קיין פופען־דאָקטאר ניט געווען) האָט אליין אזש שיער ניט געוויינט, צוזעהענדיג דעם צער

און — ס'ווערט פון איהם א קריסמעס־זיידע.

דער פופען־דאקטאר האט נאך ניט געענדיגט די אינטע־רעסאנטע ביאגראפיע, האט ער עוסק'ענדיג זיך מיט איין האנד ארום א ליאלקע, מיט דער צווייטער א כאפ געטאן א בלייענע פויגעלע, וואס איז געהאנגען אויף א דינעם פאדים, אנגעטשע־פעט אויף א דרעטעל, איבער אונזערע קעפ, א פארקע געטאן דער פויגעלע אונטער'ן עק, און די פויגעלע האט אנגעהויבען צו פליהען ארום אונז, שוועבען אין רונדע גרויסע קרייזען.

— וואס איז דאס ? — האב איך געפרעגט.

— עט, זאגט דער פופען־דאקטאר מיט א שמייכעל, — גאר נישט ! דאס איז געווען א פראסטע פויגעלע, ווי אלע די. וואס מ'פערקויפט פאר א פאר קאפיקעס א שטיק אין די אל־מערלאך. האט זיך ביי מיר געוואלגערט עפעס א שרייפעל פון א צעבראכענעם יאוועלע, א קונצען־מאכער, האב איך זי אריינ־געטאן אין דער פויגעלע...

מיך האט, פערשטעהט זיך, מעהר פון אלץ אינטערעסירט זיין אייגענע, דעם פופען־דאקטאר'ס ביאגראפיע.

— ווי קומט איהר דערצו ? — האב איך געפרעגט, — ווער האט אייך געלערנט די ליאלקע־דאקטאריי, און ווי לאנג אז איהר האלט די פופען־קליניק, ווי מיר שיינט, די איינציגע אין אלע שטעדט ארום און ארום.

— איך בין — זאגט ער — פריהער געווען א זעמסער. איך האב שטענדיג געהאט א נאטור צו טראכטען, אויסצוטראכ־טען עפעס אין דער ארבייט. האב איך זיך ניט בעגוגענט דוקא מיט די הענטשקעס, פלעג איך וועלען מאכען א גאנצע האנד. א פוס...

— וואס הייסט, — פרעג איך, — א האנד, א פוס ?

— פערשטעהט איהר מיך, — דערקלערט מיר דער פו־פען־דאקטאר. — אט מ'גערט אין גאס, בעגעגענט מען דא א קאליקען אהן א האנד, דא א הינקעדיגען מיט א האלבער פוס. צדער גאר אהן א פוס. קען איך דאס ניט צוזעהן. פלעג איך אלץ קלערען, ווי צו מאכען דאס גאנץ. אמאל קומט צו מיר א דאק־טאר...

נעלעגט אין א גרויסער שאכטעל „אביסעל אברוהען“. און אום מיך צו אמוזירען האט ער צוגעצויגען צו זיך דעם אלטען פאר־שנייטען „קריסמעס־זיידע“, וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל אויף זיין אפעראציאנס־טיש און האט איהם, ווי מיר האט זיך געדאכט, עפעס א שושקע געטאן אין אויער און א פארקע געטאן מיט'ן פינגער פון הינטען. דער קריסמעס־זיידע האט גענומען דרייען מיט'ן קאפ, דראהען מיט'ן שטעקען, וואס האט גע־שטעקט ביי איהם אין איין האנד, און מאכען מיט דער אנדער האנד, וואס איז געווען בעפוצט מיט א גאנצען קראנץ פאטשער־קעס און פליטערלאך און נאך אזוינע זיעבען זאכען, מיט וועל־כע מ'בעהענגט געוועהנליך דעם קריסמעס־זיידען. פלוצלונג האט דער פופען־דאקטאר אראבגעריסען די דאזיגע „צוצשעפענעס“, האט א פארקע געטאן די קוצמע פון פאטילניצע צום שטערן ארויף, און פון קריסמעס־זיידען איז געווארען א „גוטער איד“. וואס שאקעלט זיך און דבק'עט זיך שטארק אין דאווענען.

בשעת דער דאזיגער „אלטער איד“ האט זיך געהאלטען אין דבק'ען און גלאצען מיט די אויגען, בעגלייט פון די קוראנ־טען, וואס האבען אונטער איהם, פון א בעהאלטענער קעסטעלע ארויסגעשפילט, האט מיר דער פופען־דאקטאר דערצעהלט זיין (ד. ה. ניט זיין אייגענע, נאר דעם „גוטען אידענס“) ביא־גראפיע. אמאל, מיט יאהרען צוריק, איז ער געווען נים קיין „גוטער יוד“ און ניט קיין „קריסמעס־זיידע“, נאר — א שיקסע. א גרויסע קאקעטין דער־צו. זי האט ביי איהם מיט עפעס פאר־זינדיגט, האט ער פון איהר אראבגענומען די אטלעסענע שיכע־לאך מיט די זיידענע בענדלאך, מיט דער, אויף דער ברוסט אויס־געשניטענער העמד, מיט די פיינע גאלדענע לאקען; האט איהר אנגעטשעפעט א שווערע קוצמע, א גראהע, ברייטע און לאנגע, צעפלאנטערטע בארד, אריינגערוקט א שטעקען אין האנד און געזאגט: געה, וואנדער! פארזוך דעם טעם צו זיין א יוד... נאר איין מאל אין יאהר, ווי עס קומט צו קריסמעס, שמד'ט ער, דער פופען־דאקטאר, אב דעם גוטען יודען: גיט איהם א פארק אין קוצמע, רוקט זי אראב צוריק אויף דער פאטילניצע, טשעפעט איהם אן אויף דער צווייטער האנד יאלקע־פליטערלאך

די באָרד אָבער נעם פאַרקאַמט און געשאָרען אַלאַ בולאַנזשע.

דערביי אין אַ קאַסטען מיט גלעזערנע שויבען, זענען צו־זעצט און צושטעלט אַנדערע פּאַציענטען, ניט אַזוי ערנסט קראַנק, ווי יענע, אין דער פּאַלאַטע. אָבער פון די אונגעלומפּער־טע מלבושים, שטאַרע בליקען, צעפּודעלטע האָר און בלאַסע פּנים'ער איז קענטיג אַז זיי נויטיגען זיך אויך אין אַ דאָק־טאָר...

און אָט טאַקע דערביי איז דער דאָקטאָר אַליין: אַן על־טערער אידעל מיט אַ שיטערער גראָהליכער בערדיל, אַ דראָב־נעם אויסגעמאַטערטען פּנים, נאָר גוטמוטיגע קליינע אויגען. ער האַלט צאַרט אונטער די אָרעמס אַ ליאַלקע, אַ ברייטע, אַ גע־וויקסינע, מיט אַ שלאַנקער טאַליע, מיט שפּורען פון אַמאָליגער שענהייט. דער פּנים פון איין זייט נאָך איצט אויף. מאָרנע חנ'עווריג, פול, רויט, קאָקעטיש זאַגאָר. נאָר, פון דער אַנדער זייט — גאָט מיינער! צעבראָכען אַ שטיק שאַרבען אין צוויי ער־טער ביז צום קינבאַק צו!...

— יעצט, זאָגט מיר דער „דאָקטאָר", איז שוין דאָ אַ האָפנונג. איהר האָט אָבער דעם „נפש" געדאַרפט זעהן מיט אַ פּאָר שטונדען פריהער!"

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער „אָפּעראַציע". ס'איז ווירקליך אַ קונציגע און שווערע שטיקעל אַרבייט געווען. אָבער יעצט איז שוין עהנליך אויף אַ מענשען. אויפ'ן אָפּעראַציאָנס־טיש זענען געשטאַנען פאַר דעם כירורג עטליכע פּיצעמאַנציגע טעלערלאַך מיט פערשיידענע סאָרטען קליי און פאַרבען. ער האָט קונציג, מיט אַ זעהר דינעם פּענזליקעל געגעבען אַ שמיר, אַ גלעט, אַ פאַרב, און די „נעט" האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאַר־שווינדען. די ליאַלקע האָט זיך, אַפּנים, אָנגעהויבען פּיהלען אַ סך בעסער, וואָרים אויף איהרע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל, כאָטש דער שמייכעל האָט נאָך געהאַט אַ שמערצליכען אויסדרוק.

דער „דאָקטאָר" האָט זעהר פאַרזיכטיג ווידער גענומען די ליאַלקע מיט צוויי פינגער אונטער די אָרימס און האָט זי אוועק־

# דער פופען־„דאקטאר".

אין ווילנא, אויף דער ווילנער גאס, בעמערקט איהר אין איינער פון די שוי־פענסטער ארויסגעשטעלט פערשיידענע ליאלקעס. הויבט איהר אויף דעם קאפ און בעטראכט דעם שילד, בעמערקט איהר גלייך, אז דאס איז ניט קיין פשוט'ע קראם פון קינדערשע שפילזאכען, נאר א פופען־שפיטאל. אזוי שטעהט טאקע אנגעשריבען אויפ'ן שילד: „קליניקא קוקאל" ד. ה. א קליניק וואו מען היילט ליאלקעס.

אייער אינטערעס ווערט נאך שטארקער ווען איהר קומט אריין אינעווייניג. דאס איז אן עכטע קליניק און אפעראציאנס־פאלאטע. לינקס פאלט אייער אויג אויף א ריכטיגען שפיטאל. אויף הילצערנע בעטלאך ליגען די פאציענטען, קראנקע פופען, בלאסע, פערטרויערטע פנים'ער, די האר צעוואָרפען, אין איינע העמדער. א טייל ליגען מיט'ן פנים ארויף; א טייל— אויף א זייט, צוגעדעקט יעדע מיט א דעקע ניט זעהר וויבער. דערפאר אבער ווארם. איבער יעדער קראנקער איז איבערגע־בויגען א בארמהערציגע שוועסטער, וואס קוקט אויף איהר צערטליך, פעררריכט איהר דעם געלענער, אדער גיט איהר עפעס אין מויל. ביי אן אנדערער שטעהט א דאקטאר, האלט אין איין האנד דעם זייגער, מיט דער צווייטער טאפט ער דעם פולס ביי דער קראנקער ליאלקע. ביי אן עק זיצט אין א שטוהל, אנגעבוי־גען אויף א זייט און דרעמלענדיג, דער אויפזעהער מיט איין האלבער וואנץ א גאנצער און די צווייטע — אן אויסגעפליקטע,

גוסט פון די פארשיידענע ארײַנקוקער. מ׳דארף וויסן וואו און ווי צו קריגן די בילדער.

הייגט די קעסטעלע אליין — מיינט איהר, אז דאס איז גלאט א קעסטעלע? דאס איז א גאנצע שטיקעל קונציגע ארכי־טעקטור. און דאס האט ער טאקע אליין געמאכט. ווייטער איז די שווערסטע אויפגאבע — די בעלייכטונג. ווייל די הויפט־פארשטעלונגען קומען פאר ביי נאכט — אין די הייזער פון די קוקער. א פשוט׳ער לאמפ קען רויכערן, קען זיך לייכט איבער־קעהרען און אנמאכען א פייער. „זעהט איהר אט דעם לאמפ,— ווייזט ער מיר מיט׳ן פינגער אויף דעם בלעכענעם לעמפעל אין קוק־קעסטעלע, — דרייט איהם, קעהרט איהם ווי איהר ווילט. ער וועט זיך ניט פערלעשען, ניט אויסגיסען. דאס האב איך אליין אויסגעטראכט פון קאפ.

די קאנסטרוקציע פונ׳ם לעמפעל איז ווירקליך געווען גאר א מאדנע, א מערקווירדיגע. איך בין זיכער, אז זינט לאמפען און לעמפלאך עקסיסטירען אויף דער וועלט, איז נאך אזא משונה׳דיגע „בריאה“ ניט געווען. און כאטש די קוק־קעסטעלע־ביזנעס דויערט שוין, ווי ער האט מיר דערצעהלט, דרייסיג יאהר, — אבער די אמת׳ע היסטאריע איהרע הויבט זיך אן פונ׳ם לעמפעל. ד. ה. זינט דער לעמפעל איז ערפונדען געווארען.

דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע האט ערגעץ אין סלוצק, צי אין פינסק, א ווייב און קינדער. האט אויך א פאר קינדער אין אמעריקע, וועלכע שיקען איהם גאר נישט. א היים קומט ער צוויי מאל אין יאהר: אויף פסח און אויף סכות. רוהט זיך אויס, דערנאך — די קעסטעלע אויף די פלייצעס און ווייטער אין וועג.

אט אזוי געהט דאס שוין דרייסיג יאהר. אליין איז דער קעסטעלע־יוד נאהענט פון זעכציג. זעהט זיך נאך אן א שטײַ־פער יודעל. שטארקער פון איהם אבער איז נאך די קוק־קעס־טעלע. און מיר דאכט זיך, אז זי וועט איהם איבערלעבען און בלייבען אן אייביגע יתומה. ווארים אזוי ווי מאטיל דער פורים־שפילער איז דער לעצטער אין זיין פאך, איז דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע, אהן א ספק, אויך דער לעצטער פון דעם מין וואנדערנדע פאלקס־קינסטלער־טרעמפס.

וועל איך זיי חתונה מאכען ביידען...

די קוק־קעסטעלע איז, אייגענטליך, א מין שטיבעלע מיט א דעכעלע, אונגעפעהר דריי פוס די לענג און צוויי פוס די ברייט, געפארבט אויף גרין, מיט געמאלטע פענסטערלאך און דריי ספאקטיוועס פון פארענט. די גלעזער זענען ניט קיין פראסטע און גיבען איבער גאנץ דייטליך און היבש פארגרעסערט די בילדער. מיט דער שטיבעלע וואנדערט אום איהר באלעבאס וואו רוסלאנד האט אן עק. אין די גרויסע שטעדט איז ער זעלטען. דארט איז שוין דער עולם צובאלעוועט פון די טעאטערס מיט די מואווינג־פיקטשורס, מיט אלע שטאדטישע פארגניגענס. דערפאר איז מען גערן דעם יודען מיט דער „קוק־קעסטעלע" אין דער קליין שטעדטעל. נאר דער טייערסטער גאסט איז ער ביים פויער אין דארף. דארטען צאהלט מען אמת, ניט מיט מזומן, נאר מיט דער נאטור: אביסעל קארטאפעל, א פאר אייער, א הייפעל חזיר־האר. אין שטעדטעל ווערט דאס ביי דעם יודען פערוואנדעלט אין געלד.

מיך האט אינטערעסירט צו וויסען: ווי אזוי קומט דער יוד צו דער קוק־קעסטעלע? און ווי לאנג, אז ער געהט ארום מיט איהר?

אויף דער לעצטער פראגע האט ער מיר באלד געענטפערט: דרייסיג יאהר. אויף דער ערשטער אבער, ווייזט זיך ארויס, איז איהם ענטפערן ניט געווען אזוי לייכט. געוועזן איז ער אין די יונגע יאהרען א בלעכער. איז איהם ביים שמעלצען אין טשאד פון די קויהלען שוואך געווארען די הארץ. האט ער געמוזט זוכען עפעס אן אנדער פרנסה. אגב — זאגט ער — האט ער ביי דער ארבייט תמיד ליעב געהאט צו טראכטען, אויסטראכטען עפעס. ביי דער בלעכעריי איז דאס שווער געגאנגען. די קוק־קעסטעלע אבער לאזט פריי די פאנטאזיע. די ביזנעס איז ניט אזוי פשוט, ווי איהר קענט זיך פארשטעלען. מ'דארף האבען א סאפ מיט און אויג. מ'דארף שטענדיג זיין אין קורס פונ'ם לעבען: .וויסען וואס אויף דער וועלט טוט זיך. מ'מוז אפט בייטען די בילדער נאך די געשעהעניסען פונ'ם טאג. נאכ'ן

— פראנצוסקי דווארעץ וו פאריזשע! — הערט איחר פלוצלינג ווייטער א לעבעדיגען אויסגעשריי:
גאספאדא גוליאיוט.
מעגיא ניע פרינימאיום.
בארין ס' בארישניעי אידיאט
א מאלענקיו זא רוטשקע וועדיאט***)
סוואטאי גאראד ירושלים! — ווערט אייך מיט נאך מעתר התלהבות, אבער נאך אלץ אויף רוסיש געמעלדעט:
יעווריסקאיא סטאליצא!
ווי סערעדיניע יעווריסקאיא שקאלא סטאיאט;
א טאם באגו מאליאטסא:
מאליאטסא זא מעניא; א ניע זא וואס.
שטאב יא מנאגא דענעך זאראבאטאל****)
די קוקער פון דער „קעסטעלע" זענען דאס רוב א גוי'איש־עולם. דעריבער איז די ערקלערונג, צומעהרסט, אויף גוי'איש. אבער דער איד פון דער „פאנאראמע" איז, ווי איחר זעהט ווייטער, א מייסטער אויך אויף יודיש.
א„פארק אין דרעטיל. עס פאלט אראב „סמאקהאלם". און דער ארטיסט פון דער קוק־קעסטעלע שריים אוים:
שמאקהאלם אין שוויידען!
אין מיטען גאס שטעהען צוויי מיידען.
מיין באבע מיט אייער זיידען!

***) פראנצויזישער פאלאץ אין פאריז! רייכע הערען געהען שפאצירען, מיך נעהמען זיי אין קאמפאניע ניט אריין. א „בארין" מיט א „בארישניע" געהען שפאצירען און א קליינע מיידעלע מוען זיי פאר'ן הענטעל פיהרען.

****) די הייליגע שטאדט ירושלים! יודישע הויפטשטאדט! אין מיטען שטעהט דער בית המקדש, און דארטען שטעהען אידען און טוען גאט בעטען, בעטען גאט פאר מיר און ניט פאר אייך, אז איך זאל א סך געלד פארדינען.

פונע. דא האט דער קוק־קעסטעלע־יוד גיט קיין בעגייסטערונג. זיין ערקלערונג איז דעריבער קורץ און דעם מקח לאזט ער אויף ארונטער.

נאסטאיאשטשיע גאראדא! — שריים אוים
— דער טאלמעטשער —

ווי ניזון פאדפיסאנא!
כטא אימייעט דענגי, טרי קאפייקי —
פאזשאלויטע סודי!
א כטא ניע אימעיעט — אובאדי!
ראזניע גאראדא סמאטרי
א קארמאני בערעגי!*)

די לעצטע ווארנונג: „קארמאני בערעגי", — ר. ה. גיב אכטונג אויף די קעשענעס, איז ניט איבריג. ווארום צווישען דער רעדעל, וואס קלייבט זיך ארום דער קוק־קעסטעלע, דריי־בען זיך שוין ווירקליך יענע „חברה־לייט", מיט לויפעדיגע אוי־גען און „קלעפיגע" פינגער...

א פארק אין דרעטעל און — ווייטער:
גאסודארסקי פראיעזד וו מאסקווע!
גאסודאר נא קאניע יעדיעט!
גאסודאריניא שעסטעריקאם!
קרוגאם גוסארי, אולאני, קאזאקי!
ווסיע נא גוליאניע פרישלי....**)

---

*) אמת'ע שטעדט! אונטען איז אנגעשריבען (ווי זיי הייסען), וועד ס'האט געלד — דריי קאפיקעס, קומט אהער! און ווער ס'האט ניט, טראג זיך ווייטער! פארשיידענע שטעדט קוק אן און אויף די קעשענעס גיב אכטונג...

---

**) דער קייזערליכער צוג אין מאסקווע! דער קייזער פאהרט רייטענדיג אויף א פערד, די קייזערינע אויף זעקס פערד אין שפאן. ארום זיי רייטען הוזארען, אולאנעס און קאזאקען. אלע זעגען זיי געקומען אויף דעם פאראד....

טשער, נאר מעשה ארטיסט. עס וועגדט זיך נאכ׳ן אינהאלט פון דעם בילד און נאכ׳ן עולם נאך. איז די פערטייטשונג דא אין גויאיש, דא אין יודיש, און שטענדיג מיט א גראם.

אט גיט ער א פארקע די דרעטיל פון דרויסען, און אין קעסטעלע פאר׳ן אויג פונ׳ם קוקער, בעווייזט זיך א שטאדט מיט פאלאצען, מיט שיפלאך, וואסער פון אלע זייטען. דאס איז דאס שענסטע, וואס די קוק־קעסטעלע פארמאגט, און דע־ריבער איז די ערקלערונג א לענגערע.

— גאראד ווענעציא! — שרייט אויס דער קעסטעלע־יוד מיט גרויס התפעלות:

קרוגאם גאראדא!
א וו סערעדיניע רעקא!
ריבו לאוויאט נא זאווטרא —
יעווריאם נא שאבעס
נא פראוואי סטאראניע חאראשיע דרעוויא סטאיאט
או העטאם דרעווע יעסט סוטשקי,
וו טאם גאראדיע פאליציייסקע קרוויטשקי,
כמא פאזשאלויעט — פארכאדי!
פיאט קאפייעק — פאזשאלויטע מודי!*)

„פיאט קאפייעק“ ד. ה. פינף קאפיקעס — רעדט זיך נאר אזוי: אין אמת׳ן איז דער פרייז פון דער קעסטעלע־פארשטעלונג א סך ביליגער. — דאס האט איהם פשוט „ווע־נעציע“, די „פער“ פון זיין פאנאראמע, אויף אן אויגענבליק גרויס געמאכט ביי זיך. מיינען מיינט ער, אז פאר אזא בילד אנצוקוקען איז אפילו א צעהנער ניט איבערגעצאהלט.

און ווירקליך. אט בעווייזט זיך דער „קרעמל“ אין מאס־

*) ארום זענען שטעדט, אין מיטען א טייך, פיש כאפט מען אויף מארגען, פאר יודען אויף שבת; רעכטס — שענע בוימער שטעהען; אויף די בוימער — צווייגען־ווײידלאך און אין שטאדט פאליציאישע דרײדלאך: ווער עס האט חשק — קום אחער. א צעהנער א קוק — א גראשען ניט מעהר.

פייער־שפייענדיגע בערג און בלייבט ניט געשעדיגט; פאָהרט מיט דער „טיטאַניק" אויפ'ן ים, זעהט צו איהר חורבן און אליין געהט ער ארויס פריש, געזונד און — טרוקען. די „קוק־קעסטעלע" לערנט אויך היסטאָריע, לערנט געאָגראַפּיע און אנ־דערע גוטע זאכען. א דרעה פאַר'ן דרעטיל — און דער קוקער גיט א שפּרונג מיט א פּאָר טויזענד יאָהר צוריק און פאַלט אריין, פון גימסען־טויבעס זאוואוליק, גלייך אין ירושלים, אין שלמה המלך'ס פּאַלאַץ. אין גאנצען א שפּאַן ווייט פון שלמה המלך'ס גילדערנעם שטוהל מיט די לייבען וואס שטעהען ביי זיין שוועל. אין א מינוט ארום איז ער אין שפּאַניען און קוקט צו די שרעקליכע אינקוויזיציע. א שפּרונג — און ער איז שוין אויף א פּאַראַד פון נאַפּאָליאַנס חיל אין פּאַריז. נאָך א שפּרונג— און ער איז אין פּאָרט־ארטור, אויפ'ן פּלאַץ פון'ם רוסיש־יאַ־פּאַנישען קריג. די קוק־קעסטעלע דינט אויך פאר א צייטונג.— אין איהר בעקומט איהר בילדער פון די סאמע לעצטע געשעהע־ניסען פון טאָג. דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע איז, ווי עס ווייזט אויס, א ספּעציאַליסט אין זיינע ביזנעס. ער שטעהט שטענדיג אין קורס פון לעבען; לעבט מיט זיין צייט, ווייס „וואו" און „ווען". ער ווייס אויך ווענען וואס פאר א סחורה צו ווייזען. קינדער האָבען ליעב פּאַראַדען, סאָלדאַטען, מלחמות און, בכלל, בילדער מיט קיסרים, גענעראַלען, רייטער מיט פערד און קאַרעטען. אָן אַלטע אידענע וויל געהן א קוק טאָן אויף ירושלים און זעהן די אינקוויזיציע. א פּויער האָט ליעב צו זעהן גרויסע שטעדט מיט זייערע גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען, מיט די רוישענדע גאַסען, מיט די גרויסע שויבען און אויסגע־פּוצטע „פּאַניענקעס".

א חוץ דעם, איז די קוק־קעסטעלע ניט קיין שטומע פּאַנאָ־ראַמע. אין א פּרט איז זי אפילו אינטערעסאַנטער פון די „מוא־ווינג־פּיקטשורס" מיט זייערע „שטומע ליאַליעס". ביי יעדען בילד און סצענע אין דער „קוק־קעסטעלע" שטעהט דערביי איהר טאָלמעטשער. דער באַלעבאָס פון דער פּאַנאָראַמע. ער פאַרטייטשט און דערקלערט, און ניט ווי א פּשוטער טאָלמעטש־

# דער יוד מיטן „קוק־קעסטעלע"

פאראן א גרויסער, זעהר א גרויסער טייל פון דער יודי־שער מאסע, וואס פאר איהר איז די גאנצע וועלט פון עסטעטיק, פון שענקייט, פון קונסט פארבארגען. פון איין זייט איז די דאזיגע וועלט צו הויך פאר איהר ענטוויקלונג. דער טעא־טער, די ליטעראטור, די קונסט האבען ניט אין זינען די דאזיגע טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער פון דער מאסע. דער קינעמאטאגראף־טעאטער, (מואווינג־פיקטשורס) האט אפילו א מעלה: ער רעדט אויף „שטום־לשון", און אויף שטום־לשון איז די מאסע שוין יא א מבינ׳טע. ס׳איז אבער א חסרון: עס קאסט אויך געלד. ווי בילינ — דארף מען בעצאהלען 15—20 קאפיקעס. און אין בעסטען פאל קענען אזוינע בעלנים אויף קונסט אבשפארען פון זייערע נויטיגסטע בעדערפענעסען א קא־פיקע, אדער צוויי, ניט מעהר.

קומט זיי צו הילף דער יודישער פאלקס־קינסטלער. נאך יעצט, אזוי ווי אמאל, בעפרידיגט די עסטעטישע בעדערפענע־סען פון דער ארימסטער בעפעלקערונג דער יוד מיט דער „קוק־קעסטעלע". די „קוק־קעסטעלע" איז, צו דערזעלבער צייט, אי א טעאטער, אי א מוזעאום. שטעהענדיג אויף איין ארט מאכט דערצושויער פון דער „קוק־קעסטעלע" רייזען איבער׳ן ים און דער יבשה, איבער בערג און איבער טאלען; געפינט זיך אין קייזערליכע פאלאצען, קוקט אריין אין הערלישען טיגעל פון

אט דאס איז דער גאנצער אידישער ברחן. ווי איהר זעהט, איז ער ניט זעהר קיין געהויבענע פערזאן. דאס איז נאר א שאטען פון אמאליגען ברחן. זיינע פסולת, א געמיש פון א טרעמפ, וואנדעראוושטשיק און נאטור־מענש. אבער דאך האט ער אין דער נשמה עפעס א פונק, וואס מאכט איהם פרעמ־דעם וואכעדיגען הורהא פון אנדערע מענשען אין דער רווישיגער שטאדט, און ער לעבט זיך, ווי גאט'ס פויגעלע, אהן גרויסע זארגען און ניט קלערענדיג וועגען מארגענדיגען טאג.

מיט קעז. ער האָט מיט איהר צוויי אינגלעך, וועלכע געהען אין חדר: צוויי מיידלאַך — די אינגערע, 12 יאָהר, געהט אין שולע: די עלטערע 14 יאָהר איז אין דער היים. א זוהן איז אין אמע־ריקא. ער „פּעדילט" דאָרט; ער איז נעבאַך ניט געזונד. בכלל איז ער פון די קינדער ניט צופרידען. „איך האָב פון זיי קיין נחת — האָט ער זיך מיר בעקלאָגט — זיי טוען מיר צו להכעים און גיבען מיר קרחת". מיט זיין איצטיגער געמישער פּרנסה איז ער, א פּנים, צופרידען. די הוצאה אין וועג, קאָסט איהם גאָר נים. יעדער גיט אָבעסען און מֶעהר דאַרף ער נים. די צוויי, דריי רובעל א וואָך, וואָס ער מאַכט, שיקט ער אב א היים. אמאָל מאַכט זיך אין א שטעדטעל א חתונה, האָט ער שוין א מטבע. איבערינגענס לאָזט מען איהם אויף א געהויבענע חתונה ניט צו. אין מינסק איז ער אמאָל געקומען אויף א חתונה „זאָגען" האָט מען איהם ניט געלאָזען. „איך בין געקומען אין זאַאל" — קלאָגט ער זיך — „האָב איך געכאַפּט די גאָל, ניט געפונען קיין אָרט, און האָב ניט געקאָנט זאָגען קיין וואָרט. עס איז געוואָרען אַזוי פול, אז איך בין געוואָרען דול און ניט געקאָנט קריגען קיין שטוהל".

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי אַזוי קוקט אַזאַ מענש אויף די געשעהעניסען פון די לעצטע יאָהרען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אז ער האָט א בעגריעף פון דער רעוואָ־לוציע. „די כאַראַקטערן" — זאָגט ער — „זענען ווייבער גע־וואָרען קעגען אמאָל, מען זעהט, אז מענשען לאָזען זיך טויידטען. הויבט מען אָן צו קלערען: פאַר וואָס און פאַר ווען?".

דעם גאַנצען געשפּרעך, וואָס מיר האָבען געפיהרט איז געווען פון זיין זייט מיט גראַמען. דער גראַם איז נים אלע מאָל אויסגעקומען גלאַט, אָבער קלערען אויף איהם לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט. ענדליך איז איהם גאָר אין גאַנצען קלאָר געוואָרען דער ענין פון מיין שמועסען מיט איהם. „אַי איהר ווילט מיר מסתמא בעשרייבען!" — האָט ער זיך א קלאַפּ געטאָן אין שטערן — „איך בין נים פון די „פּתאים", בין אליין פון די „רמאים" און אביסעל פון די משוגעים"...

און איז אַוועק.

צוויי מאָל א יאָהר. געהט ארוים נאָך פּסח, און קומט אהיים אויף סכות. פערברענגט אין דער היים איבער יום טוב, און לאָזט זיך ווייטער אין וועג ביז פּסח. און אזוי געהט ער תמיד. דער דאָזיגער סדר, צו זיין אין דער היים צוויי מאָל א יאָהר, איז ביי איהם שוין אן אלטער מנהג, נאָך פון אמאָל, פון דער צייט. וואָס ער איז געווען א מלמד, און פלעגט קומען א היים בלויז סוף הזמן. נאָך די מלמדות האָט ער געהאט נאָך א פּרנסה: האָט געהאלטען א פּאקט מיט בהמות. נאָר ביידע פּרנסות זענען פאר איהם געוואָרען צו וואָכעדיג. זיין נשמה האָט זיך געצויגען „אהין" אין דער ווייט. און ער איז אוועק וואנדרעווען אין דער וועלט אריין. וואָלט ער געהאט א גרויסען „טאַלאנט", ווען ער וואָלט, א חוץ די גראמען זאָגען, נאָך קענען גוט זינגען און צושפּילען אויף א פידעל, וואָלט ער זיך געלאָזט געווים גאר ווייט, העט אין די „מרחקים". זיין „טאַלאנט" איז אבער ניט א גרויסער, און דעריבער דערוועגט ער זיך ניט צו ווייט אוועק פון דער היים, דעריבער איז זיין מארשרוט נאָר פון קאפּוליע ביז ווילנא און צוריק. דערפאר איז איהם אבער זיין מארשרוט גוט בעקאנט. ער האָט שוין אומעדום, אויפ׳ן וועג, זיינע סטאַנ־ציעס, זיינע בעקאנטע, וועלכע נעהמען איהם צו פאר א גוטען גאסט. אין די קליינע שטעדטלאך דערצעהלט ער נייעס פון די גרויסע מקומות. אין די גרויסע שטעדט — פון די קלענערע ישובים. און אלץ מיט׳ן גראם. קיין תורה זאָגט ער ניט. ער איז א וועלטליכער מענש און זאָגט וועלטליכע זאכען. אז ער האָט בעמערקט, ווי רעדענדיג מיט איהם, פאַרשרייב איך אן דער זייט עפּעס אין א ביכעלע, האָט ער זיך אנגעשטויסען, אז עפּעס איז ניט גלאַט. ער האָט זיך געמאכט, אז ער איילט זיך ערגעץ און האָט מיר פּשוט געמעלדעט: „מיט אייער שרייבען זאָלט איהר מיר ניט פארטרייבען, ווארים איך דארף נאָך די קאַפּי־טעס קלייבען". איך האָב איהם פערזיכערט, אז איך מיין חלילה קיין שלעכטס. איך בין פּשוט א איד, וואָס איז טשיקאַווע צו וויסען, ווי אזוי יודען לעבען אויף דער ווייסער וועלט, און האָב איהם געשטעלט אייניגע פראַגען וועגען זיין ווייב און קינדער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין ווייב האַנדעלט אויף צו

# דער לעצטער יודישער בּדחן.

איך האָב זיך מיט איהם בעקענט און געשלאָסען בעקאַנטשאַפט אין א געשעפט פון א בעקאַנטען בוכהענדלער. ער האָט געקויפט לוחות, ציצית, אביסעל קאַפּיקענע מעשיות. דערמיט פּעדעלט ער איבער די שטעדטלעך און דערפער, וואו עס וואוינען יודען. נאָר דאָס איז זיין ביי־פּרנסה. דער עיקר בעשעפטיגונג זיינע איז א גאַנץ אנדערע, און פון יענער אנדערער הויפּט־פּרנסה מאַכט ער זיין לעבען און איז מפרנס ווייב און קינדער. זיין נאָמען האָט ער מיר בשום אופן ניט געוואָלט זאָגען. „מיין נאָמען" זאָגט ער — „איז ניט המן נאָר עטליכע קאָפּיקעס בעקאָמען". „מיין גאַנג איז נאָר מיט א געזאַנג": „איך נעה מיט תחנונים, מיט גוטינקע נגונים".

דערפון זעהט איהר, אז מיין נייער בעקאַנטער איז א יודישער מינעזענגער". פּשוט געריעדט — א בדחן. נאָר א בדחן פון א בעזונדער סאָרט. אויף חתונות געהט ער ניט. ער איז אן אלטענגליכער פאָלקס־פּאָעט. האָט זיך זיינע קונדען און זיין יעהרליכען מאַרשרוט. וואוינט אליין מיט זיין פאַמיליע אין קאַפּוליע צו אין הלוסק, ערגעץ אין א שטעדטעל אין מינסקער גובערניע. געהט צו פוס דורך אלע שטעדט און שטעדטלאַך, וואָס ליגען אויפ'ן וועג ביז ווילנא. דאָ איז דער ענד־ציעל פון זיין וועג. פון דאַנען געהט ער צוריק מיט אן אנדער מאַרשרוט און קומט ווידער א היים. זיין וואַנדער־קרייז מאַכט ער דורך

אליין ניט אין ארדנונג. א פאר זענען ניט לאנג אוועק. נאר קינדער זענען זיי גוטע. אז מ'וועט דארפען מעהר, וועלען זיי שיקען. נאך ד ע ם ווינטער וועט יהודית'קע אוים'ן באהן פאהרען. מעהר וועט זי שוין ניט פאהרען. זי וועט זיך אויף זעצען שטריקען זאקען. וואו וועט מען דעמאלט נעהמען אויף דער הוצאה? וועלען זיי, די קינדער פון אמעריקא, מוזען שי־קען.

דער זעלבער בלינדער האט מיר דערצעהלט, אז דער רעב־טער מאכער פון די ליעדער, וואס די בלינדע מוזיקאנטען זינגען, איז א בלינדער פידעל־שפילער אין אדעס. אהא! — האט ער בעמערקט — יענער געהט ניט אזוי ווי מיר, און לעבט אביסעל בעסער פון אונז. ער געהט ארוים אין א צילינ־דער־הוט מיט א גאלדענעם זייגער. איהם ניט מען ניט קיין גראשען און ניט קיין קאפיקע".

אז דער אדעסער דיכטער זינגט אוים זיינע ליעדלעך, גיט ער זיי אוועק דערנאך אין סקארב — פאר אלע בלינדע, ניט אומזיסט, נאר פאר א מטבע.

פאראן בלינדע, וואס לאזען זיך אוועק אליין אזש אין אדעס און לאזען זיך קאסטען א סך געלד ביז זיי קריגען דעם אדעסער בלינדען דיכטער'ס ליעדער. דאס געלד קערט מען אום דערנאך מיט פראצענט, ווען מ'קומט אהיים. יעדעס ליעדעל פונ'ם אדעסער ווערט פארצוקערט. ס'איז פאראן ליעדער, וואס מ'נעהמט פאר זיי ניט ווייניגער, ווי דריי רובל א שטיק.

גיבען איהר גערן א מטבע, מיינענדיג, אז זיי גיבען עס א קריסטליכע מיידעל. יהודית'קע האט אין וואגאן ביי אלעמען חן. זי שפילט שען, האט א צארט סימפאטיש פנים'ל, האלט זיך שטאלץ, מעשה ארטיסטין. אז זי שפילט אב, געהט זי קיין מאל נים צו די פאסאזשירען בעטען; שטרעקט קיין מאל נים אויס די הענטעל. זי געהט דורך לאנגזאם דעם וואגאן, קוים ווארפענדיג א קרומען בליק אין די זייטען. נאר יעדערער איילט זיך איהר עפעס אריינרוקען אין הענטעל. אז זי נעמט צו די מטבע, בעדאנקט זי נים; ניט אפילו נים א שאקעל מיט'ן קאפ. זי נעהמט צו מיט אזא מינע, פונקט ווי זי וואלט איך דערמיט אנגעטאן אן עהרע, און געהט ווייטער, נים בעווירדיגענדיג אייך מיט א בליק. דערפאר, אין שטוב ביי זיך, איז יהודית'קע גאר אן אנדערע. זי איז א היבש ביסעל צעבאלעוועט און האלט זיך ווי א בת־יחיד'קע.

„זי האט א טייערע קעפעל — קלאגט זיך מיר אויף איהר די מאמע — נאר וואס טוט מען? לערנען וויל דאס גאר נים: שפילען אויך נים! די פידעל נעמט דאס ניט אין האנד".

יהודית'קען שטעהט ניט אן, וואס די מאמע רעקאמענדירט איהר אזוי נים פיין. זי פערוואַרפט ביידע הענטלאך אויף דער מאמעס מויל און צעשרייט זיך:

„סוויג, סווייג! זאג איך דיר! א דאגה עס איז, צי איך ספיל, צי איך ספיל ניט... אלץ דארף סי דערצעהלען".

צום אנהויב האט יהודית'קע גאר ניט געוואלט מיט מיר ריידען. האט פארדרעהט שעמעוודיג דאס קעפיל אהן א זייט און געשווינען, פארבייסענדיג כיטרע מיט די ליפלאך. אבער שפעטער אביסעל איז זי היימישער געווארען און צוזאמען מיט דער עלטערער שוועסטער האט זי געשפילט פאר מיר אויף דער פידעל. דערנאך האט זי מיר געוויזען די קארטעס פון איהרע פיער ברידער, וואס זענען אין אמעריקא און נאך א קארטע פון איינעם'ס א כלה.

— שיקען אייך די קינדער געלד? — האב איך געפרעגט דעם בלינדען און זיין ווייב.

— אויף ימים טובים שיקט מען צוביסלעך. זיי זענען נאך

זיי אַ לידל. גראַמען קען איך מאַכען גרינג, וואָרים איך האָב בײַ מיר פּעק מיט געדרוקטע לידער פון אַלע פּערפאַסער.

דער דאָזיגער בלינדער איז נאָך אַ יונגערמאַן. געווען איז ער אַ שוסטער. די בלינדקייט איז איהם געקומען פון באָרען זיך. אַרויס פון טייך און — געוואָרען בלינד. אַ צווייטער האָט מיר דערצעהלט, אַז איהם איז דאָס געקומען פון אַ ווינט. אַ דריטען — פון אַ טיפוס. דאָס ערשטע לידל האָט מיר דיקטירט אַ בלינדע ווייבעל, וואָס שפּילט ניט, נאָר זי זינגט איבער די הויפען. זי איז געווען אַ נייטערין. איהר איז געקומען די בלינדקייט נאָך אַ קינפּעט. אַז זי איז בלינד געוואָרען, איז פון איהר דער מאַן אַנטלאָפען. זי איז געבליבען מיט אַ מיידעלע און אַ קראַנקער אַלטער מאַמען. און זי האַלט זיי אויס ביידען. דאָקטוירים האָבען איהר געזאָגט, אַז זי קען ווערען צוריק זעהענדיג. מ׳דאַרף האָבען אַן אָפּעראַציע. ווי איך פערשטעה, איילט זי זיך ניט מאַכען קיין אָפּעראַציע, ווייל בלינדערהייט מאַכט זי אַ לעבען אַ סך לייכטער.

ביי איין בלינדען בין איך געווען אין הויז. ער וואוינט ניט ערגער פון אַן אָרימען אַרבייטער. דער דאָזיגער בלינדער איז אויך אַ געוועזענער שוסטער. איצט געהט ער ניט אַליין אין גאַס. ער זיצט אין שטוב. און זיינע צוויי מיידלאַך, וואָס פלעגען איהם פריהער בעגלייטען אויף זיינע וואַנדערונגען, פאָהרען אַליין. אָהן איהם, אויף דער באַהן, שפּילען פאַר די פּאַסאַזשירען און דערנעהרען אויף אַזאַ כ׳אופן דאָס געזינד. דאָס איז דער איינציגער פאַל, וואָס איך האָב בעגעגענט, אַז אידישע מיידלאַך זאָלען פאָהרען אַליין אויף דער באַהן און שפּילען אין די וואַגאָנעס. איבערינגענס, איז די לעצטע צייט די רעכטע שפּייזערקע נאָר איינע, די קלענערע, אַ מיידעלע פון עלף יאָהר. די עלטערע, וואָס איז אַלט פערצעהן יאָהר, האָט זיך אָנגעהויבען שעמען. און איז אַוועק אַרבייטען — שטריקען זאָקען. די אינגערע, יהודית׳קע, פאָהרט אַליין און מאַכט ניט שלעכט. זי זעהט נאָר ניט אויס ווי אַ אידיש קינד: ווייסע פלאַקסענע האָר און ברעמען — אַן עכטע שיקסעל. אַ חוץ די קאָנדוקטאָרען, ווייסען מאַקי קיינער ניט, אַז דאָס איז אַ אידישע מיידעל. קריסטען

ליעדל. עס האט אין זיך װעניג פּאעזיע. דאס זענען, צומעהרסט, פּראזאאישע שורות אין גראמען, אמאָל מעהר, אמאָל װעניגער געלונגענע. די שרעקליכע סצענעס, װאס זיי שילדערן מאכען אויף דעם צוהערער ניט דעם איינדרוק, װאס מ׳האט געקענט פון׳ם ליעדל ערװארטען.

צו א אידען זענען די מערדער צוגעפלויגען,
װאס זיי האבען איהם גראדע ניט געקענט;
זיי האבען איהם געשלאגען טשװעקעס אין די אויגען
און מ׳האט איהם אבגעשניטען ביידע הענט, —

זינגט דאס זעלבע ליעדל װייטער און אויף אייך מאכט דאס קיין איינדרוק ניט. װארים עס שמעקט מיט צייטונג. דאך װאס דער בלינדער זאל ניט זינגען, קעהרט ער זיך אפּט אום צו זיין איינען ליעדל — דאס ליעדל פון בלינדען:

אוי ביטער, ביטער, צו זיין א בלינדער.
אז װאס קען שוין ערגער זיין;
אז ס׳זעהט ניט אן איינענע װייב און קינדער,
און ניט פאר זיך די ליכטיגע שיין.

די װערטער זענען געװעהנליכע, אבער דאך מאכען אַט די פּשוט׳ע פּערזען אויף אייך א שטארקען איינדרוק, קוים מאכט איהר נאר צו די אויגען אויף א סעקונדע און שטעלט אייך פאר אין דער לאגע פון בלינדען. דאס ליעדל איז ניט „פּערפאסט“ װי אנדערע, נאר דורכגעליטען.

װער מאכט אייך די ליעדלאך? האב איך געפרעגט ביי איין בלינדען, ביי װעלכען איך האב איבערגעשריבען דאס ליעדל פון פּאגראם.

— דאס ליעדל װאס איך זאג אייך — ענטפערט דער בלינדער — האב איך אליין געמאכט, איך מאך אלע מיינע ליע־דער אליין, איך האב זיי פּעק....

— װי אזוי מאכט איהר די ליעדער?

— אז ס׳מאכט זיך עפּעס א פּאגראם, צו אן אנדערע שרעק־ליכע געשעהעניש, קויף איך אויף פון יענע טעג אלע אידישע בלעטער: מ׳לייענט מיר זיי איבער, און דערנאך מאך איך נאך

דער פּרעמדער בעגלייטער איז פון דעם טיפּ האלב קעשעניק־האלב־אידיאָט. נאָר צייטענווייז פאַרדינגט זיך ביין בלינדען אַן אַרבייטסלאָזער אַרבייטער, אָדער גלאַט אַ בחור פון די סאַמע טעמפּע. וואָרים דער אומגליקליכסטער בחור, וואָס האָט נאָר אַ קאַפּ אמביציע, וועט זיך ניט שלעפּען מיט אַ בלינדען. זעהר זעלטען טרעפט אַ „שותפות" פון אַ בלינדען מיט אַ קאַלי־קען אַלס פיהרער. ניט ווייל עס איז זעלטען בנמצא אַזאַ פּאָר, נאָר ווייל דער „געשעפט" לוינט זיך ניט. דער קאַליקער, הוי־קער, שלאָק, וואָס גאָט האָט איהם געלייטזעליגט מיט אַ מום, וועט זיך ניט טיילען מיט'ן בלינדען. בשעת ער קען מאַכען „ביזנעס" פאַר זיך.

דעם בלינדענס ליעדעל איז אויף פערשידענע טהעמאַס. כאָטש דער ניגון איז כמעט אימער דער זעלבער. נאָר אויף וואָס פאַר אַ טהעמא דער בלינדער זאָל ניט זינגען. אָדער שפּיעלען— זיין ליעדעל איז אימער פּעסימיסטיש.

דער מענש ווייס ניט קיין צאָהל פון זיינע יאָהרען:
ער לעבט, און טרוימט אויף דער פאַלשער וועלט:
מיט נאַרישקייט פיהרט ער זיך פון זיין געבאָרען,
ביז מ'לעגט איהם אריין אין זיין וויסטען געצעלט —

פילאָזאָפירט איין לידעל און פיהרט אויס צום סוף, אַז

רחמנות צו האָבען אויף געמיינע לייט —
דערצו דאַרף זיך דער מענש געוואוינען;
איבער הונדערט יאָהר, אַז ס'וועט קומען פון שטאַרבען
די צייט,
וועט דאָס אייך אַלעם בעלוינען.

אַ צווייט ליעדעל זינגט וועגען אָדעסער פּאָגראָם:

ווער עס האָט די בלאַט געלעזען
פון דער בעריהמטער שטאָדט אָדעס,
וואָס פאַר אן אומגליק דאָרט איז געוועזען,
אין איינע צוויי דריי מעת לעת.

דעם בלינדען'ס ליעדל, בכלל, איז ניט ענהליך צו אַ פאָלקס־

און א פידעל. קלייבט זיך אין רעדלאך ארום דעם בלינדען מוזי־
קאנט, הארכט צו גערן דעם גאסען קאנצערט, און זשאלעוועט
ניט דעם בלינדען א גראשען, צו א קאפיקע. דער געהענדיגער
לעבען דערצו, אימער אויף דער פרייער לופט, ווירקט, בכלל,
בעסער אויפ'ן געזונד, איידער דער פריהערדיגער זיצענדיגער
ארט לעבען. אין מאראלישער הינזיכט, איז א בלינדען מוזיקאנט
אויך בעסער ווי א פשוט'ען ארימאן. ער נעהמט ניט אליין די
„מטבע". זיין פיהרער בעקומט זי און גיט איהם איבער. אמת,
דערביי טרעפט ניט זעלטען, אז דער פיהרער און קאסיר לאזט
בשתיקה אראפ עטליכע מטבעות אין קעשענע. נאר דאס מוז
מען שוין ליידען. אהן דעם פיהרער קען מען ניט אויסקומען.
און א פיהרער, וואס זאל קענען ביישטעהן דעם נסיון: ניט
גנב'ענען ביים בלינדען עטליכע קאפיקעס איז שווער צו געפי־
נען. איבריגענס, האט דער בלינדער זיינע סמנים צו קאנטראלי־
רען זיין בעגלייטער און קאסיר. ערשטענס, מוז ער אבגעבען די
אויפגעקליבענע קאפיקעס טאקע באלד נאכ'ן „קאנצערט" אין
טויער גופא. דער בלינדער ווייס, אז פאר'ן עולם אין די אויגען
וועט דער פיהרער מורא האבען צו „לאטכענען". צווייטענס,
קאן ער אונגעפעהר אויסרעכענען די סומע אין פערגלייך מיט
דער צייט, וואס דויערט דער קלייבען; וואס לענגער עס דויי־
ערט, אלץ מעהר קאפיקעס דארף זיין. דריטענס — און דאס
איז דער עיקר — דער בלינדער, אומגעהענדיג מיט זיין פיה־
רער א ביסעל צייט, ווערט ער שוין א שטיקעל „בקי" אין זיין
פסיכאלאגיע. ער ווייס אויף וואס דער בחור איז פעהיג, אדער
אונפעהיג. דער פיהרער דינט ביים בלינדען אויף אלץ פרייץ,
און דערצו פון דרייסיג ביז זעכציג אדער זיבעציג קאפיקעס א
וואך מזומנים. מיט גע'גנב'עטע האט דער בחור צוזאמען — א
רובעל, אדער אנדערהאלבען א וואך. דער בעגלייטער איז זעהר
זעלטען אן אייגען קינד. ווען דער בלינדער האט אפילו אייגענע
קינדער, זשאלעוועט ער זיי צו שלעפען מיט זיך. קליינערהייט
גיט ער זיי אין חדר צו אין תלמוד תורה. גרעסערע גיט ער
אוועק צו אן ארבייט. די קינדער אליין ווילען אויך ניט געהן
מיט'ן טאטען. עס שטעהט זיי ניט אן. נעמט מען א פרעמדען.

# צווישען בלינדע מוזיקאנטען.

די אידישע בלינדע מוזיקאנטען געהערען ניט צו די געבארענע, נאר צו די געווארענע, צופעליגע „דעק־מענשען“. זיי בעלאנגען צום מעהר סאלידען, אייבערשטען פאך. די וואנדערנדע אידישע בלינדע מוזיקאנטען זענען כמעט אלע געוועזענע ארביטער. די קראנקהייט האט ביי זיי גערויבט די מעגליכקייט צו זיצען מעהר ביי דער נאדעל, אדער ביים קאפיל. די קערפערליך שוואכע פון זיי קענען ניט אריבערטראגען די פינסטערנעס. קענען ניט לעבען אהן דער זון און געהען אונטער נאך א קורצען קאמפף. די שטארקערע, פעהיגערע נעהמען זיך צו דער פידעל און געהען אוועק וואנדערן איבער דער וועלט. עקאנאמיש איז די לאגע פון אט די אונגליקליכע א סך בעסער, ווי פריהער. זיי מאכען דעם גראשען לייכטער, ווי געזונטערהייט, בשעת זיי זענען געזעסען ביי דער ארבייט. זייער „ארבייטס־טאג“ איז ניט קיין לאנגער. „צעהן א זייגער געהען מיר ארוים“ — דערצעהלט מיר איין בלינדער מוזיקאנט, און ווי עס ווערט נאר דונקעל געהען מיר א היים“.

דאס איז ווינטער־צייט, זומער בלייבט מען אין גאס לענגער. דערפאר איז די ארבייט דאן לייכטער און אנגענעהמער. פאר די זיבען־אכט שעה פאלט אריין אלענפאלס, ניט וועניגער ווי דער בעל־מלאכה האט פריהער פערדינט, הארעווענדיג ביי דער ארבייט, דער אידישער גאס־עולם האט ליעב א לידעל

בען און פאר'ן פאלק. ער בעארבייט אפט זעהר געלונגען די וואונ־דערליכע פאלקס־מעשיות פונ'ם „בעל שם טוב" און אנדערע גוטע יודען. פאר דעם זאמלער פון דער אמת'ער פאלקס־שאפונג האבען, נאטירליך, זיינע איבערגעניצעוועטע מעשיות קיין שום בעדייטונג נים. אין פערגלייך מיט דעם סטיל פון יענע נאאיווע פאלקס־מעשיות איז זיין, מזח'ס, סטיל צו געקינסטעלט. אבער אלס לעזע־שטאף פאר דעם פשוט'ען עלטערן לעזער זיינען זיי אויסגעצייכענט. ס'איז דעריבער גאר קיין וואונדער ניט, וואס זיי ווערען אזוי דורשטיג געלעזען.

וואס האט מזח אליין פון זיינע מעשיות?

קוים, קוים א טרוקען שטיקעל ברויט. ער ווערט אונ־ברחמנות'דיג עקספלואטירט פון זיינע פערלעגער. קיין מזומן געלד בעקומט ער כמעט ניט. מ'גיט איהם בלויז אביסעל עק־זעמפליארען פון יעדען מין. מיט די דאזיגע עקזעמפליארען מוז דער אלטער ארומגעהן און פעדלען, ביז ער ברינגט זיי אויס. נים זעלטען שיקט ער פונאנדער זיינע „חבורים" צו זיינע אמאַ־ליגע גבירים און בעקומט צייטענווייז פון זיי עפעס צוגעשיקט. אפטער אבער קלאפט ער אב די פיס, נעהענדיג אויף פאטשט, און בעקומט גאר נישט.

איך האב אמאל געוואלט בעזוכען מזח'ן אין זיין וואוינונג. ר. ה. אין זיין צימער. האט ער מיר איינגעלאדען צו קומען צו איהם ארום — דריי, פיער א זייגער נאך... האלבע נאכט. אונ־זערער אן אלגעמיינער בעקאנטער האט מיר דערקלערט די רע־טעניש פון מזח'ס איינלאדונג: ער שעמט זיך פשוט פאר אימי־צענם בעזוך, ווייל זיין צימער איז ניט אויפגעקליבען. מ'זאגט, אז מזח'ס קאמער קען דינען פאר אן אויסגעצייכענטע אילוס־טראציע צו דער מעשה פון חומש וועגען דער איבערקעהרענעס פון סדום און עמורא...

מזח, זאגט מען אויך, שרייבט געוועהנליך זיינע מעשיות, זיצענדיג האלב נאקעט אין בעט, און איז, בכלל א משונה'דיגער יוד, א גרויסער אריגינאל. נאר א קבצן איז ער נאך א גרעסע־רער, און אום צו דערהאלטען די נשמה אין דעם אלטען גוף, מוז ער צופעדלען מיט יודישע צייטונגען.

אַנגנט „ספורי נפלאות“ — וואונדער־מעשיות אויפ׳ן אַלטען שמייגער און מזת ניצעוועט פאַר איהם איבער דעם „שבחי בעל שם טוב“,, דעם „קהל חסידים“. די „מדרשים“, דעם „עין יעקב“. אַ פערטעל פאַרערט גלאַט מעשיות אבער מיט „אַ מוסר השכל“ און מזת באַקט פאַר א י ה ם סחורה, ניט חלילה פון קאָפּ אויסגעקלערט, נאָר ארויסגענומען פון גוטע און פרומע ספרים. אלטע און נייע (מזת האָט מיר מיט אַ געהיימניספולען ווינק מיט׳ן לינקען אויגעל פאַרטרויט, אז ער האָט אַזוינע ספרים און ביכער, וואָס קיינער וויים נאָר פון זיי ניט). צווישען די ביכלאַך פונ׳ם לעצטען מין זיינען פאַראַן אַ סך מיט טראַסקע־דיגע סענסאַציאָנעלע נעמען. אבער קיין שונדר־זאכען זענען ניטאַ צווישען זיי. אלע מעשיות, צי פונ׳ם אַלטען, צי פונ׳ם נייעם שניט, זענען מיט אַ מוסר השכל. ווען ס׳איז דאָ אַ ליבע איז עס צווישען דעם „רבונו של עולם“ און זיין פאָלק ישראל.

אַזוינע ביכלאַך האָט מזת בלויז פאַר די לעצטע פינף, זעקס יאָהר אָנגעשריבען ניט ווענינער, ווי צוויי הונדערט. אויפ׳ן מאַרק קאָסט אַ ביכעל צוויי קאָפּיקעס אַ שטיק. געוועהנליך פערקויפט מען זיי אויפ׳ן הונדערט. אַ בוכהענדלער אין דווינסק האָט מיר געוויזען, אז איהם איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון ווילנא אַ גאַנ־צער פּאַק מזת׳ס ליטעראַטור. דער מאַרק־עולם, זאָגט ער כאַפּט זיי, ווי מצה־וואַסער. און דאָס, האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף אַן אַנדער פּאַק ביכער אויף אַ פּאָליצע, זענען די לעצטע אויס־גאַבען פון שימין — אַליץ ערנסטע, גוטע ביכער. אָט די שיק איך אָב צוריק, ווייל זיי געהען זעהר שוואַך.

מזת האָט מיר געמאַכט אַ פּרעזענט אַ צעהנדליג פון זיינע מעשיות. איך האָב אין זיי אריינגעקוקט אַזוי, ניט ווילענדיג. דער סטיל האָט מיך אבער פאַראינטערעסירט. און איבערקוקענ־דיג אַ דריי, פיער פון זיינע ביכלאַך, האָב איך זיך איבער־צייגט, אז מזת בעזיצט פאָלקאָם די קונסט פון אַ פאָלקס־דער־צעהלער. זיין שפּראַך איז דאָס ריינע אוננעקינסטעלטע „אַר־דעש“. אַ חוץ דער לייכטקייט און פליסינקייט פון דער שפּראַך בעזיצט ער די קונסט צו דערצעהלען אַ מעשה פון פאָלקס־לע־

קאסט זי צוויי, לעזום מען איבער און מ׳גיט אָב דעם פאקענטרע־נער צוריק פאר א קאפיקע.

פאר אזוינע מעשיות איז שוין אָבער יעצט קיין שרייבער ניטא. דער אמאליגער מחבר פון „תחינות", פון „באבע־מעשה׳, פון „צענטורע־ווענטורע", פון גור אריה" פון „ר׳ יוסף דילא־ריינע" פון דעם „בן מלך און דער בת מלכה" איז שוין לאנג געשטארבען. געשטארבען זענען אויך „שמר" און בלאשטיין. פערשוואונדען געווארען אין הארטען לעבענס־קאמפף כמעט אלע זייערע נאכמאכער.

דער לעזער זייערער איז אבער געבליבען. און ניט בלויז געבליבען. די צאהל פון זייערע לעזער איז איצט אויך גרעסער, און גרויס איז זייער גייסטיגער דורשט.

האט גאט זיי א נס געטאן, ווי א וואונדער פון אלטע צייטען איז איבערגעבליבען פון אמאל יהושע מזח — א מין צופעליגע חורבה פון דער אלטער געביידע. זיינע אמאליגע חברים און גבירים זענען שוין לאנג ניטא. די ליטעראטור, וואס האט איהם א פלאץ געגעבען איז שוין לאנג פערשוואונדען. צו דער נייער ליטעראטור, סיי דער אידישער, סיי דער העברעאישער איז פאר איהם קיין צוטריט ניטא. ס׳זענען אבער צוזאמען מיט די אלטע לעזער, געבליבען עטליכע פון די אלטע פערלעגער: מץ, פונק, קאצענעלענבויגען. ס׳זענען אין ווילנא אויך שטענדיג פאראן דרוקער, וואס ס׳פעהלט זיי אוים ארבייט פאר די זעצער און דער מאשין.

אט די פערלעגער און דרוקער האבען אויפגעזוכט דעם אלטען מזח׳ן, צי ער האט זיי אויפגעזוכט, — איך וויים ניט אקוראט — און די אלטע פאקען־טרעגער־ליטעראטור האט אויפגעלעבט נאר אויף דאס ניי. איין פערלעגער וויל דרוקען דוקא „וויסענשאפט" און מזח שרייבט „וויסענשאפט" — דאס לעבען פון חיות אויפ׳ן שטייגער פון רובאקין, לונקעוויטש, ברעם להבדיל. אן אנדער פערלעגער וויל מאכען א סענסאציע מיט א תחינה פון א נייער „שרה בת טובים" און מזח זעצט זיך און מאכט פאר איהם דבורה ־ אסתר׳ס תחינה. א דריטער פער־

נאָך אַם זיינען מיט א יאָהר 15 צוריק אנגעקומען די אונ־רוהיגע צייטען פון דער „בעוועגונג“. הער אמאָליגער „מחבר“ איז ארוים פון דער מאָדע. פאר א שרייבער איז ווינציג געווען צו שרייבען נאָר „לשון“ און „פתגמים“. מ'האָט גערארפט עפּעס זאָגען. דערצו זענען אנגעקומען נייע שרייבער, „עזות פנים'ער“ וואָס האבען גרעסערע אויטאָריטעטען, ווי מזח, אראבגעשליי־דערט פונ'ם בענקעל. מזח'ן איז שוין שווער געווען צוצוטרעטען צו א „יוד“, צו א „פריינד“ און אפילו צו א „וועג“, „אונזער לעבען“, צו א „היינט“.

מזח איז אָבער פון דער מאָדע ניט ארויס. ער אליין האָט זיך קנאפּ וואָס געענדערט אין די אלע שטורמדיגע יאָהרען. אלץ וואָס ארום האָט געדרעהט און געשטורמט האָט צו איהם, צו זיין גלאטער פּען, וועניג שייכות געהאַט. פונדעסטוועגען האָט ער זיך געקענט אויסגעצייכענט צופּאסען צו די אומשטענדען. נאָך מעהר. ער איז ערשט יעצט אין מאָדע אריין און פאר־נעהמט א וויכטיגען פּלאַץ אין דער ליטעראַטור פון די פאקענ־טרעגער. איך בין זיכער, אז ווען דער היסטאָריקער פון דער יודישער ליטעראטור פון דער השכלה־צייט, וועט קענען ארוי־בערגעהן גאַנץ רוהיג פאַרביי מזח'ן דעם העברעאישען שריי־בער, וועט ער אָבער ניט קענען אוועקמאַכען אונטערן האַנד מזח'ן דעם יודישען פאַלקסשרייבער, ווען ער, דער היסטאָריקער, וועט קומען נעהענטער צו אונזער צייט, צו דער יודישער ליטע־ראטור.

וועגען דער יודישער שפּראַך, יודישער ליטעראַטור, יודי־שער מאסע ווערט פיעל ביי אונז גערעדט. אבער וועניג ווערט געטאָן צו ברענגען דאָס בוך נעהענטער צום פאָלק. ניט וועניג ביכער, אריגינעלע און איבערזעצטע זענען דאָ אויף דעם יודי־שען ביכער־מאַרק. אבער דאָס אלעס איז איינענטליך פאַר א הייפעל אינטעליגענטען, אָדער האַלב־אינטעליגענטען — די פּער פון דער יודישער מאסע. דאָס פאָלק אָבער, די ברייטע מאסען זענען געצוואונגען צו נערען זיך גייסטיג פונ'ם פאקענטרע־גערס קאָרב. א מעשה טאָר ניט קאָסטען מעהר, ווי א קאָפּיקע.

לען פון גוטע פערציג יאָהר צוריק ביז די לעצטע צעהן יאָהר, וועט איהר אומעטום געפינען מזח'ן. אָהן איהם איז געווען אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען א וועלכע עס איז יודישע אָדער העברעאישע אויסגאַבע, ווי עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען א שטוב אָהן א קוימען, אָדער א שוהל אָהן אן אַלטען הענגלייכטער. אומעטום איז מזח געווען אן אייגענער מענש. כאָטש קיינעם איז אפשר קיין מאָל אויפ'ן זינען ניט ארויף: וואָס אייגענטליך שרייבט מזח? און צו וואָס דאַרף מען איהם דרוקען?

מזח האָט אייגענטליך קיין מאָל ניט געשריבען פון לעבען, פון ווע
לכע עס איז פראַגען. אין יענע צייטען פון דער השכלה־ און מליצה־שרייבעריי האָט מען עס אויך שטאַרק ניט געפאָדערט. פאַר א שרייבער איז געקרוינט געוואָרען דער, וואָס האָט געקענט אויסצאַצקען פיינע מליצות און שרייבען שענע „רעיונות“ סתם אין דער וועלט אריין. מזח האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א גלאַטער פען און דאָס איז געווען גענוג, אז די אמאָליגע מליצה־שרייבער און אפילו שרייבער מיט טאַלאַנט, ווי צ. ב. פּרץ סמאָלענסקין, זאָלען איהם אריינגעהמען ווי א גלייכען מיטגליעד אין זייער שרייבער־פאַמיליע.

וואָס האָט געשריבען מזח? — אַלץ וואָס האָט זיך געבעטען מאַכען דערפון א פיינעם שטיקעל „לשון“. מעהרסטענס, אָבער האָט ער געשריבען „פתגמים“ און „מכתמים“, ד. ה. פערשיידענע שפּרוכען, ווערטלאַך, רעטעניסען, וואָס מ'דאַרף צו זיי צולענען קאָפּ, וואָס האָבען אין זיך א מוסר השכל. גאַנץ אָפט פלעגט ער ארויסגעבען אליין זאמעלביכלאַך, מיט פערשיידענע אזעלכע „פתגמים“ און „מכתמים“ און איבערגעניצעוועטע און נאָכגעמאַכטע מעשה'לאַך און מוסר־זאַכען פון מדרשים, אגדות און אנדערע פרומע ספרים, און גלאַט ספרים.

מזח איז געווען א טיפּ פון א יודישען מחבר פונ'ם אלטען שניט. האָט ער נעהאָט אָבגעדרוקט „א חיבור“, פלעגט ער מיט'ן חבור אונטער אָרם, צי אין קעשענע, אין א צילינדערהוט און א פעלערינע, ווי א דייטשער בעל דרשן, לאָזען זיך פּערלען איבער די הייזער פון יודישע גבירים. קיין פּולע האָט מזח קיין מאָל ניט געדאַרפט און זיינע האָט ער קיין מאָל ניט דערלענט.

ווײל אײך מיט א כיון ניט זאָגן). רעדן רעדט ער מיט אײך זעהר שטיל, געלאַסן, געצעהלט יערעם וואָרט, צײטנווײז אָב־שטעלענדיג זיך מיט אזא מינע, וואָס זאָגט: אנו זײט א חכם און טרעפט, וואָס וועל איך ווײטער זאָגן. בע! איהר'ט ניט טרעפן... און ניט דאָן אָ זאָג ווײטער אָ וואָרט, מיט אזא טאָן, ווי ער וואָלט אײך וועלן איבערראשען: אהאַ, וואָס זאָגט איהר אויפ'ן ווערטעל! שוין אײן מאָל א ווערטעל..

און באמת קען טאקע יהושע מזח, אזוי הײסט ער, דער לעצטער יודישער פאָלקס־שרײבער, זאָגן ווערטלאך. גאַטירליך, ניט פאר אבי וועמען פון גאס. נאָר צווישן זײנע אינטימע בעקאנטע. צו אזעלכע בעקאנטע בעלאנגען די ווילנער בוכהענד־לער מיט וועמען ער האָט צו טהון, און דער גאנצער שטאַב „מענ־שען" פון די בוך־קראָמען, בעזאָנדערס אבער די העברעאישע לי־טעראטען און העבראאיסטען בכלל. דאָן עפענט זיך פאר א צוהע־רער א גאנצע ענציקלאָפּעדיע פון יודישען פאָלקס־הומאָר, ווערט־לאך, וויצען, אנעקדאָטען, מעשיות, צו קאטשען זיך פאר געלעכ־טער, פון גאנצע דורותיודישע ליטעראטען,ווער נאָר איהר ווילט, פון ווילנער אמאָליגען און איצטיגען לעבען. זײנע וויצען און אנעקדאָטען האַלטען ניט אימער אויס די שטרענגע צענזור. אָבער אימער זענען זײ זאלציג, פעפערדיג, אז איהר מוזט לאכען. דערבײ בלײבט ער אלײן, תמיד בײ זײן רוהיג־געלאַסענער. כלומרשט־ערנסטער, מינע, ווי ער וואָלט אין דער גאנצער מעשה געווען גאָר א זײטיגער מענש און ווײס ניט פון וואָס צו זאָגן.

מזח איז דער לעצטער אידישער פאָלקס־שרײבער — ניט פאָלקסטימליכער שרײבער (ד. ה. שרײבער אין א פאָלקסטימ־ליכען סטיל), נאָר פשוט: אונגעקינסטעלטער שרײבער פון פאָלק. פאר זײן לאנגען לעבען — מ'זאָגט, ער איז אלט איבער אכטציג יאָהר — האָט ער אָנגעשריבען פעק, כמעט אזוי פיעל ווי „שמר".

עפענט אויף אן אלטען „המגיד", „הצפירה", „השחר", „המליץ", „הכרם", „האסיף", „הכנסת" א „פאָלקסביבליאָטעק", און נאָך, און נאָך העברעאישע און אידישע צײטונגען, זשורנאַ־

# דער לעצטער יודישער פאלקס-שרייבער.

איחר קענט איהם אפט בעגעגענען אויף די ווילנער יודישע גאסען. און יעדעס מאל, ווען איחר בעגעגענט איהם, מאכט ער אויף אייך א טיעפען איינדרוק מיט זיין שטארק אריגינעלען פנים, מיט זיין איינגעבויגענער פיגור, מיט זיין רוהיגען, ריטמישען גאנג, וואס זעהט אויס שטענדיג, ווי ער וואלט געהן שפאצירען: מיט זיין א י י ן האלב־צוגעמאכטען אויגעל, וואס קוקט, דארט זיך, ווי עפעס אן זייט, און געלאסענער, שמייכעלדינער מינע, די מינע, וואס געהט איהם קיין מאל פון די ליפען ניט אראב. און אייך דאכט זיך, אז אט דער אלטער האט זיך אינעוועניג זיין בעהאלטענע וועלט, אין וועלכער ער איז שטענדיג פארטאן, און מאכט חוזק פון אייך און פון אלעמען, וואס האווען ארום איהם, לויפען, שרייען און קאכען זיך.

בעזונדערס קוקט איראניש זיין אויג, טאקע דאסזעלבע האלב צוגעמאכטע ווינקענדיגע אויגעל, בשעת ער רעדט מיט אייך. מיט אט דעם אויג קוקט ער אויף אייך, ד. ה. אייגענטליך ניט אויף אייך, נאר אן א זייט פון אייך (עס דאכט זיך דעמאלט, אז ער קוקט אויף אייער באק אדער אויף אייער אויער, קוקט מיט אזא מינע, ווי ער וואלט דארט עפעס דערזעהן, חדושים, וואס אייך איז דאס ניט בעקאנט, און ער אליין זעהט דאס און

דען; פון זיידען צום טאטען, און פון מאמען צו איחם — וועט שוין נים זיין וועמען איבערצוגעבען ווייטער. מאטעס'ס זוהן, און אפשר ער אליין, וועט פילייכט עפנען א ביליגען מוזיק־האל אין אמעריקא, אדער וועט זיך אפשר ארויפארבייטען אויף א מואוויס־טעאטער. די פורים־שפיל וועט פארגעסען ווערען און מיט איהר צוזאמען די שענע אריגינעלע ליעדער, וואס האבען אזוי פיעל געדעדם צו דער נשמה פון אונזערע טאטעס און זיי־דעס...

8 שפר...

מיר לויבען דעם בורא
גאר אויף דאס ניי,
זינגען מיר: שושנת יעקב,
תכלת מרדכי!...

כ א ר: פארפלוכט זאל ווערין המן —
דער רשע, דער ערשטער;
געבענשט זאל ווערען מרדכי —
דער צדיק, דער גרעסטער און אז. וו.

דאס גאנצע שפיל ענדיגט זיך מיט:
איהר'ט אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפס,
וועלען מיר מאכען „לחיים!“

דאס גאנצע שפיל ווערט זעהר זעלטען געשפילט, צוליב דעם, וואס ביי איצטיגע צייטען איז שווער צונויפקלייבען א פולען קאמפלעט פורים־שפילער. אגב איז פשוט ניטא פאר ווע־מען צו שפילען. ניטא דער אמאליגער בהרחבה'דיגער באלעבאס, דער בעלן אויף דער פורים־שפיל. ניטא די אמאליגע סעודות. דער היינטיגער פורים־שפילער איז שטאלצער פון אמאליגען. ער זאגט ניט מיט ערנידעריגונג: „גיט מיר א גראשען און ווארפט מיך ארוים“. ער פערלאנגט עטליכע גילדען און א שנאפס צו מאכען „לחיים“, מעשה גוטער גאסט. די עטליכע גילדען דארף ער נויטיג האבען אויף דירה געלד, וואס פעהלט איהם, אפילו פאר דער פערטעל קאמער. אויף צאהלען אבער עטליכע גילדען איז פאראן נאך ווייניגער בעלנים, ווי צו הערען און זעהן די פורים־שפיל.

מאכט דאס דער פורים־שפילער בקיצור: דער „קענצלער“ וועלכער דיענט אויף פאר אחשור'ן; „המן“, וואס דינט פאר „ושתי'ן“ און שפעטער פאר „אסתר'ן“ און „מרדכי“. א זאג, א זונג, א שפרונג און — פארטיג.

נאך א יאהר צעהן, פונפצעהן און מאטקע — דער לעצטער פורים־שפילער, וועט אין גאנצען אראב פון דער סצענע. ער קלויבט זיך שוין אין אמעריקא. די פורים־שפיל־ירושה, וואס איז דורות לאנג טריי איבערגעגאנגען פון עלטער־זיידען צום זיי־

און ער בעזינגט וייער מפלח מיט אמת שענע פערזען:
חמן'ס אלף־בית: 127 לענדער

האב איך עהרליך געהאלטען,
היינט מוז מען מיר מיין קאפ
אויף צוויימען צושפאלטען.

כ א ר: טרא־רא־רא! און אז. וו.

ח מ ן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שענעם ראק.
זאגט זשע, איהר אלע!

כ א ר: אויפ'ן גאלגאן שטעקט א טשוואק,
דארטען וועלען מיר הענגען
דיינעם ראק:
געה־זשע, שענסטער,
געה־זשע בעסטער
געה אויף איהם ארויף!...

ח מ ן רעכענט אויס אלע זיינע שענע קליידער, זיינע צעהן קינדער. דערנאך קומט ער צו זיך אליין.

ח מ ן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
המן'ען אליין.
זאגט זשע, איהר אלע!

כ א ר: אויפ'ן גאלגאן שטעהט א בוים,
דארטען וועט מען הענגען
המן'ען אליין.
געה־זשע און אז. וו.

דער נאכשפיל ענדיגט זיך מיט סאלא־ און כאר־געזאנג.

ס א ל א: אין אונזערע אבות צייטען
דעם בורא איז מען געווען געטריי,

נאך א סימן וועל איך זאגן:
מ'האט נים לאנג איהם
באנקעם געשמעלט צום רוקען.

מרדכי אין דעם פורים־שפיל איז פשוט א פאקטאר ביין פריץ און א שרכן. אט ווי אזוי ער שרכן'ט אוים אסתר'ן דעם קעניג אחשורוש:

ה מ ן (צום קעניג): פאטער קעניג!
ס'איז דא א יודישער שדכן. (צו מרדכי'ן) מרדכי! דא פאנא!

מ ר ד כ י: משאסו ניעמא. (נימא קיין צייט).
ה מ ן: צא ראביש? (וואס טוסטו?)
מ ר ד כ י: לאקשען קאטשאיו! (איך וועלגער לאקשען).
ה מ ן: נו, אידי! אידי! (נו געה, געה!)

(נעהמט איהם פאר'ן האלדז און גיט איהם א שטופ צו אחשורוש'ן).

אט ווי מרדכי שטעלט פאר אחשורוש'ן דעם שידוך:

איך וויל דיר געבען א מיידעלע, א פאטרעט,
כאטש מיט די פים צעטרעט...
א קולאק אנטקעגען א קולאק;
א געשוויר אייך ביידען אין באק.
היינט האט זי אילע בגדים של חול,
זאל אייך, מיינע קינדערלאך, ביידען ארוים די זייל.
היינט האט זי יום טוב'דיגע בגדים —
קרחת מיט רויטע פאדים;
שטרויענע הויזען,
מיט דראט בעצויגען.
א פלאץ אויפ'ן וואסער,
און ארט אויפ'ן בית חיים,
קטשערטיאם וואשים אבאאים.

(געהט ביידע צום טייוועל).

אינטערעסאנט איז, אז צו המן'ען בעציהט זיך דאס פורים־שפיל אהן א שום בייזקייט. דאס זעלבע צו ושתי'ן. זייער ביי־דענס שיקזאל רוהרט שטארק דעם דיכטער פונ'ם פורים־שפיל

שטעהן נים בלויז א בעט. נאר אויך א טיש מיט א בענקעל און צווישען אט די דאזיגע „מעבעל“ איז געווען פלאץ פאר זעקס פארשוין, (מיט מיר אין איינעם). ס'פערשטעהט זיך, אז די אלע זעקס פארשוין האבען געמוזט נים בלויז שטעהן, נאר אנטרעטען איינער דעם אנדערן אויף די פינגער.

ניט קוקענדיג אויף אזא מין „ביהנע“ איז די „שפיל“ צו־געגאנגען גאנץ לעבעדיג. די „פורים־שפיל“ איז, אין גאנצען גע־נומען, אייגענטליך, די איינציגע אידישע פאלקס־אפערעטע. פורים'דיגס איז דא מעהר ניט די קאנווע. אין אמת'ן איז די גאנצע שטיק א מין פארם פונ'ם פאלקס־לעבען. די מוזיק—סא־לא און כאר, איז אמת פאלקסטימליך. ווען א וועלכע ס'איז אמאטארען־טרופע וואלט געקענט אויפנעהמען די גאנצע שטיק מיט אלע איהרע נגונים, וואלט דאס שוישפיל געמאכט א שטארקען איינדרוק. די פורים־שפיל־אפערעטע איז איינגע־טיילט סצעניש אין דריי אקטען, מיט א פארשפיל און א נאכ־שפיל.

בעזונדערס שען איז דער כאר־געזאנג אין ושתי'ס און המן'ס אלף בית־ליעד.

די לאגישע פערבינדונג פון די אקטען און געשפרעכען און די פסיכאלאגישע מאמענטען זענען זעהר טריי און לעבע־דיג פארגעשטעלט. פארשטעלענדיג אייגענטליך קאריקאטורען אויף טיפען פון איצטיגער צייט, איז דאך יעדע פערזאן טריי, אזוי צו זאגען, איהר היסטארישען כאראקטער. בעזונדערס כא־ראקטעריסטיש איז אין דער פורים־שפיל ארויס „מרדכי“. אט ווי די דאזיגע מערקווירדיגע פאלקס־אפערעטע שילדערט איהם

...פיס־יוד מאנדרעכאי —
א שלעפער, א בעטלער, וואו א חתונה, וואו א ברית
דארטען האט ער נים געפעהלט,
און א טעלער געשטעלט;
א פאטרעט — אויף איהם צו קוקען:
א הארב אוים'ן רוקען,
אין דר'ערד טהוט ער קוקען.

איצט אויפקלייבן דריי פארשוין, און מיט די קען מען שוין קיין גרויסע פארשטעלן נים מאכן.

איך האב קוים געקריגן דעם „קאנצלער“, דעם „אנטרעפ־רעניאר“ און רעכטן העלד פון פורים־שפיל, איז דאס נאך א סך זוכענעס. און צוגעקומען בין איך צו איהם דורך מיינעם א בע־קאנטענס א בעקאנטען פון נאוואגראד (די זעלבסטפער־שטענדליכע רעזידענץ פון דעם פורים־שפילער) צו דעם בעקאנ־טען פון זיין בעקאנטענס א בעקאנטען. דער אויסרייד איז גע־ווען א גאנצער שווינדעל, וועלכער האט זיך שווער אבער דאך איינגעגעבען. מאטקע דער פורים־שפילער האט נים בלויז מיך אויפגענומען, נאר האט מיט גרויס מיה צוזאמענגעשטעלט, פאר א מטבע, עקסטרא פאר מיר, די גאנצע קאמפאניע און רעמאנס־טרירט נים איין מאל די שפיל.

די ערשטע רעפעטיציע איז פארגעקומען טאקע ביי איהם, ביי מאטקע דעם פורים־שפילער אין שטוב. פארשטעלן אייך מאטקע דעם פורים־שפילער'ס וואוינונג, דארף דאס גופא נעמען א סך צייט. ס'איז גענוג צו זאגען, אז מאטקע וואוינט נים פשוט אין נאוואגראד, נאר אין באנקאווסקי'ס הייזער. און באנקאווסקי'ס הייזער זענען — דער נעסט פון די ווילנער אידישע „דעק נפשות“. א סוד וועל איך אייך פערטרויען, אז מיין בעקאנטשאפט מיט מאטקע דעם פורים־שפילער און זיין קאמפאניע — דאס גופא איז ביי מיר געווען מעהר א מיטעל צו בעקומען א צוטריט צום ראזיגען נעסט פונ'ם שרעקליכס־טען אידישען עלענד, ווי א ציעל אליין פאר זיך. איך וויל אייך וועגען מאטקעס וואוינונג דערוויילע נאר זאגען קורץ, אז זי איז מעהר ענהליך אויף א לאך פאר א הונד, ווי אויף אן ארט פאר לעבעדיגע מענשליכע ברואים. דעריבער האט מיך טאקע מאט־קע ארויפגעפיהרט מיט א שטאק העכער, צו זיינעם א בעקאנ־טען, וועמעס דירה איז, אמת, בעשטאנען אויך, ווי אלע דירות אין באנקאווסקי'ס הייזער, בלויז פון א פערטעל קאמער, האט אבער געהאט אן אייגענע פענסטער מיט א גאנצען האלבען אויווען. א חוץ דעם האט אין דעם פערטעל קאמער געקענט

בעגריף „גאס־מענש“ נעהמט אריין א יוד פון „גאווגאראר“ (ווילנער פארשטאדט, וואו עס וואוינען די מענשען פון „דעק“) די פערשיידענסטע טאלאנטען און פראפעסיעס. אמאל איז ער א טרעגער, אמאל א הענדלער, אמאל א נדבות־קלייבער, און, ניט זעלטען, א ספעציאליסט אויף „קעשענע־ביזנעס“. ניט נאר זעלטען טרעפען זיך אויך אט די אלע טאלאנטען פעראייניגט אין איין פערזאן. וואס אנבעלאנגט די פורים־שפילעריי, איז דאס. אזוי צו זאגען, א סעזאן־פרנסה, וואס טרעפט איין מאל אין יאהר.

דער פורים־שפילער אליין קוקט אויף זיין „בערוף“ זעהר פראקטיש. „היינט איז פורים, מארגען איז אויס, גיט מיר א גראשען און ווארפט מיך ארויס“. — דאס איז דער שטענדיגער צושפיל פון זיין פורים׳דיגער קאמעדיע. א חוץ דעם גראשען מיינט ער, פערשטעהט זיך, אויך א כוס׳ע און א שטיק המן־טאש צו פערבייסען. איך קען ניט ערוב זיין, אז ווען עס ווערט עפעס אוועקגעלעגט שלעכט ביי איהם אונטער האנד, זאל ער דאס ניט אריינפאקען אין קעשענע. און טאקע צוליב דער דא־זיגער „האנד־ארבייט“ ווייס ער, אז ער איז ניט גאר קיין אנגע־נומענער גאסט, און וואוהין ער קומט האט מען שטארק חשש איהם ארויסצוואווארפען.

פונדעסטוועגען, אז איהר ווערט בעקאנט נעהענטער מיט׳ן פורים־שפילער, בעמערקט איהר, אז ניט נאר די „גשמיות“ איז ער אויסען. א פאקט איז, אז די פורים־שפילעריי ליגט אין יע־דער שטאדט און שטעדטעל אין איין פאמיליע. דאס איז א מין ירושה, וואס געהט איבער פון דור צו דור.

אמעריקא האט, ווי אומעטום, אין אידישען לעבען, דא. אין פורים־שפיל, אויך אנגעמאכט א חורבן. ס׳איז שוין יעצט זעהר שווער אויפצוקלייבען אויף דער שפיל א פולען קאמפלעקט. עס זאל ניט פעהלען אי „אחשורש“, אי „מאנדרעכאי“ אי „המן“. אי „ושתי“, אי דער „קאנצלער“, אי דער כאר, וואס מוז בע־שטעהן, אין א גוטען אופן, פון צוועלף פערזאן, יעדענפאלס אבער, ניט ווייניגער פון זעקס מאן. קוים, מיט צרות, קען מען

# דער לעצטער פורים-שפּיעלער.

ביי אונזערע שרייבער פונ'ם פּאַלקסלעבען, דינעזאָן און „שלום עליכם", געפינען מיר שענע בילדער געמאָלט פון אונזערע פּורים־שפּילער און זייער היימישער ספערע. זיי זענען אבער שטאַרק צוגעפאַרבט בעלעטריסטיש. איך האָב געוואָלט, אויף מיין שטייגער, בעקאַנט ווערען מיט'ן פּורים־שפּילער, שאַפען זיך אליין און זיין אין שטאַנד צו געבען די לעזער א בילד פון דעם דאָזיגען טאַטען פונ'ם יודישען אַקטיאָר, אויפגענומען ניט בעלעטריסטיש און ניט פאָטאָגראַפיש, נאָר, אזוי צו זאָגען, קינעמאַטאָגראַפיש: ווי ער שטעהט און געהט, אין זיין וואָכעדיגען לעבען און פּורים'דיגען שפּיל.

זעהר, זעהר שווער איז דאָס מיר אנגעקומען. וואָרים לייכטער איז צו בעקומען אן אינטערוויו מיט א רוסישען מיניסטער, ווי מיט א אידישען פּורים־שפּילער. וואָס און ווי אזוי א שטייגער וועט איהר איהם דערקלערען אייער פערלאַנג? ווי אזוי וועט איהר קענען געווינען זיין צוטרוי, ער זאָל אונגעצוואונגען און נאַטירליך ארויסגעבען פאַר אייך ניט בלויז וואָס ער קען, נאָר אויך וואָס ער איז?

איבעריגענס, וואָס דער פּורים־שפּילער איז וועט איהר ביי איהם קיין מאָל דירעקט ניט ארויסקריגען. פּשוט דערפאַר, וואָס ער ווייס אליין ניט וואָס ער איז. ער איז דאָס וואָס עס מאַכט זיך. אין אלגעמיין איז ער א „גאָס־מענש", נאָר אונטער דעם

# יודישע פאלקס-קינסטלער.

ביי טאָג און גרויסען מאָהלען ביי נאַכט האָבען איהר ניט געראַטעוועט פון אַזאַ סוף. נאָר דערפאַר, וואָס זי איז בלינד. בלינד געוואָרען איז זי ערשט פאַר ימים־טובים, מיט אַ האַלב יאָהר צוריק. פּלוצלונג איז דאָס איהר געקומען. זי ווייס ניט פון וואַנען. דער וועהטאָג איז נאָך פריש און זי קען ניט פאַרטראָגען די פינסטערניס. אַז זי וואָלט ניט געוועזען בלינד, זאָגט זי, וואָלט זי דאָ ניט איינגעזעסען. זי וואָלט נאָך עפּעס געטאָן, אונטערצוהעלפען דער טאָכטער, צו פערגרינגערן איהר ביטערן מזל.

געזינד. איהר מאן האט אויך געארבייט. ער איז געווען א חאלץ-זעגער. און אזוי הארעווענדיג ביידע, האט זיי טאקע „גאט געהאלפען״ — און זיי האבען אויסערען שטארט געקויפט א כאלופקע, וועלכע זי האט נאך געהאט ביז מיט דריי יאהר צוריק. „ווען די שטיבעל, זאגט זי, וואלט נאך געווען גאנץ, וואלט איך דא ניט געווען״. נאר די שטיבעל האט אבגעברענט און איהר איז געבליבען דער הוילער פלאץ. דער פלאץ איז ווערט א פאר הונדערט רובל, נאר זי וויל איהם ניט פאר־קויפען. אנ׳אייניקעל האט זי, א דערוואקסענע מיידעל, ועט דאס זיין, זאגט זי, פאר איהר אויף נדן.

פון אלע איהרע קינדער איז איהר נאר איין טאכטער געבליבען. געבליבען אויף צרות. ווארום די טאכטער האט געהאט א סך קליינע קינדער, וועלכע געהען נאקעט און בארוועס, בעטען עסען, און זי האט זיי ניט וואס צו געבען. דער מאן איהרער איז אפילו אנ׳ארבייטער, א טוליער, נאר א גרויסער פוילער און א שכור. פערדינט ער עפעס — פערטרינקט ער. קומט ער א היים — מאכט ער נאך איהר דעם טויט. קומט זי שבת צו דער מאמען — קלאגען זיך ביידע אוים אויף איהרע צרות.

איבעריגענס העלפט איהר די מאמע ניט בלויז מיט טרערען. יערען טאג שפארט זי אב א העלפט פון איהר פארציע ברויט, וואס ווערט איהר ארויסגעגעבען, און בעהאלט דאס אונטערן קישען. אז די טאכטער קומט, גיט זי דאס איהר אוועק פאר די קינדער.

חנה נאחומאוו איז אלזא ניט אומזיסט די „גליקליכסטע״. אלעמען, וואס געפינען זיך אין „מושב זקנים״, ברענגען קינדער, פריינד, בעקאנטע עפעס אונטער; און זי העלפט נאך פון דאגען דער טאכטער.

איהרע שכנות, די אלטע, האבען מיך געבעטען איך זאל קיינעם ניט דערצעהלען, וואס זי גיט אוועק דער טאכטער א העלפט פון איהר ברויט. די באלעבאטים פון „מושב זקנים״ טארען — זאגען זיי — דערפון ניט וויסען, זיי וועלען שרייען... חנה האט פאר מיר ביטער געוויינט. געוויינט האט זי ניט דערפאר, וואס די פערציג יאהר וואסער טראגען

# „די גליקליכסטע“.

אויב אַלע איינוואוינער פון ווילנער „מושב זקנים“ זאָל מען רעכענען פאַר די „גליקליכע“ אין דער יודישער גאַס, איז חנה נאַחומאָוו געווים די „גליקליכסטע“. פאַרוואָס? דאָס וועט דער לעזער באַלד זעהן. אויב דער גליק וואָלט בעשטעהן אין האָרעווען, האָט חנה שוין דערמיט אַליין געקענט זיין גערעכענט פאַר דער גליקליכסטער פון אַלע יודישע ווייבער. וואָרום איך ווייס נים, ווער פון אַלע יודישע ווייבער האָט געהאָרעוועט אַזוי פיעל ווי זי. ערשטענס האָט זי געטראָגען פערציג יאָהר נאָכאַנאַנד ווילנער באַלעבאַטים וואַסער. דאָס, איינענטליך, וואָלט שוין אַליין געווען גענוג. אָבער חנה האָט זיך דערמיט נים בענוגענט. וואַסער האָט זי געטראָגען ביי טאָג, ביי נאַכט האָט זי געהאַט נאָך אַנ׳ארבייט: זי האָט געמאָהלען אויף אַ האַנד—מיהל גרויפען. אַ חוץ, פערשטעהט זיך, דער געוועהנליכער ארבייט —טראָגנען, האָבען און האָרעווען קינדער, וואַשען גרעט און קאָכען וואַרמעס. חנה איז אַלט געווען, בשעת איך האָב זיך מיט איהר בעקענט, אַכציג יאָהר. אַז מען זאָל רעכענען, אַז אויף אַזוי פיעל אַרבייט, וואָס חנה האָט צו טאָן, דאַרף מען, ווענינגסטענס, האָבען דריי ווייבער, קען מען זיבער זאָגען, אַז חנה האָט אָבגעלעבט נים אַכציג, נאָר צוויי הונדערט און פערציג יאָהר.

איינענטליך איז זי נים געווען די איינציגע שפּייזערין פון דער

# אַ יודענע-אַ מלמד.

לאח נעפּס איז געווען אַמאָל אַ פּאַרשוין. דאָס זאָגען עדות איהרע שכנות פון די ארומינע בעטלאך אין דער פּאַלאַטע, וואָס האָבען איהר געקענט פון אַמאָל. זי אַליין געדענקט דאָס אויך, כאָטש זי איז שוין פערצעהן יאָהר בלינד. נאָך יעצט האָט זי ליעב צו דערמאָנען איהר אַמאָליגע שענקיים מיט אַ קרעכץ. געקומען איז איהר די בלינד־קיים, לוים איהר איינענער טיעפער איבערציינונג, פון „עין הרע״, נאָך אַ קינפּעט. קינפּעטען אין איהר לעבען האָט זי געפּראַוועט זיבען, נאָר פון זיי האָט זיך איהר גאָר נישט אָבגעשטעלט. „זיבען קינדער געהאַט — זאָגט זי — און אַ מאַד געבליבען״.

איהר מאַן איז געווען אַ האַלבער בעל מלאכה, אַהאַלבער לערנער און אין גאַנצען אַ שלימזל—האָט צו גאָר נישט געטויגט. האָט זי געמוזט פאַר איהם קנעלען און איהם מפרנס זיין. זי איז געווען אַ „וואויל געלערענטע״. איז זי געוואָרען אַ „רעבעצין״, און האָט פונפצעהן יאָהר געקנעלט, אַמאָל מיט מיידלעך און אַמאָל מיט יונגלעך, ביז זי איז בלינד געוואָרען. „איך האָב שוין געפּרובט אָבלערנען מיט יונגלאך — זאָגט זי מיט שטאָלץ—אַ פּרשה חומש אויך״...

פאַלאַטע די איינציגע „בורזשויקע". נאָר יענער האַלט זיך מעהרסטענס פאַר זיך, האַנדעלט מיט קיינעם ניט, אַחוץ זיינע צוויי נאָהנטסטע שכנים. די פּראָלעטאַריער פון די פּאַלאַטעס קוקען אויף איהם דער־פאַר קרום, ווי אויף אַ פּריווילעגירטען. דאָס קימערט איהם אָבער ווייניג, ווייל ער האַלט זיך אָבגעזונדערט. ניט אַזאַ מענש איז אָבער חאַסיע בעקער. זי בעזיצט אַ סך ענערגיע; האָט ליעב צו האַווען, שמייען, צו פערברייינגען מיט די ווייבער. אויסברייינגענדיג איהרע „ניין מאָס", האָט זי ליעב צו דערמאָנען איהר אַמאָליגע גדולה: איהרע גרויסע זילבערנע לייכטער, איהרע דימענטענע רינגען, איהר גילדער־נעם זיינער מיט דער קייט, איהרע טייערע סאַמעטענע מעבעל, און שפּיגלען ביזן באַלקען... די ווייבער זענען איהר מקנא איהר פאַרגאַנ־גענהייט, כאָטש זי דערצעהלט ניט פון גאוה ווענען, נאָר פשוט: אויסצורעדען די האַרץ. זיי האָבען איהר פיינד, קריגען זיך מיט איהר, מאַכען אָן פּליאָטקעס און צרות. מאַטעריעל איז איהר נאָך איצט אויך בעסער, ווי אַנדערע, ווייל זי בעקומט שטיצע. מאָראַליש אָבער איז זי די אונגליקליכסטע יודענע אין „מושב זקנים". איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך האָב בעקאַנטע אין אַמעריקא און עס קען זיין, אַז מ'וועט אויסגעפינען איהר זוהנ'ס אַדרעס. די אַלטע האָט זיך געוואָלט אוואַרף טון מיר קושען די הענד. „אַז איך וואָלט וויסען, אַז ער לעבט"— טענה'ט זי—וואָלט איך איהם געשריבען און איבערגעבעטען.

— פאַרוואָס האָט איהר ביי איהם קיין געלד ניט געוואָלט גענומען? האָב איך די אַלטע געפרעגט.

— אַז איך דאַרף ניט; איך האָב, דאַנקען גאָט. איך האָב איין זוהן אין לאָדז, צוויי טעכטער אין אַרגענטינא. מיין איידעם איז דאָרט אַ דאָקטאָר. דער לאָדזער זוהן פלעגט מיר שיקען אַלע חודש, און די טאָכטער פון אַרגענטינא אויך. מיר איז גענוג. וויפיעל דאַרף איך דאָ האָבען? איין מענש... וואָס דאַרף איך נאָך ביי איהם פאַרנעמען... האָב איך איהם געשריבען: מיין זוהן, דו פערדינסט דאָך ניט קיין טויזענדער. אָט, זעה, גיב בעסער אויף זיך אויס. איך דאַרף ניט. מיר איז גענוג... איז ער, מסתמא, דערפאַר ברוגז: למאַי ביי יענע קינדער נעהם איך און ביי איהם ניט.

די לעבענס־געשיכטע פון אָט דער חאַסיע בעקער איז זעהר אַ טרויעריגע. זי האָט אַמאָל געלעבט רייך; איהר מאַן איז געווען אַ פּאָדראַטשיק. ער האָט איהר געוואָרפען און איז אוועק מיט אַן אַנ־דערער. ענדליך האָט זי ביי איהם גענומען גט. כל זמן זי האָט געהאַט כח, האָט זי געטאָן עפּעס: געקויפט, פערקויפט אַלטע זאַכען. דער־נאָך, אַז די קינדער זענען צופאָהרען, און זי האָט מעהר קיין כח ניט געהאַט צו האָרעווען, איז זי אָנגעקומען אין „מושב זקנים". זי איז אין שטאַנד צו דינגען אַ צימער און וואוינען פאַר זיך. איהר האָט געטריבען אַהער ניט די אָרימקייט, נאָר די איינזאַמקייט. די וואָס האָט מיך געליטען אין איהרע אינינסטע געפיהלען אַלס ווייב און מוטער האָט זיך צוגעבונדען מיט איהר גאַנצער בעליידיגטער נשמה צו איהר אונ־גליקליכער שכנה יהודית'יל, דער פערכשופ'טער שענהייט פון אָשמינע. רק זי פאַרעט אַרום איהר, גיט איהר אין מויל אַריין, דעקט איהר צו, פערריכט איהר דעם געלעגער. און יהודית'יל, בשעת עס נעהט איהר אָב פון איהרע יסורים, פיהלט זיך, ווי אַ געפּיעסטעטע קינד, ווי דאַן, בשעת, אַ מיידעלע פון דרייצעהן יאָהר, איז זי נאָך געווען ביי טאַטען און מאַמען די צערטליך געליבטע מיזינקע.

אַזוי ווי דער „וואַלד־סוחר" אין דער מאַנסבילשער פּאַלאַטע איז דער איינציגער „בורזשוי", איז חאַסיע בעקער אין דער ווייבערשער

# אדיע, אדיע, מוטעריל.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט מאָטקע הירש געשלאָסען זיין לעצטען בריף צו זיין מוטער מיט צוועלף יאָהר צוריק, און מעהר שרייבט ער ניט. מאָטקע הירש וואוינט אין ניו־יאָרק. דאָרט רופט מען איהם נעווים מאקס אָדער הערי. ער האָט דאָרט א „סטיישאָנערי", אָדער א „קענדי סטאָר". זיין מוטער איז אין ווילנא אין „מושב זקנים". זיין מוטער חאַסיע בעקער ווענקט ניט אנדערש, אז איהר זוהן איז אויף איהר ברוגז און נעמט זיך דאָס זעהר צום הארצען.

— פאַרוואָס קען ער זיין אויף אייך ברוגז? — האָב איך געפרעגט

—איך ווייס ניט, האָט מיר די אַלטע געענטפערט. איך קלער, אז דערפאַר, וואָס איך האָב ביי איהם קיין געלד ניט געוואָלט נעהמען. ער האָט מיר געוואָלט שיקען אַלע חודש געלד, האָב איך איהם געשריבען, ער זאָל ניט שיקען. ביז דעמאָלט פלעגט ער מיר שרייבען אָפט, נאָר ווי ער האָט בעקומען מיין בריף, אז איך וויל קיין געלד ניט, האָט ער מיר געשריבען איין בריף, אַנ׳ענטפער, האַלב אַליבשאַפטליכען, האַלב א ברוגז׳ן „אדיע, מוטעריל! דו ווערסט שוין מעהר פון מיר סיין בריף ניט האָבען... אדיע, אדיע, מוטעריל!" און מעהר האָב איך פון איהם קיין בריף ניט. וואָס איך האָב ניט געשריבען צו בעקאַנטע, צו איהם אַליין—גאָר ניט, קיין שום תשובה ניט! איך ווייס גאָר ניט, וואָס מאַכט ער? וואָס מאַכט זיין ווייב זיינע קינדער? צי לעבט ער?

וואו איז מען נים אויסגעווען? ביי טאַטערען איז מען געווען, ביי מכשפים; להבדיל, ביי גוטע יודען אויסגעווען, ביי די גרעסטע דאָקטוירים... גראָזען, קמעות, רפואות געגעבען איהר—עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. דער טאַטע און די מאמע זענען יונגע פון דער וועלט אוועק פאַר צרות...ביידע... האָבען נים געקענט איבערטראָגען דעם חורבן. פון דער גאַנצער שטוב איז געוואָרען אַ תל... און זי לעבט.—אַ לעבעדיגער חורבן...

אלטע פון דערזעלבער שכנ'ישע פאלאטע, האט זי מיט גרויס אנ־שטרענגונג אויפגעלעגט די האלב פאראליזירטע פינגער און איהרע ליפען האבען עפּעס פרום און התלהבות'דיג געגומען שעפטשען.

— דאס זאגט זי פסוקים פון תהילים, פון דאווגען, פון בענשען, פון חומש — הייליגע פסוקים, וואס זי הערט, מען זאגט ארום איהר, און וואס זי געדענקט פון קינדווייז — האט מיר די אלטע דערצעהלט. איהר מיינט, זי וועט עסען אהן א ברכה? אהן געוואשען? אזא כשרה נשמה... א פקחית, זאג איך אייך! מיט איהר צו ריידען!.. ווי מיט'ן גרעסטען רב!..

און נים קימערענדיג זיך מעהר וועגען דעם, וואס טוט זיך ארום, האט די „פער־כשופ־טע שענהייט" מיט אלץ א גרעסערע התלהבות געריבען די פינגער איינע אן די אנדערע, אויפגעדריקט די בלינדע אויגען, אזוי אריינקוקענדיג טיף אין זיך, ענטדעקט עפּעס זעהר אינ־טערעסאנטעס און מערקווירדיגעס. איהרע ליפען האבען אימער געשעפטשעט ווערטער, פסוקים, עפּעס מארנע, אונבעגרייפליכע... איך האב בשום אופן נים געקענט כאפען א בעקאנטען קלאנג, א בע־קאנטע זילבע... עס האט אויסגעזעהן, אז זי האט אליין אויסגעפונען עפּעס א שפראך, מענה'ט זיך אויס מיט'ן „אלמעכטיגען"...

„מענות" האט זי צו איהם חלילה נים. זי האט איהם שוין לאנג מוחל געווען. איהר שפראך איז געווען א מין ליבשאפט־געשפרעך. אלע שטריכען פון איהר נעזיכט האבען אויסגעדריקט א מין ליבליכע־ענט־ציקונג, אזוי ווי זי וואלט דערגאנגען דעם סוד, פארוואס מענשען לעבען און ליידען און דער סוד וואלט איהר געשיינט זעהר א ווייכטיגער און א שענער.

— א חורבן, — האט די יורענע צוגעוואונקען קוקענדיג אויף יהודית'ן מיט א טיפען שמערץ, פון א כשוף איז דאס איהר געקומען! א פארשוין, א גערעטענעס איז דאס געווען! שונאים, זאגט מען, האט דער טאטע איהרער געהאט, האט מען איהר א כשוף אריינגעטאן... פון העלער הויט, פלוצלינג איז דאס איהר געקומען... וואס איהר טאטע און מאמע האבען נים צו טאן — עס האט גאר נים געהאלפען!

חאַר, קורץ געשאָרען, ווי ביי די רוסישע סטודענטקעס, האָבען בעזוימט איהר געזיכט און האָבען איהם געגעבען אַנ׳אויסזעהן ווירקליך פון אַ רוסישע קורסיסטקע. דער פּנים איז געוועזן רונד, קלאָר, רויט און פריש, ווי פון אַ געזונדען ענערגישען מענשען. די אויגען זענען געווען אָפען, און קוקענדיג אויף זיי עטוואָס אן אַ זייט, האָט מען בשום אופן ניט געקענט וויסען, אַז דאָס איז אַ בלינדע. זיי ניבען אַנ׳אויסדרוק פון אינטעליגענץ דעם גאַנצען פּנים. בכלל, קוקענדיג אויף איהר איז געווען אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז דאָס ליגט אַ פּאַראַליזירטע פרוי, וואָס איז צוואַנציג יאָהר צוגעשמידט צום בעטיל. אין אמת איז די גאַנצע פרישקייט און איבערפלעכליכע געזונדקייט געווען ניט מעהר, ווי אַ בעטריגעשער שיין.

„דער גאַנצער קערפּער איהרער איז צוטרוסניאַוועם״ פון ליגען, פון יסורים; די קלענסטע צוריהרונג טוט איהר וועה—האָט מיר געזאָגט די יודענע, וואָס האָט מוטערליך אַרום איהר געפּאַרערט,— מען וויים ניט, ווי אַזוי האַלט זיך איין איהר די נשמה?״.

די פּאַ־אַליזירטע האָט ניט געוואַרט אויף מיין ענטפער און האָט מיט רעמזעלבען שמייכעל אויף די ליפּען ווייטער געזאָגט:

דער אַלמעכטיגער האָט מיר איינגעטיילט אַלע בעסטע חלקים... איהר זעהט?.. בעסער פון אַלעמען... איך האָב צו איהם גאָר נישט... צום אַלמעכטיגען... געזונד זאָל ער זיין... נאָר בעסער זאָל ער ווערען...

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ הומאָריסטישער גוטמוטיגקייט, אָהן אַ שום ערביטערונג, אַזוי ווי מ׳רעדט וועגען זעהר אַנ׳אָנגעזעהענעם אָבער נאָהענטען מחותן, מיט וועלכען מען ערלויבט זיך צו זיין „פּאַני־בראַט״ און אַמאָל איהם אַ שטאָך טאָן, ניט חלילה מיט אַ שלעכטען מיין, נאָר פּשוט, צו ווייזען די פּאַמיליאַריטעט, די חברותא מיט׳ן „געהויבענעם מחותן״. און באַלד טאַקע האָט יהודית׳ל געוויזען, אַז זי איז מיט דעם „אַלמעכטיגען״, וואָס האָט איהר איינגעטיילט די „בעסטע חלקים״ גאָר ניט קידער־ווידער, נאָר פּאַרקעהרט: „אדרבה ואדרבה״...

בשעת איך האָב מיר אָבגעקעהרט ריידען מיט די איברינע

מיט חבר׳טעס... אקינד פון פערצעהן איז זי דעמאָלט געווען...
אפּאַרשוין איז זי געווען, אַ חכמה, אַ געראָטענע, איינע אין דער וועלט...
מען פלעגט לויפען אויף איהר קוקען, ווי אויף אַ וואונדער... ביי די
עלטערן איז זי געווען די מזינקע, די נשמה איז זי געווען ביי זיי.

איהר ווערט מיר גלויבען—זאגט צו מיר איין אַלטע—איך בין
שוין דאָ ניין יאָהר, איז בשעת איך בין אַ הער געקומען, ניין יאָהר
צוריק, און זי איז שוין געלעגען אָט אַזוי אויפ'ן בעטעל, עלף יאָהר
געלעגען, אָבגענומען הענד און פיס און בלינד... איז איהר פּנים ניט
געווען איינצוקוקען זיך... זי האָט געלויכטען ווי די זון, ווי דער ליכ־
טיגער מאָרגענשטערן... איך זאָג אייך: אויף חדשים פלעגט מען
געהן קוקען אַ הער... און איצטער אפילו... קומט צו נעהענטער... קוקט
זיך איין...

די פרוי וועלכע האָט מיט איינינע מינוטען פריהער געקאָרמעט
איהר אין מויל מיט לעפעל, האָט מיך צוגערופען צו יהודית'לס בעטעל.
עס האָט געשיינט, אז זי האָט געגומען אין איהר מעהר אַנטייל, ווי
אַלע. האָט איהר געליבט מיט אַ ליעבע, געמישט פון ריין מוטערליכער
צערטליכקייט און טיפען מיטפיהלען צו איהרע ליידען.

— דער הער—האָט זי זיך געווענדעט צו דער ליידענדע... דאָ
איז פאַראַנען אַ הער, וואָס וויל מיט דיר, יהודית'ל, עפּעס ריידען...
ווילסט איהם ענטפערן?

— וואָס איז? וואָס דאַרף ער מיט מיר ריידען? האָט יהודית'ל
געענטפערט שמערצליך און כמעט בייז, קאָרטשענדיג זיך אין די
ליידען, צו וועלכע זי איז, איבריגענס, געוואוינט געוואָרען.

— איך האָב איהר ערקלערט, אַז איך בין געקומען אַהער געוואָהר
ווערען די, וואָס געפינען זיך דאָ, און וויל וויסען ווי זיי לעבען.

— אַזוי, אַזוי? האָט זי געענטפערט גלייך אומבייטענדיג איהר
שטימונג און אַ קינדישער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף איהרע
ליפּען.—זעהר גערן, איך דאַנק אייך זעהר,—נו, ווי געפעלט אייך
עפּעס מיין לעבען? איך האָב מיך איינגעקוקט אין איהר פּנים. אַזאַ
מיפּישען פרויען געזיכט האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. טיף שוואַרצע

זיך, מען איז פול איינע צו די אנדערע מיט קנאה און שנאה.

פארוואס? פאר א גרעסערן שטיקל ברויט, פאר א גרעסערע בולקע, אדער חלה׳לע ערב שבת, פאר א גרעסערע, אדער—ווי זיי דוכט זיך—בעסערע טעלעריל קרופניק, שטיקל קוגעל. פאר וואס דעם ברעננען קינדער, אייניקלאך, פריינד עסן—זאכען, א נאשעריי, אדער קליינגעלד, און אנדערע נים. דעם דוכט זיך, אז די אויפזועהער זענען צו יענעם בעסער, אדער דאס איז טאקע ווירקליך אזוי. און דעריבער איז מען איינער מיט דעם אנדערן „פייער מיט וואסער״. דער אלגעמיינער עלענד פערבינדט זיי נים. דא איז אויך פאראן אזוי ווי דארטען, אין דער אויסערליכער וועלט, שטארקערע און שוואכערע, עלטערע און יונגערע, געזונדערע און קרענקליכע, אזעלכע וואס בעקומען שטיצע פון דער היים און גאר עלענדע, ארימע און פערלאזענע. יעדער לעבט פאר זיך. יעדער ווייכט אויס צו העלפען דעם אנדערן אפילו מיט א ביסעל מיה. מען איז גלייכגילטיג צו יענעמ׳ס קרעכצען, צו יענעמ׳ס ליידען, אפילו ווען דאס איז דער נאהענטסטער שכן אין דער פאלאטע. אזוי האט זיך מיר געקלאגט דער פערוואלטער. דאס זעלבע האבען בעשטעטיגט די אלטע אליין.

נאר „יהודית׳ל״ איז אנ׳אויסנאהם. צו איהר פיהלען אלע—פון בעדינער ביז די עלטעסטע און שוואכסטע און סאמע בייזע און פערביטערסטע זקנות—גרויס ליעבע און צערטליכקייט. „פויגעלע מיינע״ זאגט צו מיר אנ׳אלטע—מיר האבען דאך אלע עפעס פארט געהאט יונגענד, פערזוכט אמאל פון לעבען, געהאט אמאל א רוהיגע, א פרעהליכע שעה, און זי האט נאך נים געפרובט לעבען. פון פערצעהן יאהר אן אין איוב׳ס יסורים...

צוואנציג יאהר, אז יהודית׳ל ליגט דא אויפ׳ן בעטעל פאראליזירט די הענד מיט די פיס. און—א צוגאב נאך דערצו—בלינד אויף ביידע אפענע אויגען.

— פון א כשוף איז דאס איהר געקומען—ערקלערען מיר די אלטע ווייבער. פלוצלינג האט דאס איהר אנגעכאפט... זי איז געזעסען און פארבראכט ביי בעקאנטע אין איהר שטעדטעל, אין אשטינע...

# יהודית׳ל, די פערכשופ׳טע שענהייט פון אשמינע.

(א טראגעדיע פון א יונגען לעבען).

---

דאס איז די איינציגע יונגע צווישען די אלטע אין ווילנער „מושב זקנים״ מען רופט זי: „די פער׳כשופ׳טע שענהייט״. דאס איז „איוב״ אין דער געשטאלט פון א פרויענצימער. מען האט איהר צוגענומען א חער פון מיטלייד צו דער גרויסער טראגעדיע פון איהר לעבען. ווען איך האב זי געזעהן, איז זי אלט געווען א יאהר עטליכע און דרייסיג. זי ליגט שוין דא צוואנציג יאהר. א קינד פון פערצעהן יאהר האט מען זי א חער געבראכט.

אלע אלטע פרויען, מיט וועלכע איך האב גערעדט, האבען מיר אין איין שטים געזאגט: „ווילט איהר זעהן „איובים״ צרות, ווילט איהר זיך א מוסר אראבנעהמען, געהט אריין אין יענער פאלאטע, צו יהודית׳לען, צו דער אשמינער „פארשוין״.

„יהודית׳ל״ רופען זי נאך יעצט אלע, כאטש זי איז שוין א מיידעל פון עטליכע און דרייסיג יאהר. מען זאגט „יהודית׳ל״ מיט א מאדנע ליבשאפט. זי איז די איינציגע, צו וועלכע אלעס אין אט דער אנשטאלט איז פול מיט ליעבע און צערטליכקייט.

די אלטע לעבען בכלל דא ניט גוט צווישען זיך. זיי קלאגען זיך אליין און קענען בעסער ניט מאכען. מען זידעלט זיך אפט, מען קריגט

זיי האָבען זעהר ליעב צו דערצעהלען איינע די אנדערע זייערע חלומות. אייניגע פון זיי האָבען זיך ניט געקענט אָבהאַלטען פון צו דערצעהלען מיר זייערע חלומות. ריווע קלאָווער האָט פון זיי געלאַכט: „אָט ס'אַרט נאַרישע יודענעס! חלומות דערצעהלען זיי איהם"...

פונדעסטוועגען האָט זי זיך אַליין ניט געקענט בעהערשען און האָט דערצעהלט מיר איהר'ן אַ חלום פון מיט עטליכע יאָהר צוריק. געחלומ'ט האָט זיך איהר, אַז פון איהר זוהן איז אַראָבגעפאַלען די יאַרמולקע און האָט זיך צוריסען. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געווען זעהר דערשראָקען. זי איז געווען איבערצייגט, אַז איהר זוהן וועט עפּעס טרעפען אַן אונגליק. „רבונו של עולם,"—זאָג איך—(אַזוי דערצעהלט זי עס) אויב מיין זוהן איז עפּעס בעשערט שלעכט, מאָ זאָל זיין מיר! איז וואָס מיינט איהר?—ווענדעט זי זיך צו מיר מיט אַ טיף איבערצייגטער טריאומפירענדע מינע,—באַלד נאָך דעם האָב איך אָנגעהויבען צו שפּירען אַ ברעכענעס אין די הענד—דערביי ווייזט זי מיר איהרע דאַרע איינגעשרומפּענע פינגער—און זיי טוען מיר וועה ביז היינטיגען טאָג. און מיין זוהן—דאַנקען גאָט—איז געבליבען לעבען".

לאנגזאם, ווי עס רעדט געוועהנליך א קלוגע יודישע „יוסטע באלד באסטע״. אז די ארומיגע ווייבער פערקריבען אין די „ניין מאס״, שמייכעלט זי איבער זיי. „א יודענע—זאגט זי—בלייבט א יודענע״. אליין רעדט זי נים פיעל; נעהמט נאך גאנץ פעסט; האלט זיך זויבער. האט ליעב צו דערצעהלען וועגען איהר אמאליגע גדולה, וועגען איהרע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וואס זי האט אין אמעריקא און וואס זי וואלט זיך זעהר וועלען מיט זיי זעהן, אי, ווי זי וואלט וועלען!... זי האט ליעב צו דערצעהלען ווי זי האט געהאלטען אייניקלעך ביי זיך אויף קעסט, ווי מ׳האט זי געפיהרט אין קארעטען צו די אייניקלעך׳ס חופה. זי האט געהארעוועט פאר זיי, אבער אויך כבוד געהאט.

נאך איהר צווייטען מאנ׳ס טויט איז שוין צוואנציג יאהר. די קינדער זענען ביי איהר צושטארבען. בלויז א פאר זענען געבליבען און די זענען ארים. אייניקלעך און אור־אייניקלעך האט זי א סך, אבער זיי זענען צרוואָרפען איבער די גאנצע וועלט. אין ווילנא האט זי איין זוהן; ער איז ארים, שוואך און קראנק. אפילו דער איין זוהן קען איהר נים קומען אפט געוואהר ווערען. די אייניקלעך שרייבען איהר נים, האבען פערגעסען אן איהר. יעדער האט זיך זיין פעקעל. זי איז עלענד און פערלאזען. און דאס קרענקט איהר מעהר ווי די פארעוועטע „קרופניק פון מושב זקנים״, ווי די „באגאדיעלנע״ אין גאנצען, צו וועלכער זי קען זיך נים צוגעוואהנען. פון איהר גאנצער, כמעט הונדערט-יאהריגער תארעוואניע און גדולה איז איהר נים געבליבען אפילו א קאפיקע צו קויפען אמאל אן עפעל צו דערקוויקען זיך די הארץ; נים געבליבען א מענש, וואס זאל אריינקומען און מיט א פריינדליךווארט דערקוויקען די נשמה...

יעדער מענש האט זיינע יוגענד-חלומות. און די אלטע לייט פון ווילנער „באגאדיעלן״ האבען זיי אויך. איינזאמע און פערוואָרפענע, זעהענדיג פאר זיך מעגליך דעם טויט און האבענדיג נאר נישט צו ערווארטען פון לעבען, ווילט זיך זיי דאך לעבען, און, נים האבענדיג קיין טרייסטענדע ווירקליכקייט, טרייסטען זיי זיך, ליגענדיג אויף די בעטלעך אין די לאנגע ווינטער־נעכט, מיט די חלומות פון דער יוגענד.

# ח ריווע קלאַווער.

ריווע קלאַווער איז אלט געווען, בשעת איך האָב די געזעהן אין ווילנער „מושב זקנים“, הונדערט מיט פינף יאָהר. זי האָט זיך אָבער זעהר גוט דערהאַלטען. אויפ׳ן געזיכט האָט זי אויסגעזעהן נים מעהר, ווי אַ יאָהר זיבעציג.

פאַר איהרע יאָהרען האָט מען אין „מושב זקנים“ גרויס דרך ארץ, און זי צוזאַמען מיט מרדכי „ירא שמים“ בעלאַנגען צו דער אַריסטאָקראַטיע פון דער „זקנים־שטעדטעל“.

זי האָט אַפילו איהר גאַנצען לעבען געהאָרעוועט, אָבער גע־האָרעוועט, אלס באַלעבאָסטע. אַ קרעטשמערקע איז זי געווען נעבען נאָוואָאַלעקסאַנדראָווסק, אין קאָוונער גובערניע. אכציג יאָהר האָט די אָבגעהאַלטען אַ קרעטשים. האָט געהאַט גוטע פּרנסה. „איך פלעג— דערצעהלט זי מיר—פאַר אָן אָוועגד צו מאַכען עטליכע פוד פיש, אַ חוין קאָכען און באַקען“.

חתונה געהאַט האָט ריווע קלאַווער צוויי מאָל. מיט דעם ערשטען מאַן האָט זי אָבגעלעבט אכצעהן יאָהר, מיט דעם צווייטען פערציג יאָהר. ביידע מאַנען זענען געווען לומדישע יורען און געהאָלפען האָרעווען, האַנדלען. „איך האָב—זאָגט זי—ביי די מאַנען חן געהאַט: געווען אַמאָל אַ שענע, אי אַ בריה“.

די אַלטע האַלט זיך רייַנליך און סאָליד. זי רעדט שטיל,

ביז דער לעצטער מינוט. עטליכע שעה פאר זיין טויט האט ער גע־
בעטען דעם זוהן אנטאן איהם ריינע וועש: ערנסט, רוהיג און פייער־
ליך האט ער געוואָרט אויף דער שטונדע פון זיין „איבערגעהן דעם
גרעניץ״. אין דעם פולען בעוואוסטזיין, אז ער האט ניט אומזיסט זיין
לעבען פערלעבט. איבער נייצניג יאָהר געארבייט מיט הובעל, האָק
און זעג.

דער סטאָלאר מרדכי „ירא שמים“ דורכגעמאַכט אַ לעבען בכלל, וועט ניט קיין גלאַטען, פערצעהן קינדער האָט איהם די ווייב געבאָרען. און פון זיי זענען געבליבען לעבען נאָר איין זוהן און איין טאָכטער. יעדעס מאָל ווען ביי איהם איז אַ קינד געשטאָרבען, האָט ער צוגענומען דעם שיקזאַלס קלאַפּ מוטיג: „ד׳ נתן וד׳ לקח“. גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט גענומען, האָט ער, ווי איוב, געזאָגט.

נאָר זייענדיג שלום מיט גאָט, האָט ער פארעסטווענען ניט אנגענומען אַלץ פאר גוט פון מענשען. נבירים האָט ער פיינד געהאַט. איינער אַ גביר פאר וועלכען זיין זוהן, בענציע, האָט יאָהרענלאַנג געאַרבייט, האָט דעם זוהן אָנגעזועצט זיין גאַנצע האָרעוואַניע און פאַלקאָם רואינירט. (דער זוהן האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד, בשעת ער האָט דאָס דערצעהלט). דעם אַלטען האָט דאָס זעהר געקרענקט. נאָך דריי טעג פאַרן טויט האָט ער דערמאָהנט די עולה פון דעם גרויזאַמען גביר. „ער און זיינע קינדער“ האָט ער בעדויערט, שוין ליגענדיג אויף זיין טויטען-בעט,—„ער און זיינע קינדער וואַרגען אין זאַלען, געהען אויסגעפּוצט, ווי די גראַפען, עסען און טרינקען פון דאָס שענסטע און פון דאָס בעסטע, און דו, מיין זוהן, דאַרפסט זיך מאַטערן אין אָרימקייט“.

פרומע יודען און ווייבער פון שטאָדט פלעגען קומען צו איהם בענשען זיך. אפילו קריסטליכע פרויען. צווישען זיי אויך דעם גובערנאַטאָרס ווייב. ער האָט איהר אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן קאָפּ און געבענשט.

אָט אַזוי איז געווען מרדכי דער סטאָלער, מרדכי „ירא שמים“, דער עלטעסטער יוד אין ליטא און פוילען אין זיין צייט און איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפּען אין דעם רוסישען געטאָ. איך האָב געזעהען, אַרום וואַרשא, אין אַלטען פוילישען פויער פון הונדערט און ניין יאָהר. ער האָט זיך נאָך געפּאַרקעט מיט זיין תאק אויפ׳ן הויף, אַרום זיין כאַלופּקע. אָבער ער איז שוין געווען, ווי אַ קינד. ער האָט קוים וואָס געדערט,—געצווינגען און מיט אַ זעהר שוואַכער און מידינגער שטימע. מרדכי „ירא שמים“ האָט בעהאַלטען זיין געזונדען פערשטאַנד

בחור איז ביי איהם געווען די אייגענע אין קאָפּ. אַלע פּרייטאָג און שבת פלעגט ער צו איהם קומען, ברייענגען עפּעס, לייענען פאַר איהם אַ צייטונג. איז ער, דער זוהן מיינער, קראַנק געוואָרען אויף אַ טיפוס און געשטאָרבען. דער טאַטע האט נאָך איהם שטאַרק געבענקט. עס האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ און ער האָט זיך אוועקגעלעגט.

ווען האט איהם גאָרנישט געטאָן. „דער פּערדעל עפּעס פּלאָנ־טערט זיך“,—האט ער געמעלדעט דעם זוהן, ווי זיין שטוינער מיט אַ גלייכוועדטיל, בשעת יענער איז איהם געקומען געוואָהר ווערען, באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אוועקגעלעגט. דערנאָך האט ער זיך פערטראַכט און געזאָגט: „היינט האבען מיר חודש שבט. די באָבע „עליה השלום“ איז געשטאָרבען אין שבט... מ׳דאַרף זיך גרייטען אין וועג אַריין“...

ער איז געלעגען אַ פּאָר וואָכען און געשטאָרבען אין שבט, דעם לעצטען טאָג פון חודש...

„אויפגעהאַלטען,—זאָגט דער זוהן,—האָט דעם טאַטען די מאַמע. זי האט איהם געהאָלפען האַרעווען דעם גאַנצען לעבען. האט געהאַנדעלט אין גאַס מיט גענז. אין שטוב—אויך געווען אַ גרויסע בריה. איהר געקעכטס איז געווען אַ מחיה צו עסען. איהר האָט געדאַרפט פערזוכען איהרע פליישיקע־קניידלעך, וואָס זי פלעגט איינבראָטען... אַ מאכל—זאָג איך אייך... דער טאַטע האט עס זעהר ליעב געהאַט. אין גאַס געהט זי שוין זעלטען אַרויס, די מאַמע. נאָר זומער—אַז דער וועטער איז שען... אָבער אין שטוב זיצט זי אויך ניט אָהן אַ מלאכה; כאַפּט זיך מאַכען לאָקשען... איהרע לאָקשען איז נאָך איצטער אַ מחיה צו עסען“.

דער אַלטער איז געבאָרען געוואָרען אין ווילנא, חתונה געהאַט אין ווילנא, אבגעלעבט זיין גאַנצען לעבען אין ווילנא, געוואוינט פינף און פערציג יאהר אין איין דירה. ער איז אויפ׳ן לעבען קיינמאל ניט קראַנק געווען. אין אַ משך פון איבער ניינציג יאָהר האט ער ניט אוועק־געלעגט פון האַנד זיינע געציינג: האַק, זעג און הובעל...

און אַחוץ זיינע ניינציג יאהר האָרעוואַניע און אָרימקייט, האט

„פערשטאַרקען" הייסט, אַז די שיפען גופא זאָלען האָבען מעהר און בעסערע חיל און געוועהר"...

— רעמזעלבען אָווענד, — דערצעהלט מיר דער זוהן, — האָב איך זיך אביסעל אָבגעקעהרט פון איהם און גענומען ריידען מיט אַן אַלטען, אַ בלינדען, אַ שכן דעם פאַטער'ס אין פּאַלאַטע. „רייד מיט עם נים"! רופט זיך אָב צו מיר דער פאַטער. „וואָס איז? פאַר וואָס"? — פרעג איך, פערוואונדערט. „פאַר וואָס ער איז אַ נאַשער", — מאַכט דער פאַטער פון זיין געלעגער, — ער נאַשט ביי מיר אוועק דעם גאַנצען תהילים... איך הייב אָן אַ פּסוק און ער ענדיגט, איך הויב אָן און ער ענדיגט".

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס פאַר אַן אַרט לעבען דער אַלטער האָט געפיהרט. זיין הויכען אַלטער, האָב איך געטראַכט, האָט ער געוויס געהאַט צו פערדאַנקען זיין בעזונדער לעבענס-פיהרונג. נאָר צו מיין בעוואונדערונג האָט מיר זיין אַרט לעבען גאָרנישט געקענט ערקלערען. לויט ווי זיין זוהן זאָגט, האָט זיין אַלטער פאַטער אין זיין לעבענס-שטויגער זיך מיט קיין זאַך נים אויסגעצייכענט פון אַנדערע יודישע בעלי מלאכות. ער האָט געגעסען, געטרונקען אַלץ — אַחוץ קאַלטע וואַסער — געמאַכט אַ שנעפּסעל אין מיטען וואָך — אַ גלעזעל; אַ יום טוב, אַ שמחה — צוויי דריי און — קיינמאָל נים שכור געווען. געטרונקען אַמאָל מיט „ברידער" סטאָלאַרעס אַ פלעשעל ביר, קוואַס. טיי — נים אָפּט. געגעסען דריי מאָל אַ טאָג אין די יונגערע און מיטעלע יאָהרען, און צו דער עלטער נאָר צוויי מאָל אַ טאָג. אויפשטעהן פלעגט ער פריה, אָבראַוונען און כאַפּען עפּעס אין מויל „פּת שחרית" אָנבייסען הייסט עס. ביי נאַכט, אָדער פאַר טאָג, פלעגט ער אָפּט אוועק אין קלויז לערנען „משניות" און זאָגען „תהילים" מיט „ברידער" פון „חברה פועלים". אָט דאָס איז גאָר וועגען זיין פיהרונג.

ער האָט נאָך געקאָנט, — זאָגט דער זוהן — לעבען און לעבען. נאָר מיינע צרות האָבען איהם מקצר ימים געווען. אַ זוהן איז ביי מיר געשטאָרבען מיט איינינע מאָנאַטען צוריק. אַ טייערער בחור, אַ גע־ראָטענער (דערביי האָט ער זיך שטאַרק פאַרנאַנדערגעוויינט), דער

חאָר. אין קאָפּ איז געווען מעהר שוואַרצע ווי גראָהע. אפילו די לעצטע מאָנאַטען פאַר זיין טויט איז ער געווען מונטער, לעבעדיג, גערעדט מיט גלייכוועדטלעך. צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט תהילים, געלייענט אַ צייטונג און אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק.

דער אַלטער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר „עין הרע״. ער האָט אייך גלייך געזאָגט, וויפיעל ער איז אַלט, און האָט צוגעגעבען: מיין ווייב, זאָל געזונד זיין, איז אויך ווערט מעהר ווי אַ הונדערטער.

אין מושב זקנים, וואו ער האָט דערלעבט זיינע לעצטע יאָהרען, האָבען אַלע: אי די גבאים, אי די בעדינער, אי די שכנים פון זיין פּאַלאַטע, זיך פערהאַלטען צו איהם מיט גרויס רעספּעקט. מ׳האָט איהם דאָ, אַזוי ווי אין שטאָדט, גערופען: מרדכי „ירא שמים״. ער איז, אייגענטליך, ניט געווען קיין גרויסער פרומאַק. נאָר ער האָט צוגענומען אַלץ פאַר גוט. דאָס איז געווען אַ מין „נחום איש גם זו״ וואָס פון איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא, אַז ער האָט אויף אַלץ געזאָגט: „גם זו לטובה״. נאָר אויף דעם אַליין איז דער אַלגעמיינער רעספּעקט צום זקן ניט געווען געבויט. דער עיקר האָט מען פאַר איהם געהאַט דרך ארץ צוליב זיין האַלטען זיך גוט. אַ זקן פון הונדערט און אַכט יאָהר—האָט ער זיך געהאַלטען ריין, נעט, האָט ניט געשפּיים אַרום זיך, ניט פערגאָסען, ניט געקרעכצט, ניט געלעגען צו פיעל. קורץ: דאָס איז געווען אַ מענש, פון וועלכע אַלע האָבען זיך אַ מוסר אַראָבגענומען.

— אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט—דערצעהלט מיר זיין זוהן בענציע דער סטאָלער—בין איך ביי איהם געזעסען, און האָב איהם געלעזען דעם ווילנער „טאָג־בלעטעל״. דאָרט איז געווען געשריבען מכח דעם רוסישען פּלאַן. „די רוסישע רעגירונג וויל פערמעהרען און פערשטאַרקען דעם פּלאַן״,—אַזוי איז דאָרטען געשטאַנען. איך בין געווען נישט זיכער, צו בענעהמט ער אָט דעם אויסדרוק. זאָג איך צו איהם: פאָטער, דו ווייסט, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען „פערמעהרען״ און „פערשטאַרקען״?—„יע״—מאַכט ער,—איך ווייס, ווי זשע! „פערמעהרען״—מיינט מען: בויען מעהר קריגס־שיפען; און

דין סוף. בשעת ער איז געשטאָרבען, איז זיין ווייב דערביי נים געווען.

מ׳האָט געפרעגט אַ שאלה ביי׳ן רב: צי זאָל מען איהר אָנזאָגען. מ׳האָט מורא געהאַט, די טרויעריגע בשורה זאָל איהר ניט פּטרן. דער רב האָט ניט געהייסען אָנזאָגען באַלד, נאָר שפּעטער אביסעל. די קינדער האָבען זיך ניט געקאָנט בעהערשען פון צער און האָבען איהר דאָך אויסגעזאָגט. און אפשר האָט זי זיך אַליין אָנגעשטויסען אָן זייערע פערקלאָגטע פּנים׳ער. זי האָט זיך געריסען געהן זעגענען זיך מיט איהם. מ׳האָט איהר ניט געוואָלט לאָזען.

— לאָזט מיך! האָט זי געטענה׳ט: מעהר ווי אכציג יאָהר האָב איך מיט איהם אָבגעלעבט, זאָל איך ניט געהן זיך מיט איהם זעגענען?

מ׳האָט איהר געלאָזען. זי האָט זיך מיט איהם פיין צוזעגענט, קריעה געריסען, ווי דער דין, און האָט איהם צוגעזאָגט, אַז אין גיכען וועלען זיי זיך זעהן.

אוועק פון בית עולם און געקומען אַ היים, האָט זי זיך, צוזאַמען מיט די קינדער, געזעצט שבעה. אָבער ניט געוויינט און ניט גע׳טענה׳ט, ווי זיי, נאָר געווען רוהיג, געזעצט, אַזוי ווי פריהער.

מרדכי „ירא שמים״ איז געווען ניט בלויז דער עלטעסטער ייד אין לימא נאָר אויך אין פּוילען.

וואו זשע און ווי אזוי האָט דער דאָזיגער יודישער אַרביטער נעגער מען זיינע קרעפטען, צו דערציהען צו אַזאַ הויכען עלטער? און דערציונגען ווי אַ „מאַלאַדיעץ״: „לא כהתה עינו ולא נס ליחה״—זיין אויג איז ניט דונקעל געוואָרען און זיין זאַפט איז ניט אַנטלאָפען—האָט מען אויף איהם געקאָנט זאָגען, ווי דער חומש זאָגט אויף משה׳ן.

אויפ׳ן קוק האָט מען איהם מעהר ניט געקאָנט שאַצען, ווי אַ יאָהר זיבעציג. די זיבעציג יעהריגע זקנים, וועלכע איהר טרעפט זעלטען אין דער יודישער גאַס, זענען גרייז-גראָה, שוואַך און געבראָכען אָנגעקענען זיי איז דער הונדערט און אכט יאָהריגער סטאָלער מרדכי שפּירא, געווען אַ העלד. די גראָהקייט איז ביי איהם געווען נים קיין דורכינע נאָר אַדורכגעוואָרפענע. אין באָרד איז געווען אַ סך שוואַרצע

# אריבער די הונדערטער.

## I. מרדכי „ירא שמים".

מרדכי „ירא שמים", דער הונדערט־אכט־יעהריגער סטאָלער, איז ביז הונדערט פיער יאָהר געשטאַנען ביי די בודינקעס און געארביים מיט'ן האק. געלעבט האָט ער אין דערזעלבינער אָריטער דירה, וואו ער האָט פארבראַכט אַ האלבע מאה יאָהרען צוזאמען מיט זיין אַלטער, וואָס איז געווען בלויז מיט זעקס יאָהר יונגער פאר איהם.

אָבער אויפ'ן הונדערט פינפטען יאָהר האָט שוין די האַק נים געוואָלט פאָלגען. באלד דערנאָך האָבען זיך גענומען בונטעווען די פיס. מרדכי „ירא שמים" איז דעריבער געווען געצוואונגען אריבערצוקלייבען זיך אין „מושב זקנים", וואו מ'האָט איהם צוגענומען און געהאלטען מיט כבוד. וואָרום ער איז שוין לאנג געווען בעוואוסט, נים בלויז, אלס עלטעסטער זקן אין ווילנא, נאָר אויך, אלס מרדכי „ירא שמים". די וייב אָבער האָט זיך נאָך גוט געקענט האלטען אויף די פיס און ארבייטען מיט דער ווילקע אין אויוועז. דעריבער איז זי געבליבען אין דער היים און פלעגט אין אַ ווארימען וועטער, צייטענווייז, קומען אין „מושב זקנים" געוואָהר ווערען איהר אַלטען און ברענגען איהם עפּעס אַ דער־קוויקענעס.

איך בין בעקאנט געוואָרען מיט איהם איינינע מאָנאטען פאר

# אין אַ זקנים־שטעדטעל.

(שיפּען און בילדער פונ׳ם ווילנער „מושב זקנים“.)

שריַיען, צי קאַטשען זיך פון געלעכטער, צי שלעפּן די טיכלעך פון די קעשענעס. אַלעס האָט זיך אויפגעטישט אין איינעם אין אַ מין הילכיגען כאָאָס. מ'האָט געלאַכט, געבייזערט זיך, געריבען די נעזער, געלאָפען צום האַנט־פאַס וואַשען דעם נאָז, געשריַיען: „בערעל, דעם האַנטוך אַ חער!"

נאָר בערעל האָט געהערט אַלעמען, ווי דעם קאָטער. ער איז געלעגען אין פּאָלעש און געקייכט און געפּאַטשט אין די „לאַדאָשקעס": האָפּ־טשאַק! האָפּ־טשיק־טשאַק!....

ס'פערשטעהט זיך, אַז פאַר דעם שפּיצעל האָט בערעלע בעצאָהלט מיט זיין שטעלע. מ'האָט איהם גלייך געגעבען אין קאַרק. דערפאַר איז ער געוואָרען אונשטערבליך. און אויב די מעשה איז נישט געוואָרען פערשריבען אין מינסקער פּנקס, וועט מען ווענינגסטענס אין מינסקער אַלטען מאַרק נאָך לאַנג געדענקען די גבירישע אסיפה פון די „שוואַרצע נעזער".

איך האָב בערעלע'ן געזעהן מיט אַ קורצע צייט צוריק. ער האָט עפּעס וויַיטער געקראָגען אַ קהל'ישען אַמט פון אַ שמש, צי אַ גובה אין איז דאָרט ביז היינטיגען טאָג. די נגידים האָבען איהם מוחל געווען. וואָס זאָל מען טאָן מיט'ן שלימזל? פאָרט איז ער דאָך פון די „פּיש־פּיש".

זיין קעהר, זיין טראָט איז יעצט געוואָרען נאָך פוילער, נאָך מעהר צולייאַפּעט ווי פריהער. אַ באָרד האָט ער געקראָגען, ווי אַ פּאָמעלע, און פון איין זייט פּנים איז ער שוין אַן איינגעהויקערטער יוד. נאָר פון דעם אַנדער זייט, פון דעם לינקען זייט פּנים, בלישטשעט נאָך זיין אויגעל, עכט שיינעצעוואַטע, ווי אַמאָל, און אייך דאַכט זיך, אַז אָט, אָט וועט ער אייך אָבטאָן אַ שפּיצעל... האָפּ־טשאַק....

צייט פון א האלבע שעה, כאטש איין מאל מיט׳ן פינגער איבער׳ן נאז, האט יעדער גביר געטוהט איינשמירען, א חוץ די האנר, אויך דעם נאז. אי, וואס, סאמער האבען זיך צוויי גבירים בעגעגענט אין טיר און נאר איינער פון זיי האט אנגעריהרט די קליאמקע, איז בערעלע דאך געווען זיכער, אז די סאזשע וועט, ווי אן עפידעמיע, מוזען דורכגעהן אלע נעזער, דורך דעם „שלום עליכם" און געבען זיך איינער דעם אנדערן די האנר. פאר דער אסיפה—איז בערעלע געווען זיכער—וועט מען זיך נים כאפען. ווארום אין דעם גרויסען זאל פון קאמיטעט איז געווען האלב דונקעל און א פאר לאמפען האבען געווארפען א מאטען שיין בלויז אויפ׳ן לאנגען טיש, וואס איז געווען פעררוקט ווייט אין ווינקעל.

בערעלע האט שיער נים געפלאצט פון נחת, פון דעם פאר־געשמאק, ווי אזוי ער וועט דאס צוזעהען פון ווייטען, פון זיין ווינקעל, ווי אלע גבירים וועלען, זעצענדיג זיך ארום טיש, צו דער אסיפה, א קוק טאן איינע די אנדערע אויף די נעזער... און ווי א האלבע מאת דינע האלענדער טיכלעך וועלען פלוצלונג א ציה טאן זיך פון די קעשענעס און געהמען... רייבען די גבירישע נעזער.

בערעלע האט, אין זיין ענטציקונג, נאר פערגעסען מיט וואס די געשיכטע קען זיך פאר איהם ענדיגען. ער איז געזעסען אין א ווינקעל און זיין הארץ האט זיך געהויבען, געהויבען פון נחת.

און בערעלע׳ס פלאן האט זיך איינגעגעבען אין גאנצען, כמעט מיט מאטעמאטישער פינקטליכקייט.

מערקווירדיג איז דאס, וואס לכתחילה האט מען זיך גארנים געכאפט, אז דאס איז בערעלע׳ס ארבייט, כאטש מ׳האט איהם געקענט און געהאלטען פאר א האלבען משוגענעם.

אז די אסיפה־לייט האבען זיך צוזעצט, לויט׳ן מנהג, ארום דעם לאנגען טיש אין צוויי לאנגע שורות, און מען האט גרעסער געמאכט די פייערען און אנגעצונדען דעם גרויסען הענגלאמפ פון אויבען, איז אלעמען פינסטער געווארען אין די אויגען...

אן אסיפה פון שווארצע נעזער...

אין פלוג האט מען נים געוואוסט, וואס צו טאן פריהער: צי

אויף דעם אנדער זייט פנים, אויף זיין לינקען שעלמיש-ווינקענדיגען אויגעל, האָט איהר שוין געגלויבט, אַז בערעלע איז פעהיג אויף אַלץ...

פון זיינע שטוקעס איז די מערקווירדיגסטע, די היסטאָרישע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, געווען — דער שפּיצעל, וואָס איז בעקאַנט אין מינסק אונטער דעם נאָמען „די אסיפה פון די שוואַרצע געזוער". די „שטוקע" איז געווען אַזוי איינפאַך, וואָס איינפאַכער קען מען זיך ניט פאָרשטעלען. נאָר דער עפעקט איז געווען אַזוי גלענצענד און באָמבאַסטיש, אַז גאַנץ שטאָדט האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען.

די מעשה קען מען דערצעהלען אין דריי ווערטער.

בערעלע האָט אמאָל אויפגערופען די גבירים אויף אַן אסיפה, דאָס הייסט, מ׳האָט איהם געהייסען אויפרופען. ווייל אַ חוץ אַ „גובה", איז ער אויך געווען אַ שמש אין קאָמיטעט. בערעלע האָט פיינד געהאַט די אסיפות פון קאָמיטעט. ער האָט ניט געקאָנט צוזעהען, ווי די גראָבע בייכער פראַווען „צדקה" און „גבאות" איבער די אָרימע לייט, וואָס פלעגען שטעהן פאר זיי, ווי פאַר קיסרים, נאַקעטע, אָבגעריסענע, באָרוויסע, פער׳חושכ׳טע, ציטערן, וויינען, און „קליאַנטשען" שטונדענ־לאַנג פאר אַ פּאָר גילדען אויף שבת, יום טוב, צי אויף אַ ווענגעלע האָלץ. בערעלע האָט רחמנות געהאַט אויף די אָרימע לייט. ער האָט ניט געקאָנט צוזעהען, ווי די גבירים פערגיסען דאָס בלוט פון די אָרימע לייט, זידלען זיי, שרייען אויף זיי און נעהמען ארויס די נשמה פאר איטלעכע צוגעוואָרפענע קאָפּיקע. לאַנג האָט ער געטראָגען אויף זיי אַ האַס. ענדליך האָט ער זיך בעשלאָסען אָן זיי זיך נוקם צו זיין.

איך זאָג נאָך אמאָל: דער פּלאַן איז געווען זעהר איינפאַך, וואָס איינפאַכער קען ניט געבען. בערעלע האָט מיט אַ פערטעל שעה פריהער פאר דער אסיפה ביידע הענטלעך פון טיר, אין קאָמיטעט, פון אינע־ווייניג און פון דרויסען, אויסגעשמירט מיט רוס...

פּסיכאָלאָגיש פונאַנדערגעהמענדיג בערעלע׳ס פּלאַן, האָט די מעשה געראַפט פאָרקומען אַזוי: יעדער גביר אריינקומענדיג אין קאָמיטעט האָט נויטווענדיג געמוזט איינשמירען די האַנד אין רוס. אַזוי ווי אַ מענש קען זיך ניט איינהאַלטען, ניט אַ פּיהר טאָנדיג, אין

צו בערעלע'ן אָבער האָט מען, איינגענטליך, גאָרנישט נעהאַט. ער האָט קיינעם נים אָנגעטאָן קיין יסורים. פערקעהרט: ער פלעגט דעם עולם אָפט אַמוזירען. בעזונדערס די קעבינס, דינסטען און קראָם־מיידלעך.

וואָרום כאָטש בערעלע איז געווען פון נעהויבענע באַלעבאַטים, פון די רעכטע „פיש־פיש״, פונדעסטוועגען איז ער געווען דעמאָקראַטיש געשטימט. זיין בעקאַנטשאַפט איז, דאָס רוב, געווען אין די קיכען, אָרימע קרעמלעך און אָרימע הייזער.

בערעלע'ן פלעגען די מיידלעך רופען „יסורים״ נים חלילה פון שנאה, נאָר מחמת געוואוינהייט. דאָס איז שוין געווען א ירושה־זאַך.

„יסורים״! דערצעהל אונז עפּעס — פלעגען זיך די מיידלעך צו איהם ווענדען, און בערעלע האָט קיין פּאַראַיבעל נים געהאַט. ער האָט בכלל אויף קיינעם קיין שנאה נים געטראָגען א חוץ די גבירים, צו וועמען ער פלעגט געהען מאָהנען די נדבות. זיי האָט ער געהאַסט, ווי דעם טויט. פון זיי און פון די גביר'טעס מיט זייער גאוה, מיט זייער משוגעת, פלעגט ער אָבלאַכען אין די הויפענס, אָבמאַכען „פּענדרושע״ פאַר זיין אוידיטאָריום, און די מיידלעך פלעגען זיך קאַטשען פון געלעכטער, כאָטש זיי האָבען געוואוסט, אַז די מעשיות זענען ליגען, אַז דאָס איז אַלץ „האָפּ־טשאַק״....

נאָך מעהר פון זיינע „האָפּ־טשאַק מעשיות״, איז בערעלע געווען בעריהמט דורך זיינע שטוקעס און שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָבטאָן. דערפון, איינגענטליך, האָט זיך גענומען זיין רעכטע פּאָפּולאַריטעט, וועלכע איז ענדליך אַרויסגעגאַנגען פון ענגען אַלטען מאַרק און האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ מינסק.

אַז איהר וואָלט א קוק געטאָן אויף בערעלע'ן אין גאַנצען, אויף זיין שלעפען זיך, ווי א גאַנז, אויף זיין שלימזלדיגע ברייטע, צעליאַפּעטע פיגור און אויף זיין, ראַבט זיך, נאַרישען פּנים, פון איין זייט — וואָלט אייך קיינמאָל נים איינגעפאַלען, אַז בערעלע איז פעהיג עפּעס אויף שטוקעס און לצנות, מעשה „שייקע פייפער״. דאָס איז אָבער געווען פון איין זייט פּנים. האָט איהר אָבער נאָר א בליק געטאָן

טאַן מיט בערעלען און איבערדערציילן איהם אין מיטען: „נו, בערעלע: „האַפּ־משאַק״... דאַן פלעגט ער ווערען ברוגז און ניט וועלען דערצעה־לען ווייטער. כאָטש ניט איהם אַ קרענק. און עס האָט געקאָסט גענוג מיה איבערצובעטען איהם און פועל'ן, ער זאָל דערצעהלען די מעשה ביז צום סוף.

דעריבער האָט בערעלע געהאַט אויך נאָך אַ נאָמען: „בערעלע האָפּ־משאַק״.

אייגענטליך האָט ער געהאַט נאָך אַ דריטען נאָמען, פערצווייגען פון זיין פאַמיליע: „בערעלע יסורים״. אנשטאָט „בערעלע ישורון״. נאָר דעם נאָמען האָט ער בעקומען בירושה פון זיין טאַטען. די ווייבער וואָס פלעגען געהן אין שעכט־הויז, האָבען דעם טאַטען געגעבען אַ צונעמעניש „מאָטע יסורים״ אנשטאָט רבי מרדכי ישורון. ניט זועלמען פלעגט מען דעם צונעמעניש פערלענגערן און זאָגען: „מאָטע—יסורים צו איהם״.

דאָס האָט געוויזען, אַז דער המון האָט ניט שטאַרק געהאַלטען פון דעם למדן רבי מרדכי ישורון. נאָך מעהר: מ'האָט איהם געהאַסט און געשאָלטען, און די ווייבער האָבען געהאַט פאַר וואָס.

רבי מאָטע איז געווען, ווי געזאָגט, אַן אויפזעהער אין „שחיטת־עופות״. זיין עובדא איז געווען: שטעהן ביי דער טיר און אַכטונג געבען, אַז די ווייבער זאָלען ניט אַרויסטראָגען קיין עופות ניט קיין אָפּגעפליקטע. וואָרום די פעדערען האָבען געהערט צו די שוחטים. אויך די קעפּלעך און די פיסלעך האָבען בעלאַנגט צו די פליקערקעס און אַנדערע כלי־קודש. רייכע ווייבער, אָדער „שטייפע״ באַלעבאָסטעס האָט עס ניט אויסגעמאַכט. נאָר די אָרימע פלעגען אָפט פער־גנב׳ענען אַ קעפּעל, אַ פיסעל, אמאָל ניט אָבפּליקען אינגאַנצען די פעדערען. רבי מאָטע פלעגט אָבער מיט זיין שאַרפען אויג דערזעהן, אַרויסרייסען די הוהן, די קאַטשקע, דעם ענדיק און שלעפּען די יודענע צוריק, אמאָל מיט קלעפּ אויך.

קורץ: ער פלעגט אָנטאָן די ווייבער גרויסע יסורים. און דע־ריבער האָט מען איהם גערופען אין שטאָדט „מאָטע יסורים״.

דאָס געוועזן משונה־דיגע פּלאָנטערס, סענסאַציעס, ראָמאַנען, אינטריגעס, סודות ארויסגעטראָגן פון די הייזער פון אלנעטיינע בעקאנטע. מיידלעך, בחורים, יונגע לייט, גבירים, רבנים—בערעל האָט קיינעם נים געשוינט. עפּעס ווילדע מעשיות זענען דאָס געווען, און דאָך, דאַכט זיך, אמת׳ע, דאָס הייסט זיי האָבן זיך געפּאַסט אקוראַט צו דער פּערזאָן, וואָס איז געווען דער העלד, אָדער די העלדין, פון זיין געשיכטע. די מיידלעך, ווייבלעך—אַלע צוהערער פלעגן, פונקט ווי בערעלע אַליין, אימער מעהר אריינקומען אין התפעלות און תמיד איבערשלאָגן איהם:

— וואָס רעדסטו בערעלע?! ווען איז דאָס געווען? ווי אזוי? און וואָס איז געווען ווייטער? מיט וואָס האָט זיך געענדיגט? נו, דערצעהל! ניכער! דערצעהל!

אז בערעלע האָט געענדיגט, לאָזענדיג אימער די רעכטע סענ־סאַציע צום סוף, און האָט געזעהן, אז זיין אוידיטאָריום איז אויסער זיך פון דער מעשה—פלעגט ער תמיד פערבייסען מיט א ווערטעל, וואָס ער האָט געלאָזן צום סאמע סוף. ער פלעגט אביסעל אָברוהען, קוקען זיינע צוהערערינס ערנסט און מיט זעלבסטווירדע גלייך אין די אויגען, אזוי ווי ער וואָלט זאָגען: אָט אזוינע מערקווירדיגע זאכען פּערלויפען זיך אויף דער וועלט. דאן פלעגט ער מיט די זעלביגע פריהערדיגע התלהבות א זאָג טאָן:

— האָפּ־משאק!...

און דאָס האָט געהייסען: איך האָב געבלאָפט! די גאַנצע מעשה איז א ליגען!...

דאן פלעגט זיך אָנהויבען א סדרה פון קלעפּ און קללות און כאַ־כאַ־כאַ!; מען פלעגט זיך האַלטען אויף דאָס ניי ביי די זייטען פון געלעכטער. און אזא קראַפט איז געווען אין בערעלע׳ס מעשיות, אז כאָטש מ׳האָט געוואוסט, אז ענדיגען וועט זיך תמיד מיט „האָפּ־משאק״. האָט מען איהם פונדעסטוועגען געגלויבט, געוואָלט גלויבען אזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַלטען אין דערצעהלען.

אמאָל פלעגט טרעפען, אז א מיידעל פלעגט וועלען א שפּיל

בערעלע׳ס ביאָגראַפיע.

בערעלע האָט בעלאַנגט צו אַ פאַמיליע פון אַמאָל געהויבענע דערנאָך געפאַלענע באַלעבאַטים פון דעם סאָרט, וואָס מען רופט זיי אין ליטע „פיש־פיש״, אָדער „די רעכטע פיש־פיש״. דאָס זענען די בכבוד׳נע, חשוב׳ע באַלעבאַטים, וואָס מען רופט זיי געוועהנליך אויף אַ „ברירה״, וואָס זאָגען מבינות אויף אַ רב, אַ משגיח, אַ שוחט; וואָס זענען די ערשטע איינגעהער ביים רב, ביי די גבירים פון שטאָדט; וואָס מיט זיי האַלט מען זיך עצות אין שווערע קהל׳ישע עסקים. קורץ זיי זענען האַלבע „קאָכלעפעל״—האַלבע „כלי־קודש״.

און דעריבער איז זיי קהל מחויב צו טראָגען אויף די פלייצעס. מאָן טוען זיי גאָרנישט. נאָר שטאָדט האַלט זיי אויס, געבענדיג זיי פערשידענע קהל׳ישע שטעלען.

אַזוי איז, צום ביישפּיל, בערעלע׳ס טאַטע, רבי מאָטע ישורון, געווען אַן אויפזעהער אין „שחיטת־עופות״; בערעלע׳ס עלטערער ברודער — אַ גובה (מאַהנער) אין חברה „חונך־דלים״, און בערעלע׳ן אליין אין די סמאַלע (סאָלידע) יאָהרען האָט מען אויך געגעבען אַ שטעל פון אַגובה אין דעם נייעם „קאָמיטעט״ פאַר די אָרימע.

נאָר דאָס איז געווען אין בערעלע׳ס סמאַלע יאָהרען, אַז בערעלע׳ן איז שוין מיאוס געוואָרען אַרומגעהן ליידיג און פראַוועז „לצנות״, און די משפחה האָט געמוזט פער׳דאגה׳ן פאַר איהם אַ תכלית.

אַלס יונגעל און בחור, ביז עטליכע און צוואַנציג יאָהר, איז בערעלע אומגעגאַנגען פוסט און פאַס און איז געווען דער „ליץ״ פון גאַס.

בערעלע׳ס לצנות איז געווען פון אַ בעזונדער מין. ער האָט ניט געזאָגט קיין וויצען, קיין גלייכווערטלעך. נאָר האָט דערצעהלט מערק־ווירדיגע געשיכטעס. דערצעהלט האָט ער זיי, דאָס רוב, די מיידלעך פון גאַס, פון די קראָמען. פון זיינע געשיכטעס פלעגט מען זיך האַלטען ביי די בייכער פון געלעכטער.

בערעלע אליין פלעגט ניט לאַכען. ער פלעגט אָנהויבען אַ געשיכטע ערנסט, מיט גרויס התפעלות. דאָס רוב זענען

# בערעלע דער „לץ״.

(א טיפ פון דער מינסקער יודישער גאס).

אז בערעלע וואלט נים געבארען געווארען אין מינסקער אלטען מארק, נאר ערגעץ אנדערש, צווישען גויים, וואלט פון איהם ארויס־געוואקסען... אפשר נים קיין דיקענס, נאגאל, אדער מארק טווין, אלענפאלס אבער א היבשער קאמיקער, אדער, וועניגסטענס, א טאלאנטפאלער קלאון אין א צירק.

נאר בערעלע איז געבארען געווארען און געוואקסען ארום מינסקער שעכט־הויז און דעריבער איז ער געווען פאפולער בלויז צווי־שען די מיידלעך פון זיין גאס און עטליכע געסלעך ארום.

נאר אז בערעלע וואלט געווען פאפולער בלויז אין אלטען מארק, וואלט איך וועגען איהם נים געשריבען. עס איז געווען אבער א מאמענט אין זיין לעבען, ווען בערעלע איז געווען פול אין אלע מיילער פון גאנץ שטאדט; ווען מ׳האט גערעדט וועגען בערעלען אין גאנץ מינסק, און בעזונדערס ביי די גבירים אין די הייזער. דאס איז געווען בשעת בערעלע דער „לץ״ האט „אנגעריבען די מינסקער גבירים א גאז׳, טאקע אין דעם פשוט׳ען זין פונ׳ם ווארט. די פאסירונג איז בעוואוסט אין מינסק אונטער דעם נאמען: „די אסיפה פון די שווארצע געזער״...

נאר וועגען דעם—שפעטער. פריהער א פאר ווערטער פון

אָט, אָט, ראַכט זיך אייך, פאַלט ער פון די פיס. נאָר אַזוי ווינט ער זיך שוין יאָרערענלאַנג, ווינט זיך ביין אָנבייסען צוועלף א זייגער ביי נאַכט; ווינט זיך ביי דער ארבייט אין פאַבריק; ווינט זיך ביין לערנען; ווינט זיך, ווען ער רעדט מיט אייך, ווען ער געהט אין גאַס.

ווי אַזוי קען אַ מענש אויסהאַלטען אזא לעבען?

די דובראָוונער יודען וואונדערן זיך נים. ס׳איז, זאָגען זיי, מוניע רעם שמשׂ׳ שטאָף.

ארבייט ווערט ווענינגסטענס צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי ער בעקומט. די פערוואַלטונג פון דער פאַבריק, וואָס ליידט גאַנץ ווייניג אויף יושר־און—רחמנות־געפיהלען, אפילו זי האָט פון זיך אַליין, איהם וויפיעל מאָל געוואָלט העכערן דעם לוין, נאָר ער האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין „אומזיסטע" געלד, און בעקומט תמיד, יאָהר אויס—יאָהר־איין, דריי רובל מיט קליינע קאָפּיקעס אַוואָך, לויט זיין אייגענעם „טאַריף".

ווי אַזוי בעציהט זיך דעם „תעניתים־פאַסטער'ס ווייב צו דער טעאָריע און פּראַקטיק פון איהר מאַנס לעבען?

— וואָס זאָל מאָן אַ יודישע ווייבעל, נעבאך? האָבען מיר דורכאָווגער ארבייטער ערקלערט. גמ'ן זיך צוליב דעם? מראָגט זי איהר גורל. דער תעניתים־פאַסטער זאָגט איהר גאָרנישט איין, ווי צו פיהרען זיך: לעב, ווי דו פערשטעהסט! זי קאָכט זיך אַלע טאָג געקעכטס, נאַטירליך, זעלטען מיט פלייש. נאָר שבת איז דאָ אפילו חלה און נאָך אַ דראָבישקע דערצו. ניט זעלטען פערזוכט ער, שבת, צי יום טוב, אַליין פון דער דראָבישקע. אָבער כדי זיין ווייב זאָל זיך, די קינדער, און איהם אַליין ניט צולאָזען, גיט ער אויף דער הוצאה, ניט אָב די גאַנצע שבירות, ניט איהר אפילו ניט מיט מזומן געלד. נאָר מיט צעטעלאַך אויף יעדע זאַך, וואָס ער דאַרף האָבען, צו אַ בעקאַנטען קרעמער. דער קרעמער קלייבט אויף אַלע חודש די צעטעלאַך און בעקומט שוין פון איהר מזומן.

מ'זאָגט, אַז דער „תעניתים־פאַסטער" האָט געלד, טאַקע ביי דעמזעלבען קרעמער. ער קלייבט מסתמא אויף „עולם הבא־זאַכען". וואָרום מיט דער וועלט האָט ער שוין לאַנג זיינע חשבונות געענדיגט.

ער איז נאָך אַ יונגער מאַן דער תעניתים־פאַסטער. אַ יאָהר עטליכע און פערציג איז ער אַלט. ניט קוקענדיג, וואָס ער עסט נאָר איין מאָל אין טאָג אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער, זעהט ער אויס פול און געזונד, און רויטלאַך. נאָר אין איין זאַך לאָזט זיך דערקענען זיין אַסקעטישער לעבען: ווען ער רעדט מיט אייך, איז זיין פּנים, זיינע אויגען איבערהויפּט, פערגאָסען מיט אַ מידקייט. ער שטעהט און הינט זיך, ווי אַ פערשלאָפענער, ריכטיגער ווי ניט קיין אויסגעשלאָפענער.

די גאַנצע צייט פון דער דאָזיגער „חוזק־מאַכעריי" איז ער ווי אין אַ סין חימעל־פּלעט. מ'דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז דעם שלאָף האָט ער ניט איינגאַנצען גובר געווען, און דעריבער ווענדעט ער נאָך איצט אָן געגען איהם פערשיידענע געוועהר. אַ שטויגער: ער ציהט זיך קיינמאָל ניט אויס אויפ'ן באַנק, מאָמער וועט איהם דער שלאָף „פּאַקען"; נאָר ער זיצט איינגעשפּאַרט אין אַ שטענדער, אָדער שטעהט איבערגעבויגען איבער אַ שטענדער. די דאָזיגע פּאָזיציע איז, אַזוי צו זאָגען, זיין פעסטונג. דאָ איז ער געווען זיכער פאַר'ן „שונא". וואָרום, ווי ער כאַפּט נאָר אַזוי, שטעהענדיג, אַ דרימעל, פאַלט ער גלייך אַ נידער און קומט צו זיך.

אין פאָלקאָמענער האַרמאָניע מיט דעם „תעניתים־פאַסטער'ס" בעציהונג צו עסען און שלאָפען איז אויך זיין ק:ק אויף ארבייט. לויט זיין אייגענע אָבשאַצונג פון זיין ארבייטספעהיגקייט איז זיין טרחה מעהר ניט ווערט, ווי פינף קאָפּיקעס אַ שעה. גיט מען איהם מעהר, נעהמט ער ניט. מען האָט איהם, אַ שטויגער, געדונגען ער זאָל צו האַקען אַ וואָגען האָלץ (דער תעניתים־פאַסטער האָט ניט בראַקירט מיט קיין שום מלאכה, איידער עס איז געוואָרען די פאַבריק) און איהם אָבגעמ' נעבען דערפאַר צוויי גילדען. צו האַקען די האָלץ האָט אָבער מעהר ניט געדויערט ביי איהם, ווי פיער שעה. לויט זיין חשבון איז צעהן קאָפּיקעס איבעריג. האָט ער פון די צוויי גילדען זיך גענומען נאָר צוואַנציג קאָפּיקעס און די צעהן קאָפּיקעס אָבגעגעבען צוריק. ווען דער ארבייטסגעבער האט אָבער ניט געוואָלט נעהמען דאָס געלד, איז ער, חלילה, ניט שולדיג געבליבען: איז ניט געווען מעהר האָלץ צו האַקען, האָט ער די צוויי שעה וואַסער אָנגעטראָגען. איז געבליבען נאָך פון די וואַסער, האָט ער יענעם דעם הויף געקערט, פעררייכט עפּעס אין שטוב אַזוי לאַנג, ביז ער איז מיט יענעם געוואָרען קוויט.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז אַזאַ מין ארבייטער איז פאַר די רעדעל־פיהרער פון דער פאַבריק אַן אוצר. מ'דאַרף בעמערקען, אַז דער „תעניתים־פאַסטער" איז אַן ארבייטער—אַ ספעציאַליסט און, לויט די נידריגע פּרייזען, וואָס שטעהען אויף דער פאַבריק, איז זיין

דעם איינפֿלוס פֿון איינינע איבערגעלייענטע מוסר־ספֿרים, אַז די וועלט איז נאָר גישט; אַז דער גוף, דער חומר מיט אַלע זיינע בעדערפֿניסען איז אַן איבערגעקומענע זאַך, און דעם מענשענס ציעל אין לעבען איז נאָר מלחמה צו האַלטען מיט די קערפּערליכע תּאוות. און אַזוי ווי עסען און שלאָפֿען, אָט די צוויי תּאוות, זענען געווען זיינע גרעסטע שונאים, האָט ער זיי געזוכט צו בעקעמפֿפֿען, און האָט זיי טאַקע בעקעמפֿפֿט.

איצט איז ביי׳ן תּעניתים־פּאַסטער אַ גוטע צייט. אָט די, אַזוי צו זאָגען, „גילדערנע" עפּאָכע אין זיין לעבען, דויערט שוין אַ יאָהר צוועלף, זינט די דובראָוונער פֿאַבריק פֿון „יקא" עקזיסטירט. ער בעקומט זיינע דריי רובל מיט קאָפּיקעס אַ וואָך און קען זיך שוין פֿערגינען ניט בלויז אַן „אונטער־אויווען", נאָר פֿערנעהמען אַפֿילו אַ גאַנצע קאַמער, וואו עס קען זיך שטעלען אַ טיש, אַ באַנק, אַ בעט. ער קען זיך אויך פֿערגינען קאָכען אַמאָל אַ קרופּניק, אויב ניט מיט פֿלייש, איז מיט ביינער. נאָר די קאַמער פֿערנעהמען און דעם קרופּניק עסען—די ווייב און די קינדער. ער אַליין פֿערברענגט די נאַכט, ווי פֿריהער, אין שול. אַהין קומט ער גלייך פֿון פֿאַבריק. דאַווענט מנחה און מעריב, קוקט אַריין אין אַ ספֿר, רייבט זיך אַ ביסעל אין שולהויף, נעהמט אַמאָל אַרום אין גאַס. אַזוי געהט אַריבער דער אָוונד. קומט האַלבע נאַכט, אַזוי נעהמט ער זיך „חחק מאַכען" פֿונ׳ם יצר־הרע. דאָס הייסט ער נעהמט זיך „אָנבייסען" און „צודרעמלען". ביידע „אָבקומענעסען" פּטר׳ט ער אָב אין איינעם, האַלטענדיג אַ פּנים נידריגער פֿון זיין ווערד אָבצוגעבען יעדען איינעם פֿון זיינע אַמאָליגע שונאים (איך זאָג „אַמאָליגע", ווארום, ווי אויבען איז אָנגעוויזען, האָט ער זיי ביידע שוין לאַנג בעזיגט) בעזונדער צייט און אויפֿמערקזאַמקייט. קייענדיג אַ שטיק ברויט, זיצט ער אויפ׳ן באַנק, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטענדער און דרעמעלט. דרעמלענדיג, קייט ער אַ שטיקעל ברויט. ריכטיגער: עס חלומ׳ט זיך איהם, אַז ער קייט. דער דאָזיגער צווייפֿאַכער פּראָצעס דויערט לאַנג—ביי אַ שעה, אָדער צוויי. עס איז ניט זיכער, ווער וועמען עס מאַטערט מעהר: ער דעם הונגער און שלאָף, אָדער זיי—איהם.

קאַפּיקעס אַ טאָג. האָט מען געקענט זיך פאַרגינען נאָר חוילען טרוקענעם ברויט, איז דאָס ניט קיין געוועהנליכען, געקויפטען אין קראָם, ווי אַלע מענשען קויפען, נאָר אָבגעקויפט ביי די אָרימע לייט, וואָס געהען איבער די הייזער. דער ברויט פלעגט זיין צוטריקענט און פערשימעלט, אז ווען מ׳פלעגט איהם קייען—דערצעהלט דער תעניתים־פאַסטער—דערמאָהנענדיג יענע יאָהרען, פלעגט געהן פון די ציינער אַ גרינער רויך פון דעם פערטריקענטען שימעל. צאָהלען פאַר דירה איז גאָר ניט געווען מיט וואָס, האָט מען געמוזט ערגעץ וואַלגערן זיך אין אַזאַ לאָך, וואָס עס איז ניט מעגליך געווען צו שטעלען דאָרט אַ בעט און אפילו אַ באַנק האָט געקענט שטעהן נאָר איינע. האָט אויף איהר געמוזט שלאָפען די ווייב, און ער האָט גענעכטיגט אין בית המדרש. דאָס וואָרט „נעכטינען״ דאַרף מען ניט אָננעהמען אין געוועהנליכען זין. וואָרום שלאָפען—שלאָפט דער תעניתים־פאַסטער אויך ניט. ער רייבט זיך נאָר איבער עטליכע שעה. און ווי נאָר אַ בליאַסק אויף טאָג, נעהמט ער אויפ׳ן שולהויף און זוכט עפּעס אַ מלאכה פאַר דער שול: האָלץ האַקען, אַ שטוינער, אָדער וואַסער אָנטראָגען, אָדער אויס־קעהרען, רייניגען.

פערלאַנגען פון „תעניתים־פאַסטער״ אַ טעאָרעטישע ערקלערונג פון זיין וועלט־אַנשויאונג איז אַן אומזיסטע ארבייט. ערקלערען איז ער ניט אין שטאַנד. נאָר וויסענדיג די טרויעריגע היסטאָריע פון זיין לעבען, פון דעם גרויסען עלענד, אין וועלכען עס האָט זיך געטרונקען דורות־לאַנג די דובראָוונער יודישע מאַסע, קענט איהר פּסיכאָלאָגיש איהם פערשטעהן. עסען האָט זיך איהם געוואָלט נאָר אַזוי לאַנג, ווי עסען איז ניט געווען וואָס. קוים האָט ער אָבער בעקומען זיין פערדאַרט און פערשימעלט שטיק ברויט צו שטילען דעם הונגער, איז איהם דער עסען, צוליב דעם גרינעם שימעל, פערעקעלט געוואָרען. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם שלאָפען: ער האָט זעלטען געקראָגען אַ פּלאַץ, וואו ער וואָלט קענען אויסגלייכען די ביינער און לאָזען זיי אויסרוהען ווי מ׳דאַרף. און כדי פּטור צו ווערען פון די עסען־און שלאָפען־יסורים, האָט זיך ביי איהם ביסלעכווייז אויסגעאַרבייט אַ געדאַנק, אז מען

# דער תעניתים־פאסטער.

דער תעניתים־פאסטער איז א טיפ פון דובראָוונע—די בעריהמטע יודישע שטעדטעל אין מאָהליווער גובערניע. זיין טאַטע איז א שמש אין דער אַלטער דובראָוונער שול—א יוד א חוליאַקע, א טענצער, א זינגער אויף אַלע חתונות און קהל׳שע שמחות. ער האָט ליעב א כוסה, און נים קיין פשוט׳ע, נאָר טאַקע א גאַנצע קווערטעל. האָט אויך ליעב צו פערבייסען, ווען עס איז דאָ וואָס.

ער, זיין זוהן, פערקערט, איז שטאַרק צוקרינט מיט׳ן „יצר הרע" פון עסען און טרינקען.

קיין גרויסער למדן איז ער נים, דער „תעניתים־פאסטער". לערנען א סך האָט ער קיינמאָל קיין צייט נים געהאַט און האָט איצט אויך נים. נאָר פשוט, ווייל ער איז זיין גאַנצען לעבען אַן ארבייטער—א וועבער. צו פאַסטען תעניתים האָט איהם אויסגעלערנט די גרויסע אָרימקייט, וואָס ער האָט זיך אין איהר געפלאָנטערט זיין גאַנצען לעבען. אין זיין לעבען איז געווען א לאַנגע פעריאָדע, גאַנצע צוועלף יאָהר האָט זי געדויערט, ווען ער האָט פשוט נים געהאַט וואָס צו עסען. יאָהרענלאַנג איז ער אָבגעקומען נאָר מיט עטליכע קאָפּיקעס א טאָג. אויסשטרעקען די האַנד, געהן ליידען ערגיץ, אריינגעהן צו יענעם אָבעסען—דאָס האָט ער נים געקענט. דערצו איז ער א צו דעליקאַטע נאַטור. און אז עס איז מעהר נים געווען, ווי עטליכע

שלעבטער, און ווי אַ סך אנדערע צוריקגעקומענע עמיגראַנטען ציהט איהם צוריק קיין אמעריקאַ. ער וואַרט, אַז די ברידער זאָלען איהם שיקען אַרויסצאָהלען פון דער ירושה און פריינד זאָלען איהם צושיקען אויף הוצאות. דאַן לאָזט ער זיך צוריק אין דער נייער היים, וואָס איז צו איהם געווען אַ סך פריינדליכער, ווי די אַלטע.

מוטער האָט ניט איין מאָל געוויינט.

— האָט איהר, ווענינגסטענס, פאר דער מוטער ניט געקענט בעהאַלטען אייער נייעם גלויבען, האָב איך געפרעגט, און פערשפאָרען איהר שמערצען?

— יע, איך האָב אויף איהר אפילו רחמנות געהאַט, אָבער קריסטוס האָט געהייסען טראָגען צו אלעמען זיין וואָרט פון וואַרהייט. קריסטוס' געבאָט דאַרף זיין טייערער פון טאַטען און מאַמען.

און דער פרומער יודישער קאַטאָליק בענוגענט זיך ניט מיט פּאַסיווער קאַטוילישער פּרוטקיים, ער נעהמט אָפט איבער אין פּטאַקעס.

נעהמט אַריין אין שולען, און קלויזען, צלם'ט זיך איבער פריהער „איך לעג אָב מיין עהרענצייכען" לויט זיין אויסדרוק, און נעהמט זיך פּרעדיגען די קלויזניקעס. אָדער בעגעגענט דעם סניפּישאָקער רב אין גאַס און פרעגט איהם. „ווען ועט איהר שוין תשובה טון, אַלטער וינרעד?"

זיין ירושה איז איהם ניט לייכט צו בעקומען. די ברידער זאָגען, אַז זיי זענען בילכער פאר דעם „משומד". מ'האָט איהם אפילו פון אָנהויב ניט געוואָלט לאָזען נעכטיגען. ענדליך האָט ער נאַכטלעגער אויסגעקעמפּפט, אָבער קיין בעשעפטיגונג קען ער דאָ ניט קריגען.

נעהט ער אַרום, לייענט זיינע הייליגע ספרים, און פּרעדיגט קריסטוס גלויבען אין די שולען, אין די גאַסען, פאַר יונג און אַלט, וואו און פאר ועמען ער האָט די געלעגענהייט. אויף דער הוצאה דאַרף ער ווייניג. אמאָל קריגט ער עפּעס אין דער מיסיאָן, אמאָל פון פרומע קריסטען; אמאָל שיקט איהם צו עפּעס אַ פריינד פון אמעריקאַ. ניט זעלטען קומט איהם אויס צו הונגערן אויך. נאָר ער בעקלאָגט זיך ניט. זיין גלויבען אין גאָט און אין יעזוס איז שטאַרק. אַז אַ ריספּוטאַנט פרעגט איהם, אַ קוק טוענדיג אויף זיינע טראַנטעס: וואָס ניט איהם דער נייער גלויבען? ענטפערט ער, אויפהויבענדיג אַ פרומען בליק צום הימעל: אָ, ער גיט מיר זעהר פיעל... זעהר פיעל...

אין דער אלטער היים פיהלט ער זיך אַלץ שלעכטער און

איך האב איהם געפרעגט:

— פאר וואס עפעס גראד קריסטוס? האט איהר ניט געפרובט זוכען ערנסטע ביכער וועגען א רייגעם יודענטום. ענדליך וויסענשאפט־ליכע ביכער איבערהויפט וועגען געזעלשאפטליכע פראגען. האט איהר זיך ניט געפרובט אינטערעסירען מיט געזעלשאפטליכע ארבייט?

— דאס אלץ האב איך געפרובט,—זאגט ער — איך האב שוין פריהער א סך ביכער געלעזען, און העברעאיש, און דייטש, און ענגליש, תלמוד קען איך אויך. אבער איך האב דארט ניט געפונען, וואס איך האב געזוכט.

— האבען אויף אייך מיסיאנערען געווירקט? האב איך געפרעגט.

— ניין, דערנאך שוין האב איך בעזוכט זייערע לעזונגען, אבער פון אנהויב האב איך אלץ פון זיך אליין. דער אויבערשטער האט געוואלט איך זאל מיך בעקערען. השגחה פרטית...

— וואס עפעס גראד קאטאליציזם? האב איך ווייטער געפרעגט. און האט איהר אין נירייארק ניט געקאנט געפונען א ריינערע פארם פון קריסטענטום?

— ווייל די קאטאליקען האבען איבערגענומען פון דער ערשטער קוועלע.

וואס איהם האט בעוואוינגען צו פאהרען צוריק קיין רוסלאנד, האב איך נעגוי ניט געקאנט ביי איהם דערגעהן. פיליכט און אלטע ערוואכטע בענקשאפט נאך דער היים. אפשר א מאטעריעלער גרונד. זיין פאטער איז געשטארבען און האט געלאזען ירושה—א הויז. פיליכט דער פערלאנג צו „ראטעווען" די היימישע „פערבלאנדזשעטע נשמות". און אמעריקא האט זיך די לעצטע צייט ניט גוט געלעבט: אפט סלעק און דער געזונד איז אויך געוועזן ניט אם בעסטען.

אין דער היים האט ער געהאט און האט נאך יעצט אויסצער־שטעהן א סך. פון אנהויב האט ער ניט אנטפלעקט זיין נייעם גלויבען. ער האט געוואוסט, וואס פאר א שטורם עס וועט זיך אנהויבען. דער־נאך האט ער ניט אויס:עהאלטען. ער האט זיינע ברידער געשטראפט און זיין מוטער געמוסר'ט, פאר וואס זיי טוען ניט „תשובה"... די

אין אמעריקא איז ער אָבגעווען גאנצע צוואנציג יאָהר. פון דער היים, פון ווילנא איז ער שוין דרייסיג יאָהר. ער איז אוועק פון פריזיוו. געקומען צוערשט אין וויען. דאָרט — אויסגעלערנט זיך פאר א זעצער, געארביים אין „השחר" דעם בעריהמטען העברעאישען זשורנאל, פון פרץ סמאָלענסקין, וואָם האט געשפילט א גרויסע ראָלע אין פאָריגען דור, אויפ׳ן גרעניץ פון „השכלה" און ציוניזם. ער איז געווען, אזוי צו זאָגען, ביי „יציאת נשמה", אי פונ׳ם זשורנאל, אי פון זיין רעדאקטאָר ארויסגעבער (ביידע זענען געשטאָרבען אין איין יאָהר). דאַן האט ער זיך געלאָזען ווייטער וואנדרעווען. געהונגערט אין לאָנדאָן, געפאסט אין פאריז, געליטען נויט די ערשטע יאָהרען אין ניו־יאָרק. דאָ איז ער ענדליך אריין אין דער יוניאן. פון דעמאלט אָן איז זיין מאטריעלע לאגע געווען געזיכערט. ס׳איז געווען, פערשטעהט זיך „סלאָו" *) און „סלעק" **) אויך. דערצו איז ער אמאל געווען א לעבע־קינד, איז נים פעהיג געווען צו קלערען וועגען מארגען. אין אלגעמיין אָבער האט זיך די גאנצע צוואנציג יאהר אין ניויארק געלעבט נים שלעכם.

אזוי האט ער אבגעלעבט אין ניויארק א יאהר פופצעהן. דאַן איז פאָרגעקומען א קריזיס: נים אין זיין מאטעריעלען, נאר אין זיין גייסטיגען לעבען.

פון זיין יונגענד אָן איז ער געווען אן אטעאיסט; האט אין קיין זאַך נים געגלויבט. אין ניויארק איז פאראנגען מים וואס צו פערשלאגען זיך, האט ער אויך נים געשפירט, אז איהם פעהלט גלויבען. איז ער אָבער געווארען עלטער. די צעשטרייאונגען פון דער יוגענד זענען מעהר נים געווען אין שטאנד צו פערשלאגען דעם מוח. איבערהויפט — דאס הארץ.

— איך האב זעהר געליטען — זאגט ער — איהר קענט אייך נים פארשטעלען. אט דא איז געקומען קריסטוס און האט מיר געגעבען א טרייסט און א היילונג צו מיין נשמה.

*) וועניג ארבייט.

**) ארבייטסלאָזיגקייט.

מעשה היימישער מענש, און די זעלבע אָניצעס, ווי אימער. ער האָט געפיהרט א הייסען וכוח מיט א בחור'ל מכח דריי־איינינקייט און גאָטעס־מוטער. איך האָב אָבגעוואַרט ביז דער דיספוט איז געווען צו ענד. און בין אריין מיט איהם אין א געשפרעך. ביסלאכווייז, פאָרזיכטיג בין איך פונ'ם רעליגיעזען באָדען, אריבערגעגאַנגען אויף א שמועס ווענגען זיין אייגענער פערזאָן. מיך האָט אינטערעסירט: ווען און ווי אזוי די „בעקעהרונג" איז ביי איהם פאָרגעקומען, אויך האָט מיך אינ־טערעסירט זיין פערזענליכעס לעבען.

איך מוז דאָ צוגעבען, איידער איך וועל ווייטער דערצעהלען מיין אינטערוויו מיט'ן יודישען קאַטאָליק, אז שוין נאָך די ערשטע פּאָר מינוט אויסהערען זיין דיספוט און פערזענליכען אונטערהאַלטען זיך מיט איהם, האָב איך געמוזט איינגאַנצען ענדערן מיין פאָרשטעלונג ווענגען איהם אלס א צודרייטען, אָדער האַלב צודרייטען נפש, ווי די יודישע גאַס האָט איהם געהאַלטען. פאַר מיר איז געווען איינע פון די ליידענדע, אמת־זוכענדע נשמות. עפּעס אַפּאָסטאָלישעס, ביבליש־נביאישעס איז געווען אין זיין אַרט ריידען, כאָטש זיינע בעווייזען און אויספיהרען האָבען געשמעקט מיט קינדישער נאַאיוויטעט. זיין געשפרעך איז אָבער בכלל געווען רוהיג, זעלבסטבעוואוסט און, אויף זיין שמויגער, קאָנסעקוועגט. זיין ערנסט און אויפריכטינקייט האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע עלטערע דיספּוטאַנטען אין דער מיסיאָן, און ווען זיי האָבען זיך ניט געלאָזען איבערצייגען, האָבען זיי דאָך געמוזט ביסלעכווייז לאָזען דעם לצנות־טאָן, מיט וועלכען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו ריידען מיט איהם און בעציהען זיך צו איהם מיט א געוויסען רעספּעקט.

שוין פון אָנהויב געשפרעך מיט איהם האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז אן אמעריקאַנער לאַנדסמאַן. פון אמעריקא איז ער געקומען מיט א פּאָר יאָהר צוריק. געווען איז ער דאָרט א זעצער. זיין פאַמיליען נאָמען פון דער היים איז מילכיקער. אין אמעריקא האָט ער דעם „ביקער" ארויסגעוואַרפען, איז געבליבען „מיל"—אן עכט־ענגלישע פאַמיליע.

און ער דער ,,יודישער קאטאליק", ענטפערט איהם אויך מיט פסוקים, וואס ער האט געלערנט. ענטפערט געלאסען, מיט א מילדען שמייכעל. און ווען עס טרעפט, אז ער ווערט אוועקגעשטעלט ביי א הארבער קשיא, וואס ער קען זי ניט פערענטפערן, פערלירט ער זיך אויך ניט. עס זענען פאראן, זאגט ער, א סך זאכען, וואס א מענשליכער שכל קען עס ניט בעגרייפען. דאס ווייס נאר דער גוטער אלמעכטיגער גאט (דערביי ווייזט ער מיט'ן האנד צום הימעל).

דער יודישער קאטאליק האט זיך בעוויזען אויף די ווילנער גאסען אין דער צייט, ווען עס האט געקאכט מיט דער צווייטער דומע.

פאר ווילנא איז אזא טיפ קיין נייעס ניט געווען. ווילנא האט שוין געהאט א יודישען מיסיאנער, ראזענסאן, איינער פון די גרעסטע ווילנער גבירים פון פאריגען דור. אבער יענער איז געווען א נגיד און דער — אן ארימאן. אמת, ניט קיין געוועהנליכער ארימאן. ער בעט ביי יודען קיינמאל קיין נדבה ניט. האלט זיך, אויב ניט שטאלץ (שטאלצ־קייט פאר א פרומען קריסט איז בכלל א זינד) איז — אונאבהענגיג פריי, זאגאר מיט א געוויסער גרויסמוטיגער איינזעהענעס, ווי פון א מענשען, וואס האט ,,געפונען" דעם אמת צו די וואס ,,בלאנדזשען" נאך אין דער פינסטער.

מיר האט זיך זעהר געוואלט בעקאנט ווערען מיט'ן ,,יודישען קאטאליק" און איך האב א לענגערע צייט געזוכט וועגען, ווי אזוי דאס אויסצופיהרען. מיט אזא ,,נפש" קענט איהר ניט שליסען בעקאנט־שאפט אזוי איינפאך, ווי מיט אנדערע גאס־און מארק־יודען. א פאר מאל האב איך זיך צוגעהערט, אלס שטומער פארבייגעהער, צו זיינע גאס־דרשות. יעדעס מאל איז מיר דער יודישער קריסטוס־פרעדיגער אלץ אינטערעסאנטער געווארען. ענדליך איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו בעזוכען די ביבהאנדלונג פון די מיסיאנערען. דארט וועל איך זיך מיט איהם געוויס טרעפען, האב איך געטראכט.

און אזוי איז געווען. איינמאל א שבת האב איך זיך מיט איהם געטראפען דארט, ביי די מיסיאנערען. ער איז געזעסען ביי א טישעל,

נאָך אין גאַס, אָרער וואַרפען אויף איהם מיט שטיינער און בלאָטע, שטעלען זיך פּלוצלונג אָב, ווי פערשעמטע, ווען ער שטעלט זיך אָב, ניט אויף זיי אַ קוק מיט זיינע פערקלערטע, שוואַרצע, טיעף איינגעגראָבענע אויגען, און פרעגט זיי: ליעבע קינדער, וואָס האָב איך אייך געטאָן?

דער טאָן, מיט וועלכען ער זאָגט דאָס, איז מילד און ערנסט. די קינדער בלייבען דאָן שטעהן, ווי פערבליפט, וואגען איהם מעהר ניט אָנצוריהרען, געהען זיך לאַנגזאַם פאַרנאַנדער, צו וואַרפענדיג איהם פון ווייטען: — גוי! משומד! מיסיאָנער!

נאָר ער איז ניט צופריעדען, וואָס די קינדער זענען פון איהם אַוועק. ער לאָזט זיך געהן צו זיי, קלייבט אויס איינעם פון זיי, אַ גרעסערן, וואָס געפעלט איהם מעהר, און זאָגט:

— מיין ליבעס קינד, ווען דו וואָלסט ויסען, ווער קריסטוס איז געוועזן, וואָלסטו דאָס ניט געשריען,

און ער הויבט איהם אָן צו פּראָפּאַגאַנדירען, צו דערצעהלען, ווי אזוי קריסטוס איז דער „זוהן גאָטעס" און וואָס דאָס הייסט: דער „זוהן גאָטעס", און ווי אזוי ער האָט געליטען פאַר די זינד פון די מענשען; ווי אזוי די יודען האָבען איהם, זייער משיח, זייער ערלויזער ניט פערשטאַנען, ניט דערקענט, און האָבען איהם געקרייציגט. און פון דעמאָלט אָן ליידען „מיר יודען", ביז דער אויבערשטער וועט זיך אויף אונז דערבאַרעמען, מיר וועלען תשובה טאָן, וועלען זיך אומקעהרען צו „איהם"...

דער יונגעל הערט, הערט, דערנאָך גיט ער זיך אַ לאָז פון איהם, אויסשרייענדיג פון ווייטען:

— מיסיאָנער! משומד!

עס טרעפט אָבער אויך אָפט, אז דער צוהערער לאָזט זיך מיט איהם אין אַ וכוח.

דאָס איז ער זעהר גערן. דער יונגעל היצט זיך, וועיזט איהם אויף פון פסוקים, וואָס ער האָט געלערנט, און ער דער „יודישער קאַטאָליק" ענטפערט איהם אויך מיט פסוקים, וואָס ער האָט געלערנט,

# דער פרומער יודישער... קאטאליק.

אין די גרעססטע פרעסט פלעג איך איהם אפט בעגעגענען אין די ווילנער יודישע גאסען, ווי ער געהט אין צוריסענע שיך, צעריסענע הויזען, א צעריסענעם מאנטעל, אייגענטליך נים קיין מאנטעל, נאר שטיקער פון עפעס, וואס איז אמאל געווען א מאנטעל הענגען אויף איהם פון אלע זייטען; א צעריסען היטעל, פון וועלכער עס זעהט זיך ארויס דער גרויסער שטערן, הויל ביז צום פאטילניצע. נאר פון ביידע זייטען קאפ זענען אנגעשטעקט שמאלע בעזעמלאך שווארצע האר, שטארק געמישט מיט גרוי. אזא איז אויך די באָרד; א מיטעלמעסיגע, נים זעהר קיין ברייטע, נים זעהר קיין לאנגע. זיין פנים איז בלאס; די אויגען איינגעפאלען, די באקען איינגעצווינגען—פון הונגער, פון נויט, וואס איהם קוממ אוים אפט צו פיהלען. אבער דאך איז אויפ'ן פנים ק יין שפור פון פיזישע ליידען. א פערקלערטע רוהיגקיים, איבערגעבענקיים צום שיקזאל, ליגט אויף איהם. אין אלע זיינע שטריכען, אין דער פיגור איז אויסגעגאסען א געוויסע אינטעליגענץ. א מאָרנע געהויבענע, טיעף־רעליגיעזע שטימונג אטעמט פון אלעם אין איהם און אויף איהם. אפילו זיינע טראנטעס מאכען אויף אייך נים דעם איינדרוק, וואס עס מאכען די זעלבע טראנטעס אויף אן אנדער אָרימאן, אָדער משוגענעם, וואס געהט איבער די גאסען.

און דעריבער טרעפט אפט, אז די קונדסים, וואס לויפען איהם

איהר שוין בעשטימטע סמנים. איין טייל בעלאנגט צו זותמאַג; אַן אַנדער טייל—צו מאָנטאַג און אַז. וו. נאַטירליך, קומט אַמאָל פאָר אַ טעות אויך. און דאָ איז לאה די גבאי'טע מאָדנע ביטרע. פאַלט זי אַריין, למשל, אין אַ הויז אַ צווייטן מאָל די זעלבע וואָך, איז שוין דאָס פערפאַלען, ס'איז אַ י ה ר גליק. מיט ליידינגען וועט זי בשום אופן ניט אַוועקגעהן. טרעפט אָבער, אַז זי פעהלט אויס אַ הויז על פי טעות, און אנשטאט איין מאָל אין וואָך, איז זי אַ הער געקומען איין מאָל אין צוויי וואָכען, איז דאָס ניט איהר היזק: איהר מוז מען איינצאָהלען פאר ביידע וואָכען. דערצו, אַז מען גיט איהר אַ גלעזעל טיי, צי אַ טעלערעל קרופניק (בעטען, בעט זי קיינמאָל ניט), קען דאָס קיינמאָל ניט געהן אויף דעם חשבון פון דעם גראָשען, צי דער קאָפּיקע. די נדבה מוז געגעבען ווערען אין מזומן.

פאר די צוואַנציג יאָהר פון איהרע גבאות, האָט לאה די גבאי'טע אויפגעטאָן ניט ווינציג. ערשטענס האָט זי זיך אַליין פאַלקאָם פערזאָרגט. ביי איהר איז שוין אָנגעגרייט תכריכים פון דעם בעסטען סאָרט לייוועגט — אמת'ע האָלענדער; ארץ־ישראל־ערד אויך פון בעסטען סאָרט. אַ חוץ דעם ליגט אַ געוויסע סומע געלד אויף די בטלנים פון „קברנים שטיבעל", זיי זאָלען נאָך איהר לערנען אלע טאָג אַ פרק משניות. אַ חוץ דעם האָט זי איינגעגעבען אין „קברנים שטיבעל" אַ ריינינקיים, געלאָזען מאַכען און אויסנייען אַ פרוכת, געגעבען אַנדבה אַ הענגלייכטער—אלץ אין „קברנים שטיבעל". דערצו האָט זי ניט איין מאָל געהאָלפען אויסגעבען אַן אַלטע אָרימע מויד—געגעבען אויף „הכנסת כלה". קורץ לאה די גבאי'טע איז שוין „דאָרטען" פאַלקאָם פערזאָרגט. דאָ איז זי נור אַן אורח'טע און וואַרט, ווען מען וועט איהר קומען „אָבנעהמען". זי איז גרייט אלע טאָג צו דער רייזע.....

און דעריבער איז זי גלייכגילטיג צו אַלץ, וואָס פּאַסירט דאָ אין דער „אכסניא". זי איז גלייכגילטיג צו הונגער, צו קעלט, צו די לצנות פון די יונגלעך, וואָס טרייבען מיט איהר קאַטאָוועס. זי טוט נאָכאַנאַנד און שווימט אַרום איבער איהרע קונדען, און איז זיכער, אַז מיט יעדען גראָשען קומט איהר עפעס „דאָרטען" צו...

ביז זיבעציג יאָהר, אַלץ פון די דריי רובל אַוואָך, דאָס איז פון די סודות, וואָס עס וועט אַמאָל מסתמא דערקלערען דער קומענדיינער היסטאָריקער פון „נאָווגראָד".

נאָך איהר מאַנ'ס טויט (מיט'ן מאַן האָט זי פון אָנהויב ניט געלעבט שוה בשוה, נאָר צום סוף האָט ער איהר, זאָגט זי, נעהאַלטען טייער) האָט לאה זיך אַרומגעזעהן, אַז זי האָט אָבגעלעבט אַזוי פיעל, זיבעציג יאָהר, האָט אַזוי פיעל, אַזוי פיעל געזינדיגט, און האָט גאָר נישט געטאָן פאַר דער נשמה. פון דעמאָלט אָן האָט זי איהר אייגענעם לעבען, דאָס לעבען פון גוף, אין גאַנצען אויפגעגעבען, און לעבט נאָר פאַר דער נשמה. וואָס זי עסט, און ווען זי עסט, ווייסט זי ניט און קיינער ווייס ניט. לויפענדיג, כאַפּט זי אַ ביינעל אין גאַס, דוקא אַן אַלטען, וואָס קאָסט אַ גראָשען, אָדער בעקומט ערגעץ אין אַ שטוב אַ גלעזעל טיי, צי אַ טעלערעל קרופניק, און—דערמיט איז זי פאַרטיג. זי עסט איין מאָל אַ טאָג, און אַמאָל—איבער אַ טאָג, בכלל געהט „טיש" ניט אַריין אין איהר „בודזשעט". פאַר איהר איז דאָס אַ צופעליגע זאַך — אַ „מותרות". נור דירה, זעהט איהר, דאָס איז שוין אַנדערש. דירה, דאָס הייסט—אַ בעטעל אין אַ קעלער קאָסט איהר פינף גילדען אַ חודש. גאַנץ אָפט כאַפּט דאָס אָבער ביז אַכט גילדען און אפשר צוויי מאָל פינף, טאַקע די זעלבע דירה. וואָרום כאָטש בעדונגען איז פינף גילדען, פונדעסטוועגען נעהמען ביי איהר די באַלעבאַטים אַ סך מעהר.

די מעשה דערפון איז, וואָס לאה איז ניט בעהאַוועט אין לוח, און די באַלעבאָסטע קומט צו איהר בעטען דירה געלד פאַר אַ חודש, ווען עס איז באמת נאָר אַריבער דריי וואָכען, און אַמאָל טאַקע מעהר ניט. ווי צוויי... אַ חוץ דעם טרעפט, אַז מען גנב'עט פשוט ביי איהר אַרויס פון זאָק גאַנצע רובלס. לאה ווייס נאָר, וויפיעל זי קלייבט, און וויפיעל מען גנב'עט ביי איהר ווייס זי קיינמאָל ניט; וואָרום קיין בוכהאַלטעריע פיהרט זי ניט.

דערפאַר איז אָבער „לאה די גבאי'טע" מאָדנע נעניט אין איהרע „הייזער". איהר דיסטריקט (ראַיאָן) איז שטרענג צוטיילט נאָך די טעג פון וואָך. אַלע הייזער און קראָמען, וועלכע זי געהט אַרום, האָבען ביי

מעהר פון מיטלייד און רעספעקט צו איהרע יאָהרען, (זי איז אלט א יאָהר־הונדערט) ווי צו איהר פערזאָן.

פון מיין געשפרעך מיט איהר, האָב איך פערשטאַנען, אז דאָס געפיהל פון מענשענווירדע, איז דאָך ביי איהר ניט אזוי שוואך, ווי מען מיינט. זי פיהלט זיך טיעף געקרענקט פון דעם, וואָס די קינדער מאַכען פון איהר שפאס אין די הייזער און קראָמען, וואוהין זי שווימט אריין נאָך א נדבה. זי איז אָבער ניט פעהיג זיך אנדערש אוועקצושטע־לען. און האסענדיג, פיליכט, אין הארצען, די וואָס גיבען איהר די נדבה מיט בזיונות, ליידט זי דאָך די בעליידיגונג, ניט קענענדיג זיך אָבזאָגען פון איהר טעטיגקייט. נאָך אן אונטערשייד איז דאָ צווישען דבורה אסתר־ן און לאה די גבאי־טע. יענע איז געווען א קינדערלאָזע, און די האָט קינדער. און אָט דאָס דאַרף איהר אויפהויבען ביי אונז אין די אויגען, ווייל דאָס ווייזט, אז ניט דער "קדיש" און "יענע וועלט" אליין שפילען א ראָלע אין איהר "מצוות טאָן", נור א נאַטירליכער אינסטינקט צו געזעלשאפטליכער ארבייט, וועלכע זי פערשטעהט און פיהרט אויס, נאַטירליך, אויף איהר שטייגער.

לאה די גבאי־טע לייקענט איהרע יאָהרען: עס קען זיין, אז זי האָט אָנגעוואָרען דעם רעכענונג: זי געדענקט ניט אקוראט, וויפיעל עס כאַפּט אריבער די ניינציג. און עס קען זיין, אז זי האָט מורא פאר "עין הרע". דעריבער האַלט זי זיך שוין פון א יאָהר צעהן פאר דער גלייכער צאָהל—"ניינציג". דער מאן איהרער, לאה די גבאי־טעס, איז געווען א ניקאָלאיעווסקער סאָלדאט, און האָט דעם גאַנצען לעבען, נאָך דער סלוזשבע און נאָך דער חתונה געדרעהט די ראָד אין א דרוקעריי. דערפאר האָט ער זיין גאַנצען לעבען בעקומען דריי רובל א וואָך. און דערפון האָט מען געלעבט. געשטאָרבען איז איהר מאן שוין לאַנג, בשעת זי האָט געהאַלטען ביי זיבעציג. די קינדער זענען זיך אויך שוין לאַנג צו פאָהרען—זי איז געבליבען אליין. און פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרען "לאה די גבאי־טע". ווי אזוי לאה, נאָך איידער זי איז געוואָרען די "גבאי־טע", האָט זיך איינגעבירגערט צו לעבען מיט א געזינד, אויסצוהאָדעווען און אויסצוגעבען קינדער און דערלעבען

# לאה די גבאי'טע.

דאָס איז געווען אַ מין דבורה אסתר, וועלכער איז שוין דעם לעצטער בעקאַנט, נור נאָר אויף אַן אנדער שטייגער. דבורה אסתר איז געווען אַ חכמה, אַ קאָפּ־מענש, אַ אידעאַליסטין מיט אַ ברייטען קוק אויף איהר ראָלע און בערוף פאַר אָרימע און ליידענדע. כאָטש זי איז געווען אַ פּראָסטע יודענע. לאה די גבאי'טע, דאַגעגען, איז אַ תמ'עוואַטע יודענע, האָוועט כאָטש אַרום טאָג און נאַכט, קלייבענדיג איהרע קאָפּיקעס און גראָשענס, געהט אָבער ארויס פון אַן ענגערען, מעהר עגאָאיסטישען שטאַנדפּונקט: זי האָט איהר גאַנצען לעבען אויף דער ערד דאָ געליטען, וויל זי זיך אָנגרייטען, אַ פעטען „חלק" דאָרטען, אויף יענער וועלט.

און דעריבער איז די בעציהונג פון נאָוואָגראָד (דער „רעק" פון דער יודישער ווילנא) צו לאה דער גבאי'טע, אַ גאַנץ אַנדערע, ווי זי איז געווען צו דבורה אסתרן. צו דער לעצטער האָט מען געהאַט אַ טיפען רעספּעקט אין אלע הייזער, סיי די וואָס האָבען איהר געגעבען, סיי די וואָס האָבען ביי איהר גענומען. מען האָט געהאַט אַ רעספּעקט צו איהר פּערזענליכקייט אליין, גאַנץ אומאבהענגיג פון איהר טעטיגקייט. לאה די גבאי'טע האַלט מען פאַר אַ צודרייטע. יונגלאַך טרייבען מיט איהר קאַטאָוועס, גרויסע פּערברענגען מיט איהר ניט, ווי מיט אַ מענשען, נאָר מען וואַרפט איהר צו דעם גראָשען, צי די קאָפּיקע.

װעלט אױך די ייִדן װעלן מוזן אנערקענען, אַז איך בין אַ נביא, געשיקט פֿון גאָט צו ברענגען די גאולה; אַז איך בין „משיח בן דוד“.

אױפֿן קאָנגרעס האָט ער געװאָלט אַרױסטרעטן מיט גרױס פּאַראַד. דאָס האָט זיך איהם אָבער ניט אײַנגעגעבן.

זײַנע נביאות איז ניט מקוים געװאָרען. דאָס פֿאָלק האָט איהם ניט אנערקענט. און דאָס איז נאַטירליך: די צײַט פֿון אַלײַנגערופֿענע משיחים איז שױן לאַנג אַװעק.

ערוועהלט פון דעם גאנצען יודישען פאָלק, און אַן דער שפּיצע פונ'ם סנהדרין וועל איך מיר בעגעבען צום סולטאַן. איך וועל ניט געהן מיט הערצעל'ס וועג. ניט מיט דיפּלאָמאַטיע, און ניט מיט שוחד וועלען די יודען ערלעזט ווערען, ווי אין פסוק שטעהט: „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו". דאָס הייסט: אומזיסט זייט איהר פערקויפט געוואָרען און ניט מיט געלד וועט איהר אויסגעלעזט ווערען. איך וועל פאָדערן פונ'ם סולטאַן און פון אלע מלוכות ארץ ישראל אומזיסט.

דאָ האָט ער מיר ערקלערט, ווי אַזוי די מזרח-פּראַגע מוז ברעננגען דערצו, אַז „ארץ ישראל" וועט אָבגעגעבען ווערען ווידער צו יודען; אַז קיין מלוכה קען זי ניט בעקומען, ווייל יעדע, וויל זי. ער האָט גערעדט ווי אַ מענש, וואָס האָט פיעל געלעזען און איז גוט בעקאַנט מיט דער פּאָליטיק פון דער מזרח־פּראַגע.

— ווי אַזוי רעכענט איהר צו בויען דעם יודישען שטאַאַט? האָב איך איהם געפרעגט.

— איך בין איינפערשטאַנען מיט פּראָפעסאָר אָפּענהיימער — האָט ער געזאָגט.

דאָס לאַנד דאַרף זיין נאַציאָנאַליזירט, געהערען צו דער גאַנצער נאַציאָן, וועלכע וועט זי פערטיילען צו איינצעלנע געמיינדען, אָבער ניט אויף אייביג.

— ווי דענקט איהר דאַרט צו לעזען די ארבייטער־פּראַגע? און וואָס דענקט איהר וועגען סאָציאַליזם? — האָב איך ריזיקירט צו פרעגען.

— ביי אונז וועט עס ניט געבען קיין ארבייטער־פּראַגע, אלעס וועט בעלאַנגען צום פאָלק — האָט ער מיר רוהיג געענטפערט. סאָציאַליזמוס?.... יע, סאָציאַליזמוס איז אַ שענע אידעע. אָבער... מיר יודען דאַרפען זיך ניט מישען... „דינא דמלכותא דינא", קיין סאָציאַליזמוס! קיין סאָציאַליזמוס!

— און וואָס וועט איהר טאָן, אַז מ'וועט אין אייך ניט גלויבען? האָב איך ענדליך געפרעגט.

— דאַן, דאַן—וועל איך אוועקגעהן אַ זייט און וואַרטען, וואַרטען, ביז עס וועט קומען די צייט... וואָרום די צייט מוז קומען און די גאַנצע

מאכט. ער אליין האט געהאלטען הערצלען פאר „משיח בן יוסף" און זיך פאר „משיח בן דוד". ווי עס איז ידוע פון דער יודישער לעגענדע, דארף פריהער קומען „משיח בן יוסף", ער וועט זיך מיהען ארויסנעהמען די יודען פון גלות. אבער דאס וועט איהם ניט געראטען, און ער וועט אומקומען. אבער וואס עס איז ניט געלונגען „משיח בן יוסף", דאס וועט געלינגען „משיח בן דוד" — דאס הייסט — איהם, וועלכער רופט זיך בנימין הצעיר.

איך האב איהם געבעטען, ער זאל מיר ערקלערען, ווי אזוי ער איז געקומען צום געדאנק, אז ער איז „משיח", און ווי אזוי קען ער דאס אנדערע איבערציינגען.

— איהר ווייסט דאך, — האב איך געזאגט, אז היינטיגער דור איז געוואָרען אפיקורסיש, און אזעלכע זאכען לאזט מען זיך ניט לייכט איינרעדען

— וועל, — האט ער געענטפערט מיט אן ענגלישען ווארט — אזעלכע זאכען לאזען זיך אבער ניט איבערציינגען. אין דעם מוז מען גלויבען. איך בין א נביא; ניט ווי משה רבינו, נאר ווי די קלענערע נביאים, מיט וועלכע גאט רעדט אין חלום, ווי דער פסוק זאגט, „בחלום אדבר בו". מיר האט גאט אין חלום א סך זאכען געוויזען. איך האב זיי פאראויס געזאגט און אזוי איז געווען. איך האב געשריבען בריף צום סולטאן, צום רוסישען, צום דייטשען קיסר, צו פלעהווען, און האב פערלאנגט מ׳זאל מיר צולאזען ריידען מ׳ט זיי און ערקלערען זיי מיין שליחות.

נאר איך האב פון זיי קיין ענטפער ניט דערהאלטען.

ווענען זיין שטאמען פון „בית דוד," זאגט ער, אז ער האט אויף דעם יחוס־בריף אין זיין פאמיליע, אז זי קומט ארויס פון „רש״י", וועלכער קומט ארויס פון „בית דוד".

— ווי אזוי דענקט איהר פראקטיש אייער פלאן אויספיהרען צו קענען? האב איך איהם געפרעגט.

— ווען די יודען וועלען אין מיר גלויבען — האט ער מיר גאנץ ערנסט און רוהיג געענטפערט — דאן וועל איך זעצען א סנהדרין

קאָרעספּאָנדענטען, וואָס זענען אויסגעגאַנגען דערוויילע אָהן א שטאָך ארבייט, א גרויסע געפינס. מען האָט זיך א לאָז געטאָן אונגעזאַמט צום נייעם „משיח". דער אינטערעס איז געוואָרען נאָך שטאַרקער דערפון, וואָס עטליכע סטודענטען האָבען געזאָגט, אז דאָס איז ניט קיין גע־וועהנליכער פאַנטאַזירער, נאָר א מענש מיט בילדונג, וואָס האָט בעזוכט די היידעלבורגער אוניווערזיטעט.

איך האָב געוואָלט מיט איהם נעהענטער בעקאַנט ווערען און — בעזוכט איהם אויף זיין קוואַרטיר. איך האָב איהם געטראָפען איינעם אליין אין זיין צימער און געהאַט מיט איהם א לאַנגען געשפּרעך. ער האָט געהאַט א סימפּאַטישען אויסזעהן און געמאַכט אַן אַנגענעהמען איינדרוק. ער איז אַלט געווען, לויט ווי ער אליין האָט געזאָגט, פינף און פערציג יאָהר, נאָר האָט אויסגעזעהן ניט מעהר ווי עטליכע און דרייסיג. געקליידט איז ער געווען אין א לייכטען ווייסען וואָלענעם זומער־אנצוג מיט א פּערסישע יאַרמולקע. ווען איהר רעדט מיט איהם, מאַכט ער אויף קיין פאַל ניט דעם איינדרוק פון א אומנאָרמאַלען מענשען. ער האָט בעזעסען זעקס שפּראַכען און גערעדט זעהר גוט פראַנצויזיש און ענגליש. אליין איז ער פון שוואַבאַך, א שטעדטעל אין בייערן, דייטשלאַנד. האָט א פרוי, נאָר לעבט מיט איהר ניט. האָט פערבראַכט א סך יאָהרען אין ענגלאַנד, אלס אנגעשטעלטער אין ענגלישע האַנדעלס־הייזער; צייטענווייז האָט ער געגעבען אונטערריכט אין זינגען. די לעצטע עטליכע יאָהר האָט ער פערלעבט אין פּאַלעסטינא. דאָרטען, אין ירושלים, איז איהם געקומען דער געדאַנק, אז ער איז משיח. העברעאיש און די תלמודישע ליטעראַטור האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו לערנען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. דאָס איז אלץ וועגען זיין פּערזאָן. וואָס אנבעלאַנגט זיין ראָלע, אלס „משיח", איז ער'אין איהר ארויסגעטראָטען עפענטליך, יעצט, צום ערשטען מאָל, אויפ'ן קאָנגרעס אין באַזעל. נאָר האַלב עפענטליך האָט ער זיך שוין געלאָזט מעלדען פריהער א סך רבנים, און גלאַט ציוניסטען, אויך הערצלען און נאָרדאו, וועלכע האָבען איהם ניט געוואָלט אנערקענען — ווי ער ערקלערט מיט א טרויעריגען געמיט — כאָטש ער האָט גאָר ניט געמיינט אָבצונעהמען ביי הערצלען די

# „משיח בן דוד.“

דאָס איז געווען אויפ'ן זיבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, אין יאָהר 1905.

דער קאָנגרעס איז נאָך ניט געווען געעפענט. דער גאַנצער קאָנגרעס-עולם איז נאָך ניט געווען אָנגעקומען. די קאָרעספּאָנדענטען פון פערשידענע צייטונגען זענען שוין אָבער געווען אויפ'ן פּלאַץ. אויף די וואנד פון די קאָרידאָרען אין קאָנגרעס זאל, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אנאָנסען: וועגען א סעריע לעקטשורס, וואָס פּראָפעסאָרען פון שווייצער אוניווערזיטעטען ווילען פאָרלעזען אין באזעלער אוניווערזיטעט איבער פּאַלעסטינא; אנאָנסען איבער א מיטינג פון די טעריטאָריאַליסטען, סאָציאַליסטען־ציוניסטען, פון די פּועלי ציון; א פּראָגראַם פון די ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך; א מודעה פון א יודישען רייזענדער־קלוב לעבען דעם בארג סיני, וואָס האָט דעם צוועק צו ווייזען די רייזענדע—ארץ ישראל און, ספּעציעל ירושלים. די מערקווירדיגסטע אנאָנסע איז אָבער געווען פון א פּערזאָן, וואָס האָט זיך גערופען „בנימין הצעיר“, האָט זיך אויסגעגעבען פאר „משיח בן דוד“ און זיך אָנגענומען אָבצונעהמען ביים טערק „ארץ ישראל,“ אויב די יודען וועלען אין איהם גלויבען און אויסריכטען איהם צום סולטאַן אין זייער נאָמען.

צוא „סחורה“ איז, פערשטעהט זיך, נעווען פאר די

ביירע קינדער. איין קינד שלאָפט אפילו מיט איהר ביי אונז אין קאמער. מיר קאָסט — מעהר ווי אכט.

— לעגט איהר דאָך צו?

— מסתמא!

— צו וואָס זשע דארפט איהר דאָס?

— איך וויים? פרעגט זיך ביי איהר! איך האָב שוין נעהאַט וואָס צו טאָן: איך דארף ניט דיינע פרנסות! זאָל זי, די באַלעבאָסטע, אָבגעבען די קינדער אין פריייום! ניין! וויל זי ניט, זי איז שוין צוגע־וועהנט —זאָגט זי—צו די קינדער.....

זי האָט זיי ליעב, קען זיך פון זיי ניט שיידען. דערצו: דארף זי, פערשטעהט איהר מיך, ווייזען, אז זי איז אויך א פערדינערקע... ליעב האָט זי די קינדער, ווי דעם לעבען... מיין דאגה איז דאָס... האָלט זיי... אבי לאָז מיך צו רוה..... זאָל זיין שלום.....

משיח, במהרה בימינו.....

נור, אז מען רופט אייך „שלום", אַט דאָ שיינט „אליהו הנביא" אויף; עס שטראַהלען זיינע אויגען מיט אַ גליק, ממש נים אויסצודריקען. דער פסוק איז גלייך אויפ׳ן צונג.

— שלום ? אַ־אַ־אַ ! שלום, שלום לרחוק ולקרוב, אמר אדיישעם...

— שלום דעם נאָהענטען, שלום דעם ווייטען. עס וועט קומען משיח און וועט ברייננגען שלום אויף אלע יודען.

„אליהו הנביא" דער דריטער איז אויך אַ שדכן. אָבער נים פון געצאָהלט וועגען, נור כדי צו פערדינען אַ מצוה. בעצאָהלט מען עפּעס — מהיכא תיתא. אז נים, איז ער צופרידען שוין דערמיט, וואָס ער האָט צוגעהאָלפען דעם „השם יתברך" אין „מזוג זווגים" זיין. אבי דאָס פּאָר פאָלק זאָל נור האָבען אַ גוט לעבען און עס זאָל זיין ביי זיי שלום,

ליידער, כאָטש דער גאַנצער אינהאַלט פון „אליהו הנביא׳ס" פּיהלען און דענקען איז נור „שלום", איז ביי איהם אַליין אין שטוב ניטאָ קיין שלום. ער האָט אַ פינסטערע „מערכה" פאַר זיין ווייב. זי שילט איהם און וואָגעלט איהם אוים פון וואָרצעל. ער גיט איהר דריי רובל אַ וואָך אויף דער הוצאה. אַ חוץ דעם גיט ער בעזונדער אויף שבת, אויף יום־טוב; צאָהלט שכר למוד פאַר׳ן יונגעל. אַן עלטרן בחור האָט ער — אַ מאַלער; אַ מיידעל—אַ שניידערקע. ביידע פערדינען. פונדערסטוועגען זענען זיי ביי איהם. אַ חוץ דירה און עסען העלפט ער נאָך אמאָל זיי אוים אויף אַ בגד, אויף אַ פּאָר שיך. די גאַנצע פאַמיליע וואוינט אין אַ קאַמער פאַר דריי רובל אַ חודש.

— און די ווייב אייערע טוט גאָרנישט ? — האָב איך געפרעגט „אליהו הנביא", בעגעגענדיג איהם ביי אַ בעקאַנטען.

— זי טוט ! ווי זשע ! האַלט צוויי פרעמדע קינדער, קליינע, דער באַלעבאָסטעס. טאָקע פון דער קאַמער, וואו מיר וואוינען. זי, די באַ־לעבאָסטע, נעהמט אין פאַבריק ארבייטען; לאָזט זי אויף מיין ווייב די קליינע קינדער.

— וואָס האָט אייער ווייב דערפון?

— וואָס האָט זי? אַ רובל אַ וואָך! פיער רובל אַ חודש פאַר

דעם שיקאגא'ער „נביא". ער האָט זאָגאר גאָר קיין אָנהענגער נים, ווען מען זאָל נים רעכענען די שטוהל-ברעטלעך וואָס הענגען ביי איהם אויפ'ן פּלייצע....

„אליהו הנביא" דער דריטער בענוגענט זיך, איבעריגענס, מיט אַ סך ווינציגער ווי „אליהו הנביא" דער צווייטער. ער דאַרף—זאָגט ער—מעהר נים האָבען ווי פינף־זעקס רובל אַ וואָך. און ער מאַכט דאָס. פעהלט ארבייט, שעמט ער זיך נים צו בעטען אַ קאָפּיקע. און דער עולם נים. וואָרום מען ווייס, אַז כל זמן „אליהו הנביא" קריגט די קאָפּיקע דורך פּראַצע, וועט ער נים בעטען קיין נדבה.

קיין למדן איז גאָר נים „אליהו הנביא" דער דריטער. בין מנחה למעריב און נאָך מעריב איז ער אפילו תמיד אין שוהל און הערט, ווי מען לערנט. אָבער קיין גאַנצע ענינים: ציפּון „עין יעקב" ציפּון „מדרש", צי אַזוי פון אַ מוסר ספר בענעהמט נים זיין קאָפּ. נור אַ פּסוק האָט ער ליעב. אי, האָט ער ליעב אַ פּסוק! איהם ארט נים וואָס פאַר אַ פּסוק. ער וויים נים, וואו דער פּסוק שטעהט, ווי אַזוי און פון וואַנען ער איז צו איהם געקומען. אָבי ער האָט גוטע ווערטער. איבערהויפּט האָט ער ליעב אַ פּסוק, וואו עס איז פאַראַן דאָס וואָרט „שלום", וואו עס איז דאָ אַ וואונק אויף דער גאולה, אויף ישועות פאַר יודען. אַז אימיצער רעדט מיט איהם, פרעגט ער, די ערשטע זאַך: ווי רופט מען איחם. און אויף יעדען נאָמען האָט ער שוין גלייך אַ פּסוק, וואָס איז מיט איהם פערבונדען, וואָס האָט אין זיך אַ גוט וואָרט. אַז איינעם רופט מען: אברהם, יצחק, יעקב, דוד, משה, שלמה—איז דער פּסוק גלייך אויפ'ן צונג. נאָר מאָמער רופט מען אייך „מאָררעס", וועט „אליהו הנביא" אייך נים אראָבנעפאַלען. איז נימאָ קיין פּסוק, איז פאַראַן גלאָט אַגוט וואָרט.

— ווי רופט מען אייך?

— מאָררעס.

— מאָררעס?... „אליהו הנביא" בלייבט אַ פערטעל מינוט אין פערלעגענהייט. „מאָררעס?"... נו, נו, עס מאַכט נים אויס... דער איבערשטער וועט געבען גוטס אייך און כל ישראל. עס זאָל קומען

„אליהו הנביא" דער דריטער ווייס פון די „קאָמוניסטען"; ער ווייס אויך, וואָס זיי ווילען. זיי ווילען אויך, עס זאָל זיין שלום, זאָגט ער. אָבער זיי, די „קאָמוניסטען" ווילען דאָס מאַכען אַליין, מיט דער נאַטור, און איך וועל דאָס אַראָפּברענגען „מן השמים". ווארום—זאָגט ער— אַז דאָס וועט זיין „מן השמים" וועט שוין דאָס ניט אָבגעמאַכט ווערען צוריק. פערפּאַלען! האָרושע!...

און דעריבער וויל ער, אַז מ׳זאָל זיין פרום. און ניט אַזוי פרום, ווי גוט. און דער עיקר: עס זאָל זיין שלום.

דער הויפּט שלום דאַרף זיין צווישען מאַן און ווייב. און „אליהו הנביא" דער דריטער לעגט זיך אַריין מיט אַלע קרעפטען צו מאַכען שלום צווישען מאַן און ווייב. און, חלילה, ער שרייט ניט, ער בייזערט זיך ניט. ער רעדט נאָר מיט גוטען, ער בעט זיך, אַז זיי זאָלען ניט אָבהאַלטען די גאולה דורך זייער קריג, ווארום משיח איז שוין נאָר נאָהענט, גאָר נאָהענט, און אַז ער וועט קומען און זעהן, ווי מאַן און ווייב קריגען זיך, וועט ער געוויס אוועק צוריק.

אַז ער קומט אַריין אין אַ שטוב פרעגען אויף ארבייט, וואו דער מאַן וויל יע געבען פעררריכטען אַ שטוהל און די ווייב ניט, צי פאַר־קעהרט: זי טראָגט איהם אַרויס פערריכטען דעם שטוהל און ער, דער מאַן, איז דאַגעגען,—וועט ער שוין דאָ אויף קיין פאַל ניט נעהמען די ארבייט. ביידע מוזען איינשטימען: אי מאַן, אי ווייב

זיין פּראָפּאַגאַנדע פיהרט „אליהו הנביא" אומעטום: אי ביי יודען, אי ביי קריסטען. קריסטען האַלטען איהם פאַר אַ מין הייליגען, האַלטען פון איהם מעהר, ווי יודען, און גיבען איהם גערן ארבייט. יודען לאַכען פון איהם. די יונגערע האַלטען איהם פאַר אַ תם. די עלטערע—פאַר אַ האַלבען משוגענעם, און מ׳גיט איהם ארבייט, צו אַמאָל אַ קאָפּיקע—פון רחמנות.

און „אליהו הנביא" דער דריטער האָט אַ סך ווינציגער אָנהענ־גער אין ווילנא, ווי דער בעריהמטער ד י י ו ו י, אין אמעריקא, וואָס האָט זיך אויסגעגעבען פאַר „אליהו הנביא" דעם צווייטען. כאָטש אַלס מאָראַלישע פערזענליכקייט איז דער ווילנער אַ סך העכער פאַר

זיך: נעהמט ווי פיעל מען נים. א פערציגער—איז א פערצינער; א גריוונ

איז אויך א מטבע.

די שטוהלען־אפעראציעס זענען אבער ביי „אליהו הנביא״ דעם דריטען א ביי־זאך. דער עיקר אויפגאבע פון זיין לעבען איז צו זעהן, אז ביי יודען זאל זיין שלום און אחדות. ווארום שלום—זאגט ער—איז דער איינציגער מיטעל צו דערנעהנען די גאולה, אראבצוברייגגען משיח׳ן.

וואוהין „אליהו הנביא״ דער דריטער קומט, זאגט ער אן, אז עס איז משיח־צייט, אז משיח נעהט און ער וועט שוין גאר אין גיכען קומען. עס האלט איהם נור אויף, וואס ביי יודען איז קיין שלום ניטא. „יודען—שלום! גוואלד, שלום!״ שרייט ער, בעט ער זיך.

און בשעת ער רעדט וועגען משיח׳ן און משיח־צייט, בשעת ער אגימירט וועגען שלום, וועגען די גרויסע מעלות פון שלום—שטראהלען זיינע סארע קינדישע אויגען מיט גליקזעליגקייט; זיין גאנצער פנים שיינט און יעדער שטריכעלע פון זיין געזיכט טאנצט פון שמחה. ער קומט אריין אין א מארנע התפעלות, און וואס ער רעדט אלץ מעהר וועגען „יענער שענער צייט״—„משיח־צייט״ אלץ מעהר קומט ער אריין אין א שטילער אבער טיפער התלהבות, וואס ענדיגט זיך געוועהנליך מיט א לאנגען, נעצויגענעם „א־א־אא!...״ און דעם „א־א־א־אא!...״ רעדט ער ארויס אזוי ווי איינער, וואס האט גאר וואס גענעסען א געשמאקען מאכל, אזא מאכל, וואס ער האט אזוינס אויפ׳ן לעבענס־טאג נים פערזוכט.

דער עולם רופט איהם „משיח״. גאר ער איז דערפאר ברוגז. ער איז נים „משיח״, זאגט ער, נור דער „מבשר״ דער אנזאגער, אז משיח האלט אין געהן, און מען זאל זיין גרייט.....

ווי אזוי און ווען איהם איז אריינגעפאלען אין קאפ די „מיסיע״ די „שליחות״ אנצוזאגען, אז משיח נעהט, ווייס מען נים. „נתגלה״ געווארען איז ער אין דערזעלבער צייט, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען, לויט זיין אויסדרוק, גרויסע „ספרייקען״ און „לימעסטראציעס״; ווען די יונגע חברה, די „קאמוניסטען״ האבען געוואלט די „וועלט איבער־קעהרען״, די גאולה ברענגען.

# „אליהו הנביא״ דער דריטער.

איך פלעג זיך בעגעגענען מיט איהם ניט זעלטען, מיט „אליהו הנביא״ דעם דריטען, אין די ווילנער גאסען, אָדער ביי א בעקאנטען. פאר אליהו הנביא דעם ערשטען איז ביי יודען גרייט אויף יעדען ברית אַ שטוהל און צו יעדען סדר א כוס. פאר „אליהו הנביא״ דעם דריטען איז ערגעץ ניט אָנגעגרייט ניט קיין כוס, ניט קיין שטוהל. ער זיצט ניט אויפ׳ן שטוהל, נאָר דער שטוהל זיצט אויף איהם.

און ניט איין שטוהל—אַ סך שטוהלען טראָגט ער אויף זיך. וואָרום „אליהו הנביא״ דער דריטער איז אן ארבייטער, איז אַ סטאָליער.

ארבייטען ביי יענעם, ביין ווארשטאַט, קען ער ניט פארטראָגען. מאַכען אליין אַ ווארשטאַט, האָבען אויפ׳ן קאָפּ דעם יאָך און דעם טומעל פון אַ באַלעבאָס, קאָן ער אויך ניט ליידען. ער האָט ליב צו זיין, ווי אַ גאָט׳ס פויגעלע, אויף די פרייע גאסען. דעריבער נעהמט ער אום, גאס איין—גאס אויס, מיט אַ זעקעל געצייג און אַ בינטעל ברעטלעך פון שטוהלען אויפ׳ן פּלייצע, קומט אריין אין די הייזער און שלאָגט פאָר: ווער דאַרף פעררריכטען אַ קאַליקען, אַ הינקענדיגען שטוהל?

און אזוי ווי אין יעדער יודישער הויז איז נעוויס דאָ אַ פּאָר שטוהלען, וואָס הינקען אונטער, אָדער האָבען אַנ׳אַנדער „מום״, און ברויכען אַן אָפּעראַציע, האָט „אליהו הנביא״ דער דריטער תמיד ארבייט. בעזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט קיין „לב״ ניט צו דינגען

ווייס יערערענס יחוס, יערערענס מעלות און חסרונות, בילדונגס־שטופע א. א. וו. מיט איין וואָרט — דאָס איז אַ לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע פון חתנים און כלות. און צוליב די דאָזיגע ידיעות גערעכט איהם לייכט צוצומאַכען זיך צו אַ שדוך און כאַפּען עטליכע רובל.

אַנ׳אָרימאַן פונדעסטוועגען איז ר. דער שדכן — אַ גרויסער, ווי טיפּוס איז געווען אַ רשע. נאָר אַ מוסטערהאַפטער פאַמיליענמאַן.

ווערט ביי איהם גרויס אַ קינד, נעהמט ער עס מיט אין וואַגאָן, אין שיף און פעקעלט עס אַריבער אין אַמעריקא. אַמעריקא — זאָגט ער — איז פאַר יודען דאָס בעסטע לאַנד. און אַז ער זאָגט, מעגט איהר איהם גלויבען. וואָרום ער איז אויסען געווען די גאַנצע וועלט. אַליין פונדעסטוועגען וויל ער זיך ניט בעזעצען אין אַמעריקא. קען זיך בכלל ניט בעזעצען אויף איין אָרט. זיין היים איז דער גאַנצער ערד־קוגעל..

ביבליאָטעק, קורץ אַ מענש, וואָס וואָלט צוגעפּאַסט זיין אונגעוועהנליכע פאַרשטעלונגס-קראַפט צו אַ נוצליכער ארבייט.

אָבער אין דער יודישער גאַס, וואו ניט ער, ניט די ארומיגע מענשען האָבען געוואוסט, וואָס צו טון מיט אזא „כלי", האָט דער „עלוי" זיין ריזיגען זכרון פערקריפּעלט דורך נאַרעל־עקספּערימענטען, האָט אָנגעלאָדען זיין וואונדערליכען מוח מיט טויזענדער אלטע צעטריקענטע בלעטער, אָטראָפירט (געטויט) דעם מאַרך דורך הונ־דערטער טויזענדער בוכשטאַבען אָהן אַ זין. מענשען האָבען איהם אָנגעקוקט, ווי מ׳קוקט אָן אַ משונה־דיגע חיה, און אין בעסטען פאַל, האָט מען איהם צוגעוואָרפען פאַר דער וואונדערליכער פאַרשטעלונג, וואָס ער האָט געוויזען, עטליכע קאָפּיקעס, ער זאָל ניט שטאַרבען פאַר הונגער.

און דער „עלוי" פון „שפּיץ נאַרעל" איז נאָך יונג געבליבען אַ פערקריפּעלטער; האָט צו קיין זאַך ניט געטויגט, און גענומען זיך נעהמען צו שדכנות.

און אפילו צו אָט דער פּרנסה, האָבען מיר געזאָגט שדכנים, טויג ער אויך ניט. אַ שדכן, זאָגען זיי, דאַרף אויך האָבען אַ קאָפּ, אַני־איינפאַל, און ער האָט זיין מוח געשפּטרט, צושטאָכען מיט דער נאַרעל. דער מוח דענקט ניט, נאָר ער טראָגט. שדוכים פיהרט ער ניט אויס זעלבסטשטענדיג. נאָר ער טשעפּעט זיך צו צו אַ שותפות און כאַפּט עטליכע רובל פון אַ שדוך, וואָס אַנ׳אַנדערער פיהרט אויס.

פויל איז ער ניט, דער קורנאָסער שדכן. ער האָוועט און שמייעט און האַלט אין איין פאָהרען. אויף הוצאות גיבען מחותנים. נאָר זיינע שדוכים פיהרט ער ניט אויס. ער האָט ניט קיין גלייכען קאָפּ. דערפאַר האָט ער אויפ׳ן קאָפּ אַלע כלות מיט אַלע חתנים, וואָס אַלע אנדערע שדכנים האָבען אין זייערע ביכלעך. האָט ער איינמאָל געזעהן אַ חתן, אַ כלה, געדענקט ער און קאָן זיי אייך אָבמאָלען מיט אַלע פּיטשעשור קעס: מיט אַלע באָראָדאַווקעס, מיט אַלע סמנים אויף די קליידער, אויף די שיך; מיט אַלע תנועות, מיט יעדער בעוועגונג פון קערפּער. און ניט בלויז חתן־כלה, נאָר אויך מחותנים, שוועסטער און ברידער.

נעדאַנק, וואָס דאַרט לינט אינ'ם בלאַט גמרא, נאָר דאָס בלאַט גמרא אַליין פאַר זיך. וואָס ער האָט נאָר איינמאָל איבערגעזעהן, איז ביי איהם געבליבען אין מוח. אָט אַזוי האָבען זיך אויפגעקליבען אין זיין מוח טויזענדער בלאַט גמרא. אַז איהר זאָגט איהם נאָר איין וואָרט, דאָס ערשטע, אָדער לעצטע וואָרט פון אַן „עמוד" גמרא, זאָגט ער אייך גלייך ניט בלויז אין וועלכער „מסכתא", וועלכען „פּרק", וועלכען „עמוד" דאָס וואָרט שטעהט; ער זאָגט אייך דעם גאַנצען עמוד הין און צוריק, די ווערטער אַרויף און אַראָב, — אין וועלכער אָרדנונג איהר ווילט. איין וואָרט מאַכט פאַר איהם לעבעדיג דאָס גאַנצע בלאַט, שטעלט איהם אַוועק פאַר די אויגען, און ער לעזט עס, ווי עס וואָלט שטעהן ווירקליך פאַר איהם.

נאָר דאס איז נאָך ווייניג. דאָס אונבעגרייפליכסטע פון זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט איז, וואָס, ווען איהר עפענט אַ גמרא, שטעקט אַריין אַ נאָדעל אין וועלכען עס איז בלאַט, אויף אירגענד וועלכען בוכשטאַב, זאָגט ער אייך גלייך אויף וועלכען בלאַט, וואָרט און בוכשטאַב דער שפּיץ פון נאָדעל האָט זיך אָבגעשטעלט און וועלכע ווערטער און בוכשטאַבען די נאָדעל איז דורכגעגאַנגען.

איהר זעהט אַלזאָ, אַז ניט אומזיסט רופט מען דעם קורנאָסען שדכן: „דער גאון פון שפּיץ נאָדעל". מיט זיין וואונדערליכער פאָר־שטעלונגס-קראַפט האָבען זיך פעראינטערעסירט אַלע גרויסע רבנים, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען-פּסיכאָלאָגען אין רוסלאַנד און אין אויס־לאַנד. מ'האָט געמאַכט איבער איהם עקספּערימענטען; ער האָט געגעבען עפענטליכע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען אַלעמען איבער־ראַשט: אי איינפאַכע מענשען, אי וויסענשאַפטס-מענער. ער האָט פון אַ סך גרויסע רבנים און פּראָפעסאָרען בריף, וועלכע בעשטעטיגען און בעוואונדערען זיין פענאָמענאַלע פאָרשטעלונגס־קראַפט.

ווען דער „גאון פון שפּיץ נאָדעל" ווערט געבאָרען ניט אין דער יודישער גאַס, וואָלט פון איהם אפשר אַרויסגעוואַקסען אַ גרויסער דיכטער, אַ קינסטלער, אָדער אַ געניאַלער טעכניקער. אין עקסטען פאַל — אַ מערקווירדיגער ביבליאָגראַף, אַ פיהרער פון אַ גרויסער

פערטראָגען, מיט אזא טאָן, אזוי ווי איהר וואָלט איהם איבערגעריסען אין גאַנץ ווייס ווּעלכע טיפע געדאַנקען.

אזוי דוכט זיך אייך, בשעת איהר רעדט מיט איהם. אין אמת׳ן, אָבער האָט ר. דער קורנאָסער שדכן, גאָר ניט קיין טיפע רעיונות. איך צווייפעל, אויב ער האָט בכלל „רעיונות״.

וואָרום כאָטש ר., דער קורנאָסער שדכן, איז אומעטום בעריהמט פאַר אַ געוועזענעם עלוי, און ער האָט איבערראַשט מיט זיינע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, אי רבי יצחק אלחנ׳ען, אי צרוק הכהן פון פּאַריז, אי ראַבינער הילדעסהיימער פון בערלין און די גרעסטע וויסענשאַפטס־מענער פון אייראָפּא, פונדעסטוועגען איז זיין געדאַנק בכלל ניט טיפער פון יעדען אנדער שדכן, און ער אינטערעסירט זיך אין אלגעמיין וועניג מיט הויכע ענינים, סיי אין דער גמרא, סיי אין השכלה, סיי אין וועלט־זאכען. ווייבער רופען איהם אפילו די „באָבע״ פאַר זיינע „ניין מאָס רייד״. און בשעת ער פיהרט אַ געשפּרעך מיט די ווייבער, קען ער, פערטראָגענערהייד, אריינריידען וועגען אַ קאָצערע, אַ לאָפּעטע, קורץ, וועגען אַלץ, אויף וואָס זיין אויג פאַלט, בשעת ער רעדט.

ר.׳ס „גאונות״ בעשטעהט אין אַ פענאָמענאַלען (וועלטענעם, וואונדערליכען) זכרון. ער האָט אַן אונגעהויערע, אונבעגרייפליכע פאָרשטעלונגס־קראַפט. זעהט ער איינמאָל אַ זאך, וועט ער עס געדענקען זיין גאַנצען לעבען מיט אַלע איינצעלנע, פאַר דאָס געוועהנליכע אויג פערלאָרענע, שטריכען. גיט איהם אַ בוך צו לעזען, וועט ער דאָס געלעזענע בלאַט — כאָטש אַ חוץ די אותיות, מעג דער אינהאַלט, די שפּראַך איהם זיין אונבעקאַנט — צומאַבענדיג די אויגען, אייך איבערזאָגען, און ניט איבערזאָגען בלויז, ווי ער האָט עס געלעזען, נאָר הין און צוריק, ארויף און אראָב די שורות. דאָס בלאַט שטעהט איהם פאַר די אויגען אַ לעבעדיגס, ווען ער וויל נאָר ארויסרופען אין זינען די פאָרשטעלונג דעריבער.

בשעת ער איז געווען אַ קלויזניק, אַן עלוי, אין דער ישיבה, האָט איהם אייגענטליך אינטערעסירט ניט אזוי דער ענין, דער טיפער

# דער „גאון” פון „שפּיק־נאָדעל”.

נעטראָפפען האָב איך זיך מיט איהם אין מינסק, דאָרט האָט ר רעמאָלט געוואוינט. אייגענטליך בעלאַנגט ער ניט צו מינסק אליין. ער איז „מלא כל הארץ כבודו”, ער איז פול און פּאָפּולער אין דער גאַנצער וועלט. ער איז געווען אין בערלין, און ווינן, אין פּאַריז, און לאָנדאָן, און ניו־יאָרק. ווער רעדט פון אזוינע שטעדט, ווי פּעטערבורג, קיעוו, אָדעס, רינא און אלע גרויסע יודישע שטעדט אין רוסלאַנד — דאָ איז ער אלע ווילע. ער האלט בכלל אין איין פאָהרען. עס טראָגט איהם ווי דער ווינט. היינט איז ער דאָ און איבערמאָרגען אין פּעטערבורג; אין עטליכע טעג ארום אין בערלין, און ווידער אין אָדעס, און ווידער אין קיעוו.

אָט זעהט איהר זיך מיט איהם אין ווילנא. און עטליכע וואָכען ארום בעגעגענט איהר איהם אין וואַנאָן:

— פון וואנען פאָהרט איהר, פּאַניע?

— אָט, פון ניי־ראָק פאָהר איך.

און אוועלכע עס איז פאָר מאַנאַטען צייט איז ער שוין געווען אין ניי־ראָק, און ניו־יאָרק הייסט דאָס, און צוריק אויפ'ן וועג האָט ער זיך נאָך אָבגעשטעלט אין אַ פאָר „קרעטשמעס” אין אייראָפּא.

בשעת ער רעדט מיט אייך, קוקט ער ניט אויף אייך, נאָר ער האלט אויפגעהויבען די אויגען אריבער, און קוקט, דאכט זיך, ערגיץ ווייט, העט אויפ'ן הימעל, אויף די שפּיצען דעכער און ענטפערט אייך

אַ חילפס־אויפרוף פאַר דעם אַלטען „שמידט“. דער אויפרוף איז ניט געבליבען גאַנץ אָהן אַ ווירקונג. מען האָט צוגעשיקט אין דער רעדאַקציע עטליכע רובל, און איך האָב אויף זיך גענומען איבערצוגעבען די געלד שמידט'ן אין האַנד. אָט אַזוי בין איך מיט איהם געוואָרען בעקאַנט.

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט „שמידט“ אַליין און די שרעקליכע אָרימקייט און עלענד אַרום איהם אין זיין פינסטערער, שמוציגער שטוב. אַליין איז ער געלעגען אויפ'ן אויווען, איינגעהילט אין אָניצעס, און האָט גלייכגילטיג געררויבערט זיין פּיפּקע און דערביי געלעזען אַן אַלטען פראַנצויזישען בוך. ווי אַלט און שוואַך און געבראָכען ער איז ניט געווען, איז נאָך זיין האַלטונג געווען מיט שטאָלץ און זעלבסטווירדע. ער האָט ניט בעדאַנקט פאַר די געלד, האָט זיך אויף קיין זאַך ניט בעקלאָגט. נאָר פון מיין בעזוך איז ער געווען צופרידען און האָט מיר גערן מיטגעטיילט ידיעות פון זיין לעבען, וואָס איך האָב זיי דאָ בענוצט.

איך בין מיט שמידט׳ן בעקאַנט געוואָרען עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט. דעמאָלט איז ער שוין געווען אַלט, געגאַנגען איינגעבויגען מיט אַ שטעקען און האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען אַרום מיט זיין רויהען, פילאָזאָפיש־פעסימיסטישען און גלייכגילטיג־פערעכטליכען בליק.

קיין שטונדען האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט. ער איז שוין לאַנג געווען אויס מאָדע. דערנעהרט האָט ער זיך פון נדבות, וואָס ער פלעגט נעהן קלייבען איבער די קראָמען, איך ווייס ניט, ווי אַזוי האָט זיך דער שטאָלצער „דיאָגענעס פון דער יודישער גאַס" געקענט בעשליסען אויסצושטרעקען אַ האַנד. מסתמא איז דאָס איהם ניט גרינג אָנגעקו־מען. אָבער דער עולם האָט איהם קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט. ער פלעגט ניט אַריין אינעווייניג אין קראָם (איבער די הייזער פלעגט ער ניט געהן, בלויז איבער די קראָמען) און האָט ניט אויסגעשטעלט די האַנד און ניט געבעטען, ווי אַנדערע אָרימע לייט. ער פלעגט נאָר האַלב אָנ׳עפען טון די טיר און אַריינשטעקען דעם קאָפּ. גלייך ווי מען האָט דערזעהן שמידט׳ס קאָפּ, האָט מען איהם שוין געטראָגען אַנטקעגען די קאָפּיקע. ער פלעגט ניט בעדאַנקען, אפילו ניט רעדען אַ וואָרט, נאָר אַ מאַך טון די טיר צוריק און אין דערזעלבער פאָזע אַוועק אין דער צווייטער קראָם. געגאַנגען איז ער בלויז צו די, וואָס האָבען איהם געקענט: אַזויגע זענען איבערינגעס געווען האַלב שטאָדט. אָבזאָגען פלעגט איהם קיינער ניט.

צולעצט איז איינינע מינסקער אינטעליגענטען עפּיס געוואָרען: אַ חרפּה צו זעהן דעם אַלטען „שמידט" אין דער ראָלע פון אַ בעטלער. זיי האָבען געוואוסט, אַז דעם אַלטען, אויף זיין שטייגער, פילאָזאָף־אידעאַליסט, דאַרף דאָס קאָסטען ניט ווייניג געזונד און שפיכת דמים. די צאָהל פון זיינע שילער איז אין מינסק געווען אין די הונדערטער. אַ סך פון זיי זענען שוין יעצט געווען דאָקטוירים, סוחרים, בכלל רייכע מענשען. אָט די האָבען זייער אַלטען לעהרער ניט געדאַרפט דערלאָזען צו אַזאַ צושטאַנד.

עמיצער האָט אָנגעשריבען אין דער מינסקער רוסישער צייטונג

פון „שענעם אָרט", דאָס הייסט, פשוט געערדט, פון „דעק". אזוי איז שוין געווען זיין מנהג. צי איז דאָס געווען ביי איהם א פּראָטעסט קעגען דער בירגערליכער געזעלשאפט, וואָס זי האָט איהם פיינט געהאט און וואָס ער האָט זי פעראכטעט, אָדער פּשוט, ווייל די אָרימסטע באַלעבאטישע יודישע פרוי האָט ניט געוואָלט געהן פאר דעם „משוגענעם אפיקורוס", דאָס איז ניט בעוואוסט. עס איז מעגליך, אז ביידע סבות צוזאמען האָבען דאָ געשפּילט א ראָלע. מיט די ווייבער האָט „שמידט" קיין הצלחה ניט געהאט. ווען א „געפאלענע" האָט זיך יע געקוואפּעט צו נעהמען אזא „נפש", אבי צו פערדעקען די שאנד פון איהר פריהערדיגען אויסגעלאסענעם לעבען און ווערען א באלעבאָסטע, ווי אלע „אָרנטליכע ווייבער", האָט זי אָבער לאנג ניט געקענט אריי־בערטראָגען דעם שנים פון שמידט׳ס לעבען. זיין „אפיקורסות" האָט, נאַטירליך, אזא פרוי ניט געארט. אָבער צום „עולם הזה", וואָס דערצו האָט „שמידט" זיך פערהאלטען מיט פעראכטונג, איז „שמידטיכע", גאָר ניט געווען גלייכגילטיג. בכן, האָט „שמידט" געלעבט מיט זיינע ווייבער נאָר א קורצע צייט. דאָס רוב פלעגט ער זיך מיט די ווייבער אין עטליכע יאָהר ארום נאָך דער חתונה גט׳ען; אנדערע פלעגען איהם בע׳גנב׳ען און אנטלויפען מיט ליובאָווניקעס. איינע פון אָט די ווייבער איז געווען די, שפּעטער איבער גאנץ רוסלאנד בעריהמטע „גאָלדענע הענטיל" — „זאָלאָטאיא רוטשקא", אין רוסיש. מיט איהר זענען פול געווען, די רוסישע קרימינעלע כראָניקעס און מיט איהרע קרימינעלע מעשים האָבען געקלונגען אלע רוסישע בלעטער. זי איז אויך געעבענט געווען צווישען די העלדען פון סאכאלינער קאטאָרגע. די „גאָלדענע הענטיל" פערנעהמט א וויכטיגען פלאץ אין די סאכאלי־נער טיפען פון טשעכאָוו און דאָראָשעוויטש.

פון עטליכע ווייבער האָט „שמידט" געהאט קינדער: וועגען דער קינדערשער ערציהונג האָט ער ניט געזאָרגט. לערנען זיינע קינדער האָט ער ניט געהאלטען פאר נויטיג. זיין עלטסטער זוהן, וואָס מיט איהם האָט ער שפּעטער געוואוינט צוזאמען, איז געווען אנ׳אויוועך־הייצער אין מינסקער גרויסען בית המדרש.

אויף זיין שטייגער. ער האָט זיך ערלויבט אויסצוגעבן געלד נאָר אויף ביכער, אי דאָס בלויז אויף אַלטע, פילאָזאָפישע, — אין פראַנצויזיש, גרי־כיש, אָדער לאַטיין. פון די נייע פילאָזאָפען האָט ער נים געהאַלטען. די נייע פילאָזאָפען — פלעגט ער זאָגען — בויען זייערע סיסטעמעס אויפ׳ן אויג (עקספּערימענטאַלע פילאָזאָפיע). די אויג קאָן נאַרען. די אַלטע האָבען זיך געשטיצט אויפ׳ן שכל, און דער שכל; פלעגט ער זאָגען, קען קיינמאָל נים נאַרען.

זינט מינסק געדענקט שמידט׳ן, פלעגט מען איהם תמיד זעהן אין דערזעלבינער לאַנגער שמוציגער קאַפּאָטע און אין דערזעלבינער פערשמאָלצעוועטער היטעל, די הויזען אין די כאָליאַוועס. דער פּנים און די הענד שוואַרץ און שמוציג. באָרד און האָר זענען ביי איהם געווען צעפּלאָנטערט, און ער האָט זיי, דוכט זיך, קיינמאָל נים געשאָ־רען און נים געקעמט. עס איז אויך שווער צו זאָגען, צי האָט ער זיך ווען עס איז געוואַשען. קורץ: מיט זיין אויסזעהן איז שמידט געווען ענלי׳ך צו די אָרימסטע יודישע בעטלער, וואָס געהען איבער די הייזער.

און דאָך איז זיין פּנים, זיין גאַנג, זיין גאַנצע פיגור געווען אַזר אָריגינעל, אַז שוין פון ווייטען האָט מען זיך געמוזט אָבשטעלען און בעטראַכטען זיין מערקווירדיגע פּערזאָן.

געהענדיג פלעגט ער האַלטען די אויגען אַראָב, ווי ער וואָלט נים וועלען בעווירדיגען די נארישע „ברואים" אַרום מיט זיינעם אַ קוק.

אין זיין בליק איז געלעגען אַ פינסטערע גלייכגילטיגקייט. ווען ער האָט מיט אייך גערעדט, האָט ער זעהר זעלטען אויף אייך אויפגעהויבען די אויג. און דעמאָלט האָט ער געקוקט שטרענג, און עס האָט זיך אויסגערוכט, אַז שמידט האָט אַלץ און אַלעמען פיינט. נאָר אין דער אמת׳ן האָט ער קיינעם נים פיינט געהאַט, קיינעם נים ליב געהאַט, ער איז געווען צו אַלצדינג און צו אַלעמען — אַ חוץ זיין פיפקע און זיינע עטליכע אַלטע ביכער — גלייכגילטיג און קאַלט, ווי די גלייכגילטיגע קאַלטע נאַטור אַליין.

חתונה האָט „שמידט" געהאַט עטליכע מאָל, און וויבער פלעגט ער, דאָס רוב, נעהמען, ווי דער עולם פלעגט זיך אויסדריקען,

ער האָט זיך בעקעהרט צו דעם נייעם גלויבען פון דער גריכיש־קינישער פילאָזאָפיע, איז אונבעקאַנט, מסתמא זעהר פיעל. נאָר מיט דער אייזערנער פעסטקייט פון אַנ׳אמתין סטאָאיקער האָט ער עס איבער־געטראָגען. אזוי ווי ספינאָזא האָט ער זיך בעזעצט אויסער דעם תחום פון דער יודישער גאַס; האָט זיך געדונגען עק שטאָדט, אין א קריסט־ליכער געגענד, עפּעס אַנ׳אָרים שטיבעל, און האט דאָרטען געלעבט. צום לעבען האָט ער געדאַרפט זעהר ווינציג—וואָרום „שמידט" האָט געקענט אָבקומען מיט טרוקען ברויט און א ציבעלע, טראגען אקאפּאָטע צוואנציג יאָהר, א העמד—א האלב יאָהר, און אויף די שטיוועל האָט ער אליין געלעגט לאטעס פון אויבען און זוילען פון אונטען. בכן איז ער אום קיינעם ניט בעשטאַנען, און דער עולם האָט איהם אין גיכען געלאָזען צו רוה.

נאָר איין זאַך האָט מען שמידט׳ן ניט געקענט מוחל זיין: וואָס ער נעהמט אום מיט דער פּיפּקע „יום כפור" איבער׳ן שטאָדט־גאָרטען. דאָס פלעגט ער טהון ניט מיט א צרלהכעיס, נאָר פּשוט, ווייל ער איז מיט׳ן יודישען יום-כפּור קיין מחותן ניט געווען. ווייסע חברה׳ניקעס פלעגען איהם, פערשטעהט זיך, וואַרפען מיט שטיינער. נאָר „שמידט" פלעגט דערפון ניט נתפעל ווערען, און האָט די פּיפּקע ניט געלאָזען פון מויל. דאָס איז געווען זיין איינציגע ליידענשאַפט.

ביסלעכווייז איז די פיינדליכע שטימונג צו „שמידט׳ען" איבער־געגאַנגען אין נייגירינקייט. א טייל יודישע משכילים האָבען אָפטמאָלס דערוועגט זיך, בשתיקה פון די עלטערן, צו בעזוכען שמידט׳ן אין זיין באַלופּקע. דערנאָך האָט מען ביי איהם אָנגעהויבען נעהמען שטונ־דען אויף דייטש און פראנצויזיש. שמידט האָט געלערנט לויט די אַלטע מעטאָדעס. האָט אָבער ניט געקוקט אויף דער צייט און גענומען וואָלוויל: דריי רובל א חודש פאר א שטונדע.

שמידט האָט אָבגעלעבט אין מינסק א יאָהר פערציג, פופציג, און האָט געצעהלט זיינע שילער אין די הונדערטער. ער האָט זיי געהאַט צווישען אלע קלאַסען. ער האָט פערדינט זיינע פינף, זעקס רובל א וואָך, און דאָס איז איהם געווען איבערגענוג. געלעבט האָט ער שטענדיג

געקוקט אויף שמידט׳ן.

נאָר די מערקווירדיגקייט פון שמידט׳ן איז ניט בעשטאנען בלויז דערין, וואָס ער איז געווען „שמידט״, דאָס הייסט, וואָס ער האָט געקענט שפּראַכען. שמידט איז געווען אַ פילאָזאָף; דאָס איז געווען אַ מין יודישער דיאָגענעס — דער בעריהמטער גריכישער פילאָזאָף פון אלטערטום, וואָס האָט געלעבט אין אַ פאַס. דאָס איז געווען אַ מענש, ביי וועמען דער געדאנק און דאָס לעבען זענען ניט געווען צוויי בעזונדערע זאַכען. בעקומען פון אַ בוך אַ נייע אידעע, האָט ער זי גלייך געמוזט דורכפיהרען אין לעבען. פריהער פון אלץ אין זיין אייגענעם לעבען.

לויט זיין כאַראַקטער איז שמידט געווען אַ גראַד-ליניגער מענש, וואָס ווייס ניט פון קונצען, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין שום פּשרות.

די אלטע גריכישע דענקער, בעזונדערס פּלאַטאָן און אריסטאָטלעס, האָבען אויף זיין גייסט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. נאָך מעהר — די גריכישע קיניקער, יענע אלטע פילאָזאָפען־פּעסימיסטען, וואָס האָבען געזעהן אין דעם לעבען נאָר ליידען, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אלע תענוגים און בעגרענעצט זייערע בעדערפנישען ביז צו אַן׳עקסטרעם. ער האָט זיך איבערגעגעבען אינגאַנצען זייער מאַכט: ער האָט געלעבט בלויז אין דער אלטער גריכישער וועלט, אָבער ניט אין דער וועלט פון דער מונטערער, לעבענס־לוסטיגער גריכישער קונסט, נאָר אין דער אָבגעשיידטער וועלט פון די גריכישע פילאָזאָפען פּעסימיסטען, וואָס זייער שאַרפסטער פאַרשטעהער איז געווען דיאָגענעס.

„שמידט״ איז געווען אַ רב׳ס אַ זוהן, האָט אליין אויך געקענט גוט תלמוד און די אלטע יודישע ליטעראַטור, איז אויך געווען בעקאַנט מיט די השכלה־ספרים פון יענער צייט. נאָר די גייסטיגע וועלט, וואָס אין איהר האָט ער געלעבט, איז געווען אַ היידנישע וועלט. און אויף שמידט׳ן איז ניט שייך געווען צו זאָגען: „ניט פרום״, „אפיקורוס״. דאָס איז געווען אַן׳אלטער גריכישער הייד אין דער יודישער גאַס.

וויפיל „שמידט״ האָט געליטען רדיפות די ערשטע צייט, זינט

# אַיודישער הייד.

דאָס איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפּען, וואָס איהר געפינט אין ווילנער אָדער מינסקער יודישער גאַס. זיין אמת׳ן נאָמען האָט מען שוין לאַנג פערגעסען און גערופען האָט מען איהם „שמידט״. אונטער דעם דאָזיגען נאָמען האָט איהם אין מינסק געקענט קינד און קייט. נאָר זיין אמת׳ער פאַמיליען־נאָמען איז געווען ראָטשטיין. „שמידט״ האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען נאָך דעם פּערפאַסער פונ׳ם בעוואוסטען דייטשען ווערטער־בוך. וואָרום „שמידט״ האָט געקענט אַ סך שפּראַכען, און אזוי ווי אמאָל האָבען יודישע משכילים געלערנט דייטש פון מענדעלסאָנס „תרגום אשכנזי״—דייטשע איבער־זעצונג פון דער ביבעל—אָדער פון שמידט׳ס ווערטער־בוך, האָט מען ראָטשטיינ׳ען אַ נאָמען געגעבען „שמידט״, בעצייכנענדיג דערמיט זיין גרויס געלערנטקייט. לייט האָבען געזאָגט, אַז ער איז קלאָר אין שמידט׳ס ווערטער־בוך פון טאָוועל ביז טאָוועל.

נאָר שמידט האָט אַחוץ דייטש פערשטאַנען אויך פראַנצויזיש, גריכיש און לאַטיין, און האָט געלעזען די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען אין אָריגינאַל. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אַ משכיל, אַ קענער און אַן אפּיקורוס האָט געהייסען דער יעניגער, וואָס האָט געלעזען בלויז „אדם הכהנ׳ס״ שירים, אָדער מאַפּו׳ס „עיט צבוע״. קענט איהר זיך גרינג פאָרשטעלען, ווי אזוי די יודישע גאַס האָט אין יענער צייט

# צעדרעהטע נשמות.

איהר אַ ביס געטאָן, און מיט אַ ביטערן פּאַרוואורף זיך געווענדעט צו מיר:

— איגנאָרענט פּיפּל, יו נאָו, וואַט דעי העוו טו רייז טשאילד? *)

עטיצער האָט נאָכאַמאָל אַטשעפּע געטאָן איהר „בת יחידקע״. דבורה׳לע האָט געכאַפּט אַ בעזעם און מיט געשרייען און גוואַלדען אַ לאָז געטאָן זיך צו יענעם.

דער גאַנצער עולם האָט זיך צולאַכט.

*) אונוויסענדע מענשען, איהר ווייסט; וואָס האָבען זיי צו דעם קינד?

וואָס קיינער פערשטעהט איהר ניט, אויסער שרה׳לען. און שרה׳לע, כאָטש זי איז ניט לאַנג געוועזן אין אמעריקא, פערשטעהט, וואָס דבורה׳לע רעדט צו איהר. פילייכט מיט׳ן בלויזען אינסטינקט.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהר, צו דבורה׳קען, און געוואָלט מאַכען מיט איהר אַ געשפּרעך.

— האַו דו יו דו, מעם? *)—האָב איך מיר פּלוצלונג צו איהר געווענדעט — אי עם ע קאַונטרי-מען אָף יורס **).

מיין „שלום-עליכם״ האָט איהר מאָדנע איבערראַשט. זי האָט ניט ערוואַרט צו הערען דאָ אַנ׳ענגלישען „האַו דו יו דו״ און האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר שטאַרע, העכסט פערוואונדערטע אויגען.

איך האָב איהר געזאָגט: איך האָב געהערט, אַז זי האָט אין אמעריקא אַ מאַן, און אַז דער מאַן האָט זיך מיט איהר ניט אָרענטליך בעגאַנגען.

— אָ, נאָו, נאָו, סערז ***)—האָט זי מיר איבערגעריסען די רייד, אַי העוו נאָטהינג עגעינסט הים, נאָטהינג! ****) הי איז ע נאָבל מען, ע נאָבל מען *****)...

אין מיטען דערינען האָט עמיצער פון די ארומיגע אַ טשעפּע געטאָן שרה׳לען, וועלכע איז געלעגען, ווי אַ צובאַלעוועטע בת־יחיד׳קע, — אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איין האַנד און געקוקט מיט איהרע אונבעוועגליכע שטאַרע אויגען ערגיץ אין אַ זייט, אין הימעל אריין.

דבורה׳קע, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען רוהיג און גערעדט מיט מיר גאַנץ נאָרמאַל, איז אויפגעשפּרונגען, ווי עמיצער וואָלט

---

*) וואָס מאַכט איהר, מאַדאַם?

**) איך בין אייערער אַ לאַנדסמאַן.

***) אָ, ניין, ניין, העַר.

****) איך האָב גאָרנישט צו איהם, גאָרנישט.

*****) ער איז אַנ׳איידעל מאַן, אַנ׳איידעל מאַן.

האָט זי צונויפגעקליבען ווי־עס־איז אויף הוצאות; אַ ביסעל האָבען איינענע אויסגעליהען. און איז אוועק נאָך איהם קיין אמעריקא.

אָבער אַז זי איז געקומען קיין אמעריקא, האָט זי געפונען, אַז איהר שלומ׳קע איז שוין געוואָרען אַ חתן מיט יענער מיידעל און מיט איהר האָט ער אַפילו ניט געוואָלט ריידען.

וואָס דאָרט האָט פּאַסירט, אין אמעריקא, איז אַקוראַט ניט בעוואוסט. מ׳ווייסט נור, אַז זי איז קראַנק געוואָרען און ער האָט זיך איבער איהר מרחם געווען און האָט איהר אָבגעשיקט צוריק מיט אַנ׳אָקסען-שיף.

דאָס פאָהרען אויפ׳ן אָקסען-שיף און דאָס טיפע קלעמעניש איבער איהר בעליידיגטער ליבע האָבען איהר געריהרט פון מוח. זי איז אַריינגעפאַלען אין אַ טיפע מעלאַנכאָליע און איז אָנגעקומען אין ביאַליסטאָקער שפּיטאָל.

אַז שרה׳לע איז אָנגעקומען מיט דריי יאָהר צוריק, אין שפּיטאָל, און דבורה׳לע האָט זיך דערוואוסט איהר טרויעריגע געשיכטע, האָט איהר אייגען בעליידיגט הארץ אליין נור געפיהלט דעם טיפען עלענד פון דער אומגליקליכער מיידעל. זי האָט זיך צוגעבונדען צו איהר מיט אַלע פעדים פון איהר אייגענער ליידענדער נשמה. די אונבעפרידיגטע הייסע ליבע פון אַ מוטער און אַ פרוי האָט געפונען אַנ׳אויסגאַנג אין איהר צערטליכקייט און פאַרעניש אַרום דער מיידעל. זי איז פאַר איהר געוואָרען אַ הייליגטום; זי האָט אין איהר, ווי עס שיינט, געפונען אַ צוועק, אַנ׳אויפגאַבע אין איהר אייגענעם צובראָכענעם לעבען.

שרה׳לע איז געוואָרען איהר קינד. זי האָט זי געקעמט און געוואַשען און דערלאַנגט עסען און געהאָלפען אָנטון זיך. שרה׳לען האָט קיינער אין שפּיטאָל ניט געטאָרט בעליידיגען. האָט מען זיך צו שרה׳לען צוגעריהרט, איז געווען גוואַלדען פון דבורה׳קען.

דאָס אומגליקליכע מיידעל פיהלט די צובינדליכקייט פון דער מאַמען און האַלט זיך אָפּט, ווי אַנ׳אמת׳ע צובאַלעוועטע בת-יחיד׳קע.

דבורה׳קע האָט ליב אָפּט צו געברויכען אַנ׳ענגלישע פראַזע: בעזונדערס, ווען זי רעדט מיט שרה׳לען. עס מאַכט איהר פערגניגען,

דאָס האָוועניש און פּאַרעניש אַרום די קראַנקע האָבען אין איהר אַ ביסעל פערשלאָגען דאָס בענקעניש. זי האָט, ווי עס שיינט, פערשטאַנען, אַז זי בלייבט דאָ אויף אייביג, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט זעהן איהר קינדס קבר און איהר מאַן; קיינמאָל ניט. זי האָט זיך אויך, שפּעטער אַ ביסעל, דערוואוסט, אַז איהר מאַן האָט חתונה געהאַט, און לעבט גאַנץ גוט, האָט אַנדערע קינדער.

זי האָט זיך פאר קיינעם ניט געקלאָגט. אָבער אין הארצען בײַ איהר האָט ניט אויפגעהערט צו נאָגען דער אַלטער טיפער וועהטאָג, ביז זי האָט ניט בעקומען אַ טרייסט אין איהר „בת־יחידקע, שׂרה׳לע.

שׂרה׳לע איז געווען אַ שענע שניידערין. און איהר האָט זיך געליבט אַנ׳ארבייטער—אויך אַ שניידער, און אפשר אַ שטעפּער—איך געדענק ניט אַקוראַט. קיין תנאים איז נאָך בײַ זיי ניט געווען. אָבער צווישען זיי איז שוין געווען אָבגערעדט, און אַלע בעקאַנטע ארבייטער און ארבייטאָרינס האָבען געוואוסט, אַז זיי זענען חתן־כלה.

איהר געליבטער האָט געדאַרפט געהן דינען. און שׂרה׳לע האָט איהם געגעבען איהרע הונדערט רובל, וואָס זי האָט געהאַט אָבגעשפּאָרט פון דער ארבייט, קלויבענדיג יאָהרען־לאַנג אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע. ער איז אַוועק אין אַמעריקאַ. דערפאַר האָט ער איהר צוגעזאָגט, אַז ווי נור ער וועט אָנהויבען פערדינען, וועט ער איהר אַרויסשיקען אַ שיפסקאַרטע, און זי וועט קומען צו איהם אין אַמעריקאַ, און זיי וועלען דאָרט חתונה האָבען.

איהר געליבטער איז אַוועק און שׂרה׳לע האָט געוואַרט פון איהם אויף אַ בריף.

זי האָט געוואַרט אַ חודש, צוויי, דריי, פיער, אַ האַלב יאָהר, אַ יאָהר און—פון איהר „ליבען, טרייען שלומ׳קען׳ איז קיין וואָרט ניטאָ.

זי האָט געשריבען צו בעקאַנטע, האָט געבעטען רחמים, מ׳זאָל איהר ענטפערן: צי לעבט ער? צי איז ער געזונד? פאַרוואָס שרייבט ער ניט?

האָט איהר עמיצער ענדליך געענטפערט, אַז ער איז געזונד און פערדינט געלד, נאָר ער דרעהט זיך אַרום מיט אַנ׳אַנדערער.

בעל־הבית האָט מיר דערצעהלט אָט וואָס:

די אלטע דבורה׳קע האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין ענגלאַנד; פון דאָרט זענען זיי אָבגעפאָהרען נאָך אמעריקא. איהר מאַן איז, דאַכט זיך, געווען אַ פעדלער. זיי האָבען זיך געהאַט זייער אויסקומעניש ניט שלעכט. זיי האָבען מעהר ניט געהאַט ווי איין־איינציג קינד. די מוטער איז געווען שטאַרק צוגעבונדען צום קינד.

נאָר דאָס קינד איז געשטאָרבען, און פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען אַ שטאַרקער ריס אין דעם לעבען פון דער קליינער פאַמיליע.

דעם מאַן האָט זי ניט ווענינער געליבט. נאָר ער האָט איהר ניט געקאָנט פערבייטען דאָס קינד. ער האָט זיך גיכער געטרייסט פון איהר. אַז זי איז געריהרט געוואָרען פון זינען, האָט ער געקראָגען אַ מיטעל פטור צו ווערען פון איהר. ער האָט איהר „ארייגעשפּארט אַ גט און איינגעשמועסט צו פאָהרען אַ היים נאָך רוסלאַנד. זי איז נעפאָהרען און האָט אין דער היים ניט אויפגעהערט צו בענקען—אין צווייען: נאָך איהר איינציג קינד און דעם מאַן. ווענבען זי האָט ניט אויפגעהערט צו ליבען. ער איז, פאַר איהר אוועקפאָהרען, געווען צו איהר זעהר פריינדליך און האָט איהר ניט אויפגעהערט איינצושמועסען, אַז ער שיקט זי נור אַהיים, זי זאָל זיך אביסעל צושטרייען, און אין קורצען וועט ער איהר שיקען אַ שיפסקאַרטע, זי זאָל קומען צוריק.

איהר קראַנקהייט איז געווען אַן׳אונהיילבאַרע, אָבער זי איז ניט געווען קיין רווישענדע, בעלעסטיגענדע און ניט קיין מעלאַנכאָלישע. זי איז פון דעם סאָרט גייסטיגע קראַנקע, וואָס זענען אין געוויסע צייטען פאָלקאָם נאָרמאַל און אין זייער קרענקליכען געדאַנק וואַכט שטענדיג דאָס בעוואוסטזיין פון זייער גייסטיגער קראַנקהייט.

זייענדיג אַן׳ארבייטזאַמע פון דער נאַטור און כדי צו פערשלאָגען איהר בענקעניש, האָט זי אין שפיטאָל זיך געכאַפּט ארבייטען, וואָס זי האָט געקענט. זי ארבייט מיט אַ טאָלק ווי אַ געזונטער מענש, און איז, ווי געזאָגט, געוואָרען אין שפיטאָל אַ גאַנצע באַלע־באָסטע. האָבענדיג פון נאַטור אַ צערטליך־ליבענד הארץ, האָט זי זיך ביסלעכווייז צוגעבונדען צו די קראַנקע און תמיד געהאַוועט אַרום זיי.

די סצענע האָט ארויסגערופען ביי די ארומיגע, אי די קראנקע, אי די געזונטע, א געלעכטער.

— ווער איז זי? ווער זענען זיי? — האָב איך געפרעגט ביי איי־נעם פון מיינע בעגלייטער, א לייכט-פערוואונדעטער ארבייטער, וועלכער איז געוועזן א האלבער באלעבאָס אין שפּיטאָל און געקענט אלע איבעריגע פערוואונדעטע און קראנקע בכלל.

—ביידע משוגענע, — האָט ער געענטפערט, — די צוויי איינציגע משוגעים פון שפּיטאָל.

— האָבען זיי עפּיס א שייכות צום פּאָגראָם? — האָב איך איהם געפרעגט.

— וואו! זיי זענען שוין דאָ אלטע בירגערינס, יענע, די אלטע — א יאָהר צוועלף, און דאָס מיידעל אויך א יאָהר דריי.

— ווי אזוי קומען זיי אהער? און פון וואנען קען די פרוי ריידען ענגליש?

— זי איז אָנגעקומען אהער גלייך פון אמעריקא. זי איז א שוועסטער פון איינעם, וואָס דינט דאָ. האָט ער געפּועלט, אז מען זאָל זי צונעהמען און לאָזען דאָ זיין אין שפּיטאָל.

— און די אנדערע? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס מיידעל איז שוין משוגע געוואָרען דאָ, באלד ווי זי איז געקומען צוריק פון אמעריקא. זי איז אויך געוועזן אין אמעריקא. עס איז א גאנצע געשיכטע מיט זיי. א טרויעריגע געשיכטע. פרעגט זיך ביי איהר, ביי דער „מאמען”. וועט זי אייך אפשר דערצעהלען.

— איהר זאָגט: ביי דער „מאמען”; איז זי דען דער מיידעל'ס א מאמע?

— ניין, נור זי האלט איהר, ווי א מאמע איהר קינד. און נים ווי א געוועהנליך קינד, נאָר ווי א מאמע צערטעלט א ליעבע א פערצווינענע בת יחידקע.

דאָס האָט מיך נאָך מעהר פעראינטערעסירט.

איך בין געוועזן זעהר נייגיריג צו וויסען די טרויעריגע געשיכטע פון אָט די ביידע אמעריקאנער אומגליקליכע לאנדס-פרויען, און מיין

# בעליידיגטע ליעבע.

דאָס איז אַ צווייפאַכע דראַמע, וואָס איך וויל איצט דערצעהלען. אַ געשיכטע פון מענערס נרויזאַמקייט. אויף אָט דער דראַמע, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, צוויי דראַמעס, האָב איך זיך גאַנץ צופעליג אָנ־געשטויסען אויפ'ן הויף פון ביאַליסטאָקער יודישען שפּיטאָל, באַלד נאָכ'ן פּאָגראָם. געהענדיג צווישען די רייהען בעטלעך מיט די פּאָגראָם־פערוואונדעטע, בין איך געווען איבערראַשט דורך אָן ענגלישע פראַזע, וואָס האָט מיר פּלוצלונג אַ קלונג געטאָן אין אויער.

— וואַט דאָנטש יו וואַש יורסעלף, יו דאָירטי טהינג?*)

איך האָב זיך ניט ווילענדיג אָבגעקעהרט אַ קוק טאָן: פון וואַנען געהט דאָס די ענגליש? און האָב דערזעהן פאַרביי מיר לויפענדיג אַ יונג מיידעל אין אַ אונטער־קליידעל, מיט אַ גאַנץ אויפגעשפּילעטען יאַקעל, צושויבערטע האָר און שמוציגען פּנים. נאָך איהר יאָגט זיך עפּיס אַ פרוי אין מיטעלע יאָהרען, אין אַ פאַרטוך, מיט פערקאַטשעטע אַרבעל; האַלט אין איין האַנד אַ קענדעל וואַסער, יאָגט זיך מיט איהר נאָך דעם מיידעל, קאָן זי אָבער ניט כאַפּען און האַלט אין איין שרייען, שטאַרק בייז:

— סטאַפּ, אַי טעל יו, דאָנט ראָן עוויי, סטאַפּ!**)

---

*) וואָס וואַשטו זיך ניט, דו שמוציגע זאַך?

**) האַלט, זאָג איך דיר, לויף נישט אַוועק, האַלט!

סימפאטיש מיט זייער גייסטיגער מונטערקייט און פרישקייט, און ווייזען, אז די יודישע קראנקע נשמה לעבט דורך א גענעזענדען קריזיס. פריהער צו שפעטער וועט זי ארויס פון קריזיס געשטארקט און פעהיג צו א געזונדער שאפענדער ארבייט.

שטעט גאָר ניט געזאָרגט. אלס אויסנאַהמע ווערט אין אייניגע שפּיטאָלען, ווי אין ביאַליסטאָק און מינסק, אין ווילנא—אין „מושב זקנים" אויפגעהאַלטען עטליכע וואַהנזיניגע, רוהיגערע און קערפּערליך געזונדע. ערשט די לעצטע צייט איז אין וואַרשא געמאַכט געוואָרען ערנסטער שריט צו גרינדען אַרום שטאָדט, אויפ'ן לאַנד, אַ קאָלאָניע פאר גייסטיג־קראַנקע.

---

וואָס פאר אַ ווירקונג האָט געהאַט די רוסישע רעוואָלוציע אויף די מענשען, וואָס זענען געניינגט צו גייסטיגער ערקראַנקונג?

אין פלוג, רוכט זיך, אַז די שרעקליכע צוטרייסלעניש אין אַלע זייטען פונ'ם עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען האָט געדאַרפט שאַפען פיעל מעהר אָפּפער אין אָט דער הינזיכט. אין אמת'ן אָבער האָט זיך בעמערקט דעם היפך. די צאָהל פון אידיאָטען און משוגעים אין די יודישע גאַסען פון רוסלאַנד איז, אין פערגלייך מיט פריהער, דאָן אַ סך קלענער געוואָרען. אידיאָטיזם און וואַהנזין איז די פרוכט פון פערצווייפלונג און אונבעוועגליכקייט. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך, ווי אַ שטורם, אַריינגעריסען אין דער יודישער נשמה, אָבער ווי אַ פריהלינגס־שטורם, וואָס צושטערט ניט, נאָר פערקעהרט: בעלעבט און רייצט אויף צו אַ פרישערע און שטאַרקערע טעטיגקייט. די דעמאָקראַטישע אידעען האָבען געגעבען דער יודישער יוגענד אַ אידעאַל, וואָס נעהרט און שטאַרקט די נשמה און היט איהר אָב פון טעמפּ־קייט און שימעל. ווי אַ פרישער טוי פון האָפנונג און טרייסט דרינגט אַריין אָט דער אידעאַל אַלץ ווייטער און טיפער אין די שוואַכסטע נשמות און רעגט זיי, און מונטערט זיי אויף, און העלפט זיי איבער־טראָגען די שווערסטע קריזיסען. אַ סך אונגאָרמאַלע ערשיינונגען האָט די רעוואָלוציע, אמת, אַריינגעבראַכט אין דער יודישער גאַס. אָבער אָט די אונגאָרמאַלע ערשיינונגען האָבען קיין שום שייכות ניט מיט גייסטיגער שוואַכקייט און אידיאָטיזם. פערקעהרט: אין זיי בעמערקט זיך די דרייסטקייט און הינרייסונג פון געזונדע יוגענדליכע קרעפטען. אפילו די פעהלערן פון דער דעמאָקראַטישער יוגענד זענען

דאַנגען איז געווען אין מינסק א משוגענער—אַן אפּיקורוס—טעוועלע. ער פלעגט שטעלען פיינגער צום הימעל און אויסרעדען אויף גאָט, וואָס אין קאָרט שטעהט. דערפאַר פלעגט ער ביי יודען זעלטען אַ נדבה קריגען און האָט זיך תמיד אויפגעהאַלטען אין אוטשאַסטאָק, וואו ער פלעגט הייצען די הרובעס און קריגען פון די פּאָליציסטען דערפאַר אַ שטיקעל ברויט, אַמאָל מיט אַ שטיקעל חזיר.

דער משוגענער איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם יודישען געטאָ. אָהן אַ משוגענעם קען מען זיך ניט פאָרשטעלען אַ יודישע קהלה, ווי עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען זי אָהן אַ רב, אַ מקוה און אַ פּאָליציסט. אין דער זעהר יונגער קליין שטעדטעלע וואָלאָמין, לעבען ווארשא, וואו עס זענען דאָ אינגאַנצען עטליכע צעהנדליגע יודישע פאַמיליעס, איז נאָך קיין איינענער בית עלמין ניט געווען, און אַן איינענעם משוגענעם האָבען זיי שוין פערמאָגט.

דער משוגענער וואוינט אין יודישען געטאָ—האַלב אין גאַס, האַלב אין שוהל, אין דער ווייבערשער אָבטיילונג, אָדער „להבדיל" אין מרחץ אונטערן אויווען. ער לעבט פון די גראָשענס, שטיקלעך ברויט, איבערבלייבעכצען פון נעקעכץ, וואָס מ'וואַרפט איהם צו. ביי דער מאַסע איז ער אַן איינענער מענש, אַ שטוב־מענש, און דער אָרימסטער באַלעבאָס, אָדער באַלעבאַסטע לאָזט דעם משוגענעם ניט אַרויס פון שטוב מיט נאָר נישט. דערפאַר פאַרברייגנען מיט איהם איינפאַכערע, ווענינער ענטוויקעלטע אַרבייטער, די צייט; מען לאַכט פון זיינע המצאות, לידלעך, וויצען. דער משוגענער שטאַרבט ניט פון הונגער אין דער יודישער גאַס. דערפאַר אָבער איז שוין דאָרט קיין רעטונג ניטאָ פאַר זיין קראַנקען גייסט. איז איינער נור עטוואָס ניט געזונד און וואָלט נאָך נעקענט אויסגעהיילט ווערען, ווערט ער שוין פערקריפּעלט, ווי ער פאַלט נור אריין אין גאַס. די ווייסע חברה מאַכט איהם אינגאַנצען און האָפנונגסלאָז צודולט.

אַ קראַנקען־הויז איז ביי יודען איינע פון די ערשטע צדקה־זאַכען, אַ „הקדש" איז כמעט דאָ אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל. אָבער פאַר די אונגליקליכסטע אָפּפער, פאַר די גייסטיג־קראַנקע ווערט

איז געווען אַ וואַהנזיניגער, וואָס זיין איינגערעדעניש איז בעשטאַנען אין דעם, אַז זיין טאַטע האָט איהם פערקויפט. ער האָט צו זיך אליין ניט בעלאַנגט; ער האָט ניט געהאַט קיין שום פערזענליכע פרייהייט; זיין קערפּער איז ניט געווען זיינער; קיין זאַך אין איהם איז ניט געווען זיינע; „ער איז פערקויפט״—דאָס איז געווען נאָכאַנאַנד זיין טענה.

די אונמעגליכקייט—צוליב עקאָנאָמישע, אָדער אַנדערע אור־זאַכען - חתונה צו האָבען, שאַפט אויך אַ סך אָפּפער. אין סמאָלעוויטש, מינסקער גובערניע, איז געווען אַ משוגענע זלאַטע, וועלכע איז געווען איבערצייגט, אַז זי איז דעם קיסר'ס כלה; אַז ער האָט איהר געשיקט גאַנצע וואַגאָנעס מיט אַל־דאָס גוטס און זי האַלט אין איין וואַרטען אויף אַן עקסטרא טעלעגראַמע, זי זאָל זיך אָנטאָן אין בגדי מלכות און קומען צו איהם. האָט מען איהר געגעבען אַ פּאַפּירעל, און געזאָגט, אַ דאָס איז אַ בריוועל צי אַ טעלעגראַמע פון קיסר, האָט זי געבעטען לייענען און דאָס צוגענומען און בעהאַלטען מיט דער גרעסטער ליבשאַפט.

אַ סך וואַהנזיניגע טרעפט איהר אין די יודישע שטעדט פון רוסלאַנד — אָפּפער פון צופיעל אָנגעשטרענגטע גייסטיגע ארבייט — געוועזענע וואויל־לערנער, מתמידים. דאָס זענען די שטילסטע און רוהיגסטע משוגעים. אין מינסק אַליין זענען געווען אַ פּאָר אַ זעלכע: אברהם'על און יונה. דער ערשטער האָט געקענט אַלע יודישע פאָלקס־לידער און בעלי מלאכות האָבען ליעב געהאַט איהם אריינצונעהמען אין זייערע ווערק־שטעטער און הערען זיינע נגונים. דערפאַר פלעגט ער קריגען לייכט אַ גראָשען. יונה איז געווען בעריהמט דערמיט, אַז וואָס ער האָט בעקומען, פלעגט ער זיך טיילען מיט זיין קאָמפּאַניע הינט, וואָס זענען תמיד געווען אַרום איהם. אין מאָנאַסטירשטשינע, מאָהליווער גובערניע, איז דאָ, אויך פון דעם טיפּ, אַ משוגענער בעל צדקה. וואָס ער בעקומט וואַרפט ער אין שוהל אין די פּושקעס, אָדער צוטיילט אָרימע לייט. ער האָט אויך אין שוהל אַן אייגענע ספר תורה, וואָס ער האָט געלאָזען שרייבען פאַר זיינע אויפגעקליבענע גראָשענס. אַליין נעהרט ער זיך מיט ברויט און וואַסער, אָדער אַ ביסעלע קרופּניק.

אזוי פערפייניגט, ווי חאָנען, און ארויסגעלאָזט פון קאָזאַרמע א גייסטיגען קריפּעל.

די צרות און בלוט־זויגעניש פון די פּאָליציייאישע קאַנצעלאַריעס און סודען האָבען ניט איין מענשען געטריבען צום וואַהנזין. אין מינסק פלעגט, אויך אזוי ווי חאָנע, אומגעהן איבער די גאַסען א משוגע־נער, הורוויץ, אן עלטערער יוד, וועמעס איינבילדונג איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער איז א גובערנאַטאָר. אָפט פלעגט מען איהם זעהן, שפּאַצירענדיג איבער די גאַסען א צוגעפּוצטער אין עפּאָלעטען און אין א מיליטערישער היטעל. די געשיכטע פון זיין וואַהנזין איז ניט ווענינער טראַגיש, ווי חאָנעס און יודעל׳ס. זיין טאַטע איז געווען אן ארענדאַר ביי א פּריץ. דער פּריץ האָט איהם (זיין טאַטען) פערשמיסען צום טויט. ער איז ניט באַלד געשטאָרבען, נאָר אין א קורצע צייט ארום, פון חאַרצוועהטאָג. דער זוהן האָט ניט געקענט פערגעסען דעם פאָטערס בעליידיגונג. ער האָט געזוכט אין אלע קאַנצעלאַריעס גערעכטיגקייט. צו נעהמען נקמה אָן זיין פאָטערס בעליידיגער און מערדער איז געווען זיין איינציגע אויפגאַבע אין לעבען. די גאַנצע ירושה און וואָס ער האָט פערדינט—פון מלמדות—האָט ער אוועקגעגעבען אויף „פּאַפּירען" און רעכט־זוכעניש איבער די קאַנצעלאַריעס. מען האָט ביי איהם דאָס געלד ארויסגעצאַפּט און צו קיין משפּט האָט ער זיך ניט דערשלאָגען. ער האָט ניט געקענט—ניט עסען, ניט טרינקען, ניט רוהען. דאָס האָט איהם ענדליך געריהרט פון זינען. אין זיין קראַנקען מוח איז אריין א געדאַנק, אז צו דערגעהן די גערעכטיגקייט מוז ער סיידען ווערען אליין א גובערנאַטאָר,—די העכסטע דיסטאַנץ נאָך א יודישען באַלעבאַטישען בעגריף, וואָס האָט די מאַכט דערצו. און צווישען „ווערען" און „ווערען" איז, ווי בעוואוסט, אין א קראַנקער פאַנטאַזיע גאָר א קליינער גרענעץ. זיין צושטרייטע איינבילדונג האָט איהם געמאַכט פאַר א גובערנאַטאָר און דאַן האָט ער זיך בערוהיגט.

די קרומע שידוכים, די צוזאַמענשטויסונגען, אויף אָט דעם באָדען, צווישען פאַנאַטישע און דעספּאָטישע עלטערן און זייערע קינדער האָט געבראַכט ניט ווייניג גייסטיגע אָפּפער. אין ביאַליסטאָק

## II.

דער יודישער וואהנזין איז ניט קיין קאָבינער, ניט קיין רעש־רינער, ניט קיין שעדליכער פאר אנדערע. ער איז שטיל, פערטיפט אין זיך און שוצלאָז. אזוינע סאָרטען משוגעת, וואָס קומען פון שברות, פון א צולאָזענעם לעבען, וואס דריקט זיך אויס אין מאָרד און זעלבסטמאָרד, אין שלאָגען זיך — „בויאנען" — בעגעגענט איהר זעהר זעלטען אין דער יודישער גאס. דאָס רוב יודישע גייסט-קראנקע זענען אָדער מעלאנ־כאָליקער, אָדער, פערקעהרט—פרעהליכע „לונג־און-לעבערס". איןביידע פאלען אָבער—גאנץ אונשעדליכע און אונשולדיגע. דער יודישער וואהנזין איז א פראָדוקט פון דעם יודענס אוננאָרמאלער פאָליטישער און סאָציאלער לאגע אין רוסלאנד, פון זיין גרויזאמער רעכטלאָזיגקייט. דאָס רוב יודישע משוגעים זענען מענשען מיט געבאָרענע פעהיגקייטען, וואָס די שרעקליכע ווירקליכקייט האָט ניט געלאָזען זיי ענטוויקלען זיך נאָרמאל און פערקריפעלט זייערע נשמות אין קאמפף מיט די קייטען און פענטעס, פון וועלכע זיי האָבען געשטרעבט זיך ארויסצורייסען אין דער ליכטיגער פרייער וועלט.

דער גרעסטער פאָליטישער עלענד אין יודישען לעבען פון רוסלאנד איז די קאַטאָרגע פון דעם רעקרוטעןדינסט, די אמאָליגע רוסישע קאזארמע. אין סלוצק איז געווען א משוגענער יודעל, מיט וועלכען עס האָט פאסירט די זעלבע דראמע, וואָס מיט חאָנע קראַוויעץ. יודעל איז אויך געווען א בחור אן עלוי. ער האָט געפרובט דעם זעלבען מיטעל לויז צו ווערען פון רעקרוטענדינסט און מ׳האָט איהם אויך

אזוי רופט מען געוועהנליך א פוסטען בעל גאוה. מיט דעם גראף האט חאַנע געהאט גימער, מיט יענעם פריץ—צחאמען געגעסען אויף א באל. די מויערן זענען געווען זיינע און שמחה לאַנדעס, און יענע הויפען—זיינע און דעם פריץ קורקוזעוויטשעס. ער האט בעזעסען אויף אזא נ'ארט—און אימער שותפות—גאסען, הייזער, גיטער און גאנצע שטעדטלאך. און זיינע „גרויסע עשירות" זענען געווען די סיבה פון זיין טויט. ער איז געשטאָרבען מיט א רעוואלוציאָנערען טויט—פון „עקספראָפריאציע".

עס פערשטעהט זיך, אז ניט מען האט איהם געוואָלט עקס־פראָפריאירען. נאָר מען האט געמיינט, אז ער איז געקומען עקספראָ־פריאירען, און מען האט איהם געשאָסען, אלס אנארכיסט.

אזוי האָבען געמעלדעט די צייטונגען. נאָר איך צווייפעל שטארק אין דער ריכטיגקייט פון אָט דעם צייטונגס־בעריכט. חאַנע איז שוין אלט געווען א יאָהר זעכציג און קיינעם האט ניט געקענט איינפאלען, אז דאָס איז אַן אנארכיסט. ניכער איז צו גלויבען, אז א שכורער פריץ האט איהם דערשאָסען „צום שפאס", און אום צו אנטנעהן פון געריכט, האט ער אויסגעקלערט די מעשה, אז מען האט געמיינט, ער איז אַן אנארכיסט.

חאָנע איז געשטאָרבען אזוי טראַגיש, ווי טראַגיש עס איז געווען זיין לעבען און די סבה פון זיין וואחנזין.

נאָר אַ וואָרף טון אויף זיי אַ שטומען בליק. דאַן אַ קעהר טון זיך שטאָלץ צוריק און אוועקגעהן.

דער בליק, פול מיט צאָרן, מיט בעליידיגטען געפיהל און פעראַכטונג, האָט ניט זעלטען געווירקט. און די גרויזאַמע ווייסע חברה פלעגען זיך אויך אָבשטעלען, אַזוי ווי פערשעמט, און לאָזען איהם צורוה. ווען אַזאַ טאַקטיק האָט ניט געהאָלפען, פלעגט חאַנע, אָב־שטעלענדיג זיך, פערפיהרען מיט עמיצען פון דער חברה, אָדער מיט עטליכע אַ געשפרעך, אַ קינדערשען געשפרעך, אַזוי ווי איינער פון זיי; פלעגט מיט זיי לאַכען און חוזק׳ען און אין מיטען חוזק׳ען, פלעגט ער זיך פּלוצלונג אויסדרייען אָדער אריין ערגעץ אין אַ הויף און אַזוי ניצול ווערען פון דער קאָמפּאַניע.

חאַנע האָט געהאַט קלוגע איינפאַלען און גלייכווערטלעך, און יודישע יונגע לייט האָבען זיך אויך ניט געשעמט אריינצונעהמען איהם און פערברענגען מיט איהם די צייט. איבערהויפּט—די גבירישע יונגע לייט. דעריבער האָט חאַנע געקענט אַלע גבירים אַזוי גוט, ווי ער האָט געקענט זיינע אָפּיצירען און פריצים. ער האָט געוואוסט, וואָס איט־ליכער פערמאָגט, ווי יעדער לעבט.

ווי ביי דאָס רוב יודישע משוגעים, האָט זיך ביי חאַנען ענטוויי־קעלט אַ מאַניע פון גרויסקייט. פריצים און יודישע גבירישע יונגע לייט פלעגען איהם, צו שפּאַס, איינשמועסען, אַז ער איז מיט זיי שותפות אין זייערע עסקים און רייכטום. חאַנע האָט געגלויבט, ווי דאָס מעהרסטע משוגעים, וואָס זענען ניט אימשטאַנד צו אונטערשיידען די ווירקליכקייט פון דער פאַנטאַזיע. אַז ער פלעגט ריידען צו עמיצען וועגען אַ גביר, פלעגט ער געוועהנליך צושטעלען זיין אייגענע פּערזאָן: „איך און שמחה לאַנדע״, אָדער „איך און וואָלף ראַפּאַפּאָרט״ (מינסקער גבירים), אָדער „איך און גראַף טשאַפּסקי״—פלעגט ביי איהם שטענדיג געהן צוזאַמען. מיט דעם גביר האָט ער שותפות געקויפט אַ וואַלד, מיט יענעם געקויפט הייזער; מיט אַן אַנדערען צוזאַמען געגעבען „זשירעס״ אויף וועקסלען, און אויף זיינע זשירעס ניט מען געלד אין אַלע בענק. דערפון געהט אין מינסק אַ ווערטעל „חאַנע מיט די זשירעס״.

געוואָרען מים אַן אמת משוגע, האָט מען איהם בעפרייט פון דינסט. חאַנע איז געוואָרען פריי, אָבער אין דער פרייער וועלט האָט ער שוין קיינעם מעהר נים געהאַט. זיין קערפּער און גייסט זענען געווען צובראָכען.

די „פּריצים" האָבען אויף איהם „רחמנות" געהאַט. מען האָט איהם צוגעוואָרפען אַמאָל עטליכע קאָפּיקעס, אַ שטיקעל ברויט, און דוקא מיט חזיר, אַ גלעזעל בראַנפען. דערפאַר אָבער האָט ער זיי געדאַרפט „אַמוזירען", פרעהליך מאַכען.

פון דעמאָלט אָן איז חאַנע געוואָרען „חאַנע קראַוויעץ", דער בעריהמטער מינסקער משוגענער.

נאָר אפילו משוגענערהייד איז ער נאָך אַלץ געבליבען דער שענער ברונעט, דער העלדישער יונג. זיין וואוקס, זיין גאַנג, זיין קעהר איז געווען שטאָלץ. זיין „חיונה" האָט ער געצויגען פון די אַפיצירען מים די פּריצים. ביי יודען האָט ער קיינמאָל גאָר נישט גענבעטען. קיינער האָט נים געזעהן, אַז אַ יוד זאָל איהם עפּעס געבען: עסען, צו אַ גראָשען. און גאָס פלעגט מען איהם זעהן אַלע טאָג אין אַן אנדער פּאָזע, אנדערש געקליידעט: דאָ אין אַ צילינדער, אין ווייסע האנדשוה, אין איין שוך און איין קאַלאָש; דאַ אין אַ אַפּיצירישען מונדיר מים אַ ציגאַר אין מויל; דאָ אָבגעגאָלט דער קאָפּ, אדער ראַזירט אַ האַלבע באָרד; ווינטער אין אַ לייכטען ווייסען זומער-זשאַקעט, מים צוריסענע נעט, דורך וועלכע עס האָט געפּראַרען זיין נאַקעטער שמוציגער קערפּער. זומער אין אַ הויכע באַראַשקענע קוטשמע און אַ פוטער. דאָס פלעגען אַזוי די פּריצים „צופּוצען" חאַנען, זייער פּריצישער נשמה צום פערגעניגען און דעם עולם צום שפּאַס.

ווייסע חברה־ניקעס פלעגען איהם נאָכלויפען, וואַרפען מים שטיינער, אָנרייצען אויף איהם הינט, רייסען איהם, צופּען איהם. חאַנע האָט אַ פּליג אויפ׳ן וואַנד נים אָנגעריהרט. וואָס מען האָט איבער איהם נים צוטאָן, פלעגט ער זיך נים ערלויבען שלאָגען צוריק; פלעגט נים שרייען, נים גוואַלדעווען, ווי אנדערע משוגעים. ער פלעגט זיך אָפּט נאָר, אין מיטען די בעליידיגונגען און פּייניגונגען, אוועק־שטעלען פלוצלונג אין מיטען דער רעדעל, נישט ריידען קיין וואָרט,

חאַנעלע איז געוואָרען אַן עלוי; מיט איהם האָט געקלונגען די שטאָדט. אַלע מאַמעס האָבען זיך מיט איהם געבענטשט. חאַנעלע איז געוואָרען אַלט אַכצעהן יאָהר און מען האָט איהם גענומען רעדען שידוכים מיט די פיינסטע באַלעבאַטים.

אָבער די כאַפּער האָבען שוין אויך געוואָרפען אויף חאַנען אַן אויג. דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר פריהער, איידער מען האָט איינגעפיהרט אַלגעמיינע מיליטער־דיענסט. און מען האָט איהם גע־כאַפּט און אָבגעגעבען פאַר אַ רעקרוט. די עלטערן זענען געווען זעהר אָרים און דערצו בעלי מלאכות, און האָבען גאָר נישט געקענט מאַכען. חאַנעלען האָט זיך אָבער אויך זעהר ניט געוואָלט דיענען. אַ געשייטער יונג איז ער געווען, איז איהם איינגעפאַלען צו מאַכען זיך משוגע, כדי אויף אָט דעם אופן פּטור צו ווערען פון דינסט. ער האָט אָבגעטאָן די ווילדערסטע שטוקעס. זיין „דיאַדקע“ מיט דער גאַנצער נאַטשאַלסטוואַ זענען פון איהם צופּלאַצט געוואָרען. מען האָט בעשטימט קאָמיסיעס צו אונטערזוכען איהם. מען האָט פערשטאַנען, אַז ער מאַכט זיך. מען האָט איהם געפּייניגט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. חאַנע האָט ניט געוואָלט דינען. ענדליך איז ביי איינינע פון די העכערע מיליטער-בעאַמטע אַריין אַ ישוב הדעת, אַז עס קען זיין, אַז חאַנע איז ט אַ ק ע משוגע. אַנדערע, ווידער, זענען געפעלען געווען זיינע וויצען, חמצאות און שטוקעס. נאָכ'ן שטייגער פון „אַדעלינע פּריצים“ האָבען זיי איהם אָפּט געבראַכט צו זיך אויף זייערע הוליאַנקעס, איהם אָנגעשכור'ט און בענוצט איהם אין אַזעלכע פאַלען פאַר אַ שפּאַס־מיטעל. חאַנע איז פּטור געוואָרען פונ'ם ווירקליכען דינסט. דערפאַר אָבער האָט ער געדאַרפט דינען אַלס לץ, אַלס שפּאַס־מאַכער, האָט געמוזט עסען חזיר, טרינקען בראַנפען ביז צו שכרות און ליידען די נידעריגסטע בעליידיגונגען פון די שכור'ע אָפיצירען. זיין פאָטער און מוטער זענען פון פערצווייפלונג געשטאַרבען. ער אַליין האָט אויך ניט געקאָנט אויסהאַלטען די ראָלע ביז צו ענדע. און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט די בראַנפען און די מאָראַלישע ערנידערונגען געווירקט אויף זיין גייסט. ווען מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז חאַנע איז

טראַגיש, ווי זיין לעבען, ווי די געשיכטע פון זיין וואַהנזין. ער איז געשטאָרבען אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַלס „אַנאַרכיסט". דאָס הייסט, מען האָט איהם אָנגענומען פאַר אַן אַנאַרכיסט און דערשאָסען.

די ידיעה וועגען חאַנע קראַוויעצ׳ס טויט איז אָנגעקומען צו די יודישע בלעטער. ווייל ערשטענס איז זיין טויט געווען ניט קיין נעד־וועהנליכער, און צווייטענס איז חאַנע קראַוויעץ געווען ניט קיין געוועהנליכער משוגענער.

יעדע רוסיש־יודישע שטאָדט האָט איהר משוגענעם. אַנדערע האָבען צו צוויי, דריי און מעהר. פון זיי זענען ניט ווייניג פּאָפּולער אַ סך ווייטער פון זייער שטאָדט. נאָר קיין משוגענער פּנים יודישען געטאָ אין רוסלאַנד איז געוויס ניט געווען אַזוי וועלט-בעריהמט, ווי חאַנע קראַוויעץ.

כאָפּט אָן אַ מינסקער יודען, וועט ער אייך דערצעהלען גאַנצע געשיכטען וועגען חאַנען. זיין שם האָט אויך געקלונגען ווייט אַרום מינסק. אומעטום האָט מען געקענט חאַנע קראַוויעץ.

אָבער ווענינע האָבען געוואוסט און ווייסען די טראַגעדיע פון זיין וואַהנזין. דאָס איז אַ שטיק געשיכטע פון דעם רוסישען יודענס גלות־דראַמאַ. איך וועל זי אייך דערצעהלען.

חאַנע קראַוויעץ, ווי זיין נאָמען וויזט (קראַוויעץ איז אין פּויליש אַ שניידער), האָט געשטאַמט פון שניידער. זיין טאַטע איז געווען אַ דאָמסקער שניידער, אַ פּראָסטער, נאָר אַן עהרליכער יוד, און האָט אַ סך יאָהרען נאָך זיין חתונה קיין קינדער ניט געהאַט. מען איז געפאָה־רען צו „גוטע יודען", צו בעל שם׳ס, צו „טאָטערען" און—לאַנג געוואַרט, אָבער פאָרט דערהאַרט—שוין גאָר אין די מיטעלע יאָהרען, האָט ער בעקומען אַ נחת—אַזוהן—חאַנען. חאַנע איז ביי איהם געווען אַ בן יחיד: מעהר האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט. אָבער דערפאַר איז דאָס געווען אַ גערעטענעס: אַ שענער און שלאַנקער ברונעט, אַ קלוגער, אַ פעהיגער, אַ מתמיד. טאַטע־מאַמע האָבען געשפּאָרט פון עסען און טרינקען, פון אַלע נויטיגע בעדערפעניסען און געלאָזען חאַנעלען לערנען.

# צעבראָכענע נשמות.

## I.

טיפען און בילדער פון יודישע משוגעים.—חאָנע קראָוויעץ, די „פּער" פון די משוגעים.—די דראַמאַ פון זיין וואַהנזין, זיין לעבען און זיין סוף.—אַברהם־עלע דער זינגער; הורוויץ־דער גובערנאַטאָר; טעוועלע דער אַפּיקורוס; יונה מיט זיינע הינט; זלאַטע די פּרינצעסין; אַ משוגענער אַ בעל צדקה.—וואו און ווי עס לעבט דער יודישער משוגענער.—די גאַס און די ווייסע חברה־ניקעס.—די ערשטע יודישע הייל־קאָלאָניע פאַר גייסטיגע קראַנקע אין רוסלאַנד.—די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

---

די משוגעים—דאס זענען פארשטעהער פון אַ בעסערער וועלט, אַ צוהרג׳עטע, צוקאָליעטשעטע, אָבער דאָך אַ שענערע, ווייל דארט איז אלעס מעגליך, און דאָס איבערנאַטירליכע—נאַטירליך; ווייל אלעס איז דארט פאנטאזיע, וואס איז איבערגעקומען די ביטערסטע, די שרעקליכסטע ווירקליכקייט און אוועק אין דעם אונבעגרענעצטען רוים, וואס וויים ניט פון פערגאַנגענהייט און פון צוקונפט.

זיי כאַראַקטעריזירען אבער דאך אַ ווירקליכע וועלט, זיי ווייזען די קראַנקע יודישע נשמה אין רוסישען געטאָ.

---

## חאָנע קראָוויעץ און זיין דראַמע.

איך וואָלט אייך וועלען צוערשט פאָרשטעלען מיין לאַנדסמאַן חאָנע קראָוויעץ. אָבער ער איז שוין טויט. און זיין טויט איז געווען אַזוי

# צעבראָכענע נשמות.

נור ווען איך האָב איהם געמעלדעט, אז איך וויל שענקען עטליכע ביכער פאַר זיין ביבליאָטעק אין ירושלים,—האָט ער זיך שוין געלאָזען אין זעהר א ווארימען און אָפענהערציגען געשפּרעך מיט מיר.

דר. ח. איז שוין ווייס־גראָה געווען דעמאָלט, כאָטש ער האָט געשיינט צו זיין ניט עלטער פון א יאָהר זעכציג. די שטריכען פון זיין פּנים זענען געווען זעהר אָריגינעלע. עפּעס איז אויסגעגאָסען געווען אויף זיין געזיכט א קינדערשע תמימות. דורך די אויגען האָט אייך געלויכטען א נאַטירליכקייט און ריינקייט פון דער נשמה און צו דער זעלבער צייט האָט איהר אין זיי בעמערקט עפּעס א שמערצליכע ערביטערונג און טיפעס ליידען. מען זאָגט, אז דער פּאָגראָם האָט אויף איהם געמאַכט א מורא׳דיגען רושם. ער האָט, זינט דעם פּאָגראָם, זיך איינגאַנצען צוריקגעצויגען. אין די שטאָדטישע זאַכען האָט ער זיך ניט געמישט. אויבען אָן ניט געקראָכען, וואו עס האָט געשמעקט מיט טומעל און מיט גאוה, פון דאָרט איז ער אנטלאָפען. רעקלאַמען האָט ער פיינט געהאַט און געלעבט זיך אין דער שטיל, אליין מיט זיינע חולאים, אם מעהרסטען פון די „חאַנאיקעס״, אָבגעבענדיג די פרייע צייט זיין לעבענס־אידעאַל, דער יודישער ביבליאָטעק אין ירושלים.

נאיקעס" וואו די נויט און ארימקייט איז ניט געמישט מיט נארישער גאוה; וואו די שמוציגע העמד איז ניט בעדעקט מיט א קארסעט און א זיידענעם יאקעל; וואו נויט און עלענד זע־נען בלויז און נאקעט פאר זיך און פאר אלעמען, — דא האט ער ניט נעצארנט און ניט געשאלטען; דא האט ער אויך אפט גאר קיין געלד ניט גענומען. פערקעהרט: ער פלעגט נאך אונ־טער'ן קיסען ניט זעלטען א דריי־רובלדיגע ארונטערלעגען.

דר. חאזאנאוויטשעס הויז איז א בערזע פאר ארימע קלויז־ניקעס און אנדערע שטודירענדיגע יונגע לייט. גאנץ אפט נעכ־טיגען זיי ביי איהם, צו עטליכע מיט אמאל. אז ער קומט ביי נאכט פון די וויזיטען א היים, שיט ער ארויס דאס געלד פון די קעשענעס און זאגט צום עולם: „נו, חברה, נעהמט אייך „מעשר" וויפיעל ווער עס דארף".

דר. חאזאנאוויטש דינגט זיך קיינמאל ניט. האט אבער אמאל געטראפען, אז א קארגער גביר האט איהם געוואלט עקספלאאטירען, און שפארט איהם אריין אין האנד א האלבען קארב, האט עס חאזאנאוויטש ניט געקענט פערטראגען. „חזרים"! — האט ער דאן מכבד געווען די קארגע בורזשוקעס— א „חאנאיקער" יוד גיט א האלבען רובל און איהר גיט אויך א האלבען רובל! קראנק זייט איהר צו צאהלען אי פאר זיך, אי פאר די „חאנאיקעס!".

זעענדיג אין ביאלאסטאק, באלד נאך'ן פאגראם, האב איך בעזוכט דר. חאזאנאוויטש. איך האב מיך געמעלדעט, אלס ליטע־ראט. ער האט מיך צונענומען קאלט. אז איך האב איהם געזאגט: איך שרייב העברעאיש אויך, איז ער געווארן צו מיר פריינדליכער.

עס קומט אריין צו דר. חאזאנאוויטש א גביר מיט א פיי־
נעם בויך, דעם גביר האט ער אויך פיינד, נאך מעהר.

— וואס איז?

— קאפ שמערצען... הער דאקטאר.

דער „הער דאקטאר" גיט א קוק אויפ'ן גראבען בויך.

— קאפ שמערצען? — זאגט חאזאנאוויטש מיט א בימער־
רע איראניע — איך האב אויך קאפ שמערצען, נו? צו וועמען
זאל איך געהן?

מען רופט דר. חאזאנאוויטש צו א גבירישען חולה. עס
האלט שלעכט. אלע דאקטוירים ווייסען ניט, וואס צו טאן. ער
הייסט געבען א געוויסע דאזע מארפיום. דער לעצטער מיטעל.
מען פאלגט. מען האט קיין ברירה נימ. עס ווירקט. דער קריזיס
ענדיגט זיך גוט. עס קומט א פראפעסאר פון אויסלאנד און גיט
זיין פולע הסכמה צו חאזאנאוויטש'עס פעראָרדנונג. דער קראנ־
קער ווערט געזונד. די ארומיגע ווייסען ניט, ווי דאנקבאר צו
זיין איהם: אי, הער דאקטאר, פריהער גאט און דערנאך איהר...
נאר דר. חאזאנאוויטש ענטפערט מיט א פערעכטליכען
שמייכעל.

— אזוי, פריהער גאט און דערנאך דער דאקטאר! און אז
ס'וואלט געווען פערקעהרט? וואלט שוין געווען א קלאג, א
ברעכענעס צום דאקטאר! ער האט אונגליקליך געמאכט! גאט
איז שוין דעמאלט ניטא! דער דאקטאר אליין איז שולדיג... נו,
איך זאג אייך, אז דא איז בלויז א צופאל, ניט מעהר. מיין
חכמה איז דא גאר נישט...

אט אזוי בעהאנדעלט דר. חאזאנאוויטש זיינע פאציענטען.
און פון דעסטוועגען האט ער, ווי געזאגט, די בעסטע פראקטיק.
מ'האלט איהם פאר א גוטען דאקטאר און אן אמת'ן מענשען.
בשעת ער שילט און זידעלט, פארדריסט טאקע, גור יעדערער
פיהלט, אז דר. חאזאנאוויטש'עס הארץ קרענקט מיט דעם קראנ־
קען צוזאמען: אז, ווי דער אמאליגער נביא, ליעב ער דאס ארימע
פאלק, שילטענדיג עס.

דערפאר, אז דר. חאזאנאוויטש איז געקומען אויף די „חאר־

דעם קראַנקען איינגאַנצען. און דאָס איז איהם נאָך וועניג. קריכט ער אין דעם חולה'ס שיסעל און טעפּעל, דאַרף וויסען דעם קראַנקען'ס גאַנצען „סדר היחוס“: וואָס ער טוט און ווי ער פיהרט זיך.

און אַז מען זוכט, געפינט מען. דר. חאַזאַנאָוויטש געפינט תמיד, און דאָ הויבען זיך אָן די קללות.

איך וועל דאָ ברענגען אַ מוסטער פון אַ געשפּרעך, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש פיהרט אין אַ הויז פון אַ קראַנקע שניידערין, צי אַ זאָקענמאַכערין, צי אַ אַנדער קבצנ'טע־פּראָלעטאַרקע. ער איז בודק דעם אָרט, וואָס טוט וועה, און דעם גאַנצען קערפּער, און געהט, ווי דער שטייגער איז, ווייטער. זוכט און געפינט: אַ גילדערנעם רינג אויף דעם פינגער פון דער שניידערין, אָדער אַ גילדערנעם בראַסלעטעל אויף איהר האַנד.

— אין האַרצען אַ וועהטאָג, ניטאָ קיין קאַפּ בלוט, מ'עסט קרחת, און גאָלד דאַרפען זיי האָבען... אַ !... אַ קלאָג צו אייך, אַ גרויסער !... אָי, אַן אונגליק ! מ'לויפט נאָך חאַזאַנאָוויטשען ! וואָס איז ? טשאַכאָטקע ! פון וואַנען קומט טשאַכאָטקע ?... איהר ווייסט ?... מ'עסט ניט, מען טרינקט ניט, ער שטוקט זיך אין שטויב, אין שמוץ, אין ענגשאַפט, קוקט ניט, ווי מען לעבט ! כאַפּט מען אַ וועהטאָג, אַ שטעכענעס... פריהער — אַ ביסעל... פערלאָזט מען דאָס... דערנאָך מעהר... פערלאָזט מען דאָס. דערנאָך, אַז מען האָט אויסגעשפּיים אַ שטיק לונג, לויפט מען צו חאַזאַנאָוויטש'ן: ראַטעוועט ! נייע לונגען אַריינשטעלען ! אַ נייע האַרץ אַריינגעבען זיי... איהר טראָגט מיר האַלבע רובלס ! אויף וואָס דאַרף איך אייערע האַלבע רובלס ! נעהמט בעסער דאָס געלד און קויפט פלייש, מילך, אייער... עסט אין שוואַרץ יאָהרען, עסט ! וועט איהר האָבען בלוט, וועט איהר האָבען כח, וועט איהר מיך ניט דאַרפען... ניין... פינגערלעך גילדערנע דאַרפען זיי, בראַסלעטען, זייגערלעך גילדערנע ! קליידער וואָלענע, צו צוואַנציג רובל אַ קלייד !... פאַר לייטען ! פאַר דער מאָדע !... און אונטער דער שענער קלייד, אויפ'ן לייב, אַ שמוציגע העמד... און דער לייב איז דאַר ווי אַ שפּאָן, ניטאָ קיין קאַפּ בלוט... פון וואַנען זאָלט איהר האָבען געזונד ?...

לער נעווען ווי קיין דאקטאר ערגעץ וואו אין יודישען תהום.

אין ביאליסטאק האט מען איהם גערופען דער „משוגענער דאקטאר". און דאך האט דער „משוגענער" דאקטאר אזוי פיעל פראקטיק געהאט אין אלע קלאסען פון דער יודישער געזעלשאפט, אי ביי גבירים, אי ביי ארימע לייט, אז ער האט פשוט קיין כח ניט געהאט פארטיג צו ווערען מיט אלע וויזיטען.

פאר וואס רופט מען דר. חאזאנאוויטש „דער משוגענער דאקטאר?"

דאס וועט פארענטפערט ווערען, ווען איך וועל ברענגען אייניגע אילוסטראציעס פון זיין פראקטיק, לויט ווי זיינע פאציענטען האבען מיר איבערגעגעבען.

עיקר „משוגעת'ן" האט דר. חאזאנאוויטש געהאט צוויי. ערשטענס פלעגט ער זיך שילטען. שילטען, אויסוואגלען פון ווארצעל, ניט דעם קראנקען אליין, נור זיין גאנצע משפחה, און פאר איין גאנג שוין אלע יודען בכלל. שילטען זיך ווי דער גרעסטער אנטיסעמיט. און — מערקווירדיג! דער חולה האט אויסגעהערט די קללה, ממש א פערציטערטער געווארען, און אויף מארגען, אז מען האט גערארפט דעם דאקטאר, האט מען גערופען דוקא חאזאנאוויטש'ען.

די צווייטע חאזאנאוויטשעס „משוגעת" איז געווען, וואס, קומענדיג צום חולה, פלעגט ער טאפען אזעלכע זאכען און מאכען אזעלכע שאלות, וואס קיין דאקטאר קריכט ניט אזוי ווייט און אינטערעסירט זיך דערמיט לחלוטין ניט.

אן אנדער דאקטאר, למשל, אז ער קומט צו א חולה, שטעלט ער אן א פנים, אויב ניט פון א גאט, איז ווענינגסטענס, פון א פראפעסאר. גיט א פייקעל מיט'ן פינגער איבער דעם ארט, וואס טהוט וועה; אין בעסטען פאל הערט ער אוים דעם פולס, און זעצט זיך באלד שרייבען „קאלי בראמאטי" אדער „ביניגום זולפוריקום" מיט אזא מינע, אז דער קראנקער מוז זיין פעסט איבערצייגט, אז אט דא ליגט זיין „ישועה". נעהמט אב די פאר גראשען און געהט אוועק.

דר. חאזאנאוויטש איז ניט אזא מענש. ער טאפט אוים

פון איז פאר פאלעסטינא. דער „אליאנס", „יקא", די „בני ברית", בערלינער „עזרא" — דאס זענען רייכע חברות, וואס טוען א סך אום צו פערשפרייטען בילדונג צווישען די פאלעס־טינער יודען. נאר קיינער פון זיי — אויסער די „בני ברית"— קימערט זיך כמעט ניט וועגען דאקטאר חאזאנאוויטש'עס ביב־ליאטעק. דר. חאזאנאוויטש האט געהאט א גרונד צו זיין ברוגז.

וואלט דר. חאזאנאוויטש געקאנט שרייען, רעקלאמירען זיך, ליארמען, ווי דאס רוב היינטיגע כלל־טוער טוען, וואלט ער שוין לאנג געהאט דערגרייכט זיין צוועק און מיט איהם וואל־טען קלינגען די בלעטער. נור דר. חאזאנאוויטש איז בטבע א שטילער מענש, מיט א העכסט דעליקאטע נשמה. ער האט ניט געקאנט פארטראגען קיין טומעל, קיין רעקלאמע, קיין גאוה, קיין אפענעם אדער פארמאסקירטען ליגען. ער האט געארבייט עניוות'דיג אין זיין ווינקעל, אין זיין אידעאל, וועלכען ער האט זיך געשטעלט אלס לעבענס־אויפגאבע. ער האט געארבייט, ווי א מילב, פלייסיג, אין דער שטיל, קלייבענדיג א בוך צו א בוך, טראנספארטירענדיג א קאסטען נאך א קאסטען, און ער איז געוועזען גליקליך מיט דעם געדאנק, אז דארטען וואקסט דאך זיין ארבייט און ווען עס איז וועט זיי ברייגנען פרוכט.

דאס איז דאקטאר חאזאנאוויטש, אלס נאציאנאליסט און קולטורעלער טוער. פון אט דער זייט איז ער בעקאנט אלע רו־סישע יודען און ווייט איבער דער רוסישער גרענעץ.

אבער נאך פיעל אינטערעסאנטער איז די פערזענליכקייט פון חאזאנאוויטש אלס מענש, און אלס דאקטאר. און פון אט דער זייט קען איהם כמעט קיינער ניט אויסער די גרע־נעצען פון זיין שטאדט. צו קענען חאזאנאוויטש'ן, אלס מענש און אלס דאקטאר, האט איהר געמוזט זיין אין ביאליסטאק, גע־מוזט ריידען מיט איהם און ריידען מיט זיינע פאציענטען און, בכלל, מיט ביאליסטאקער יודען.

פון אט דער זייט, איז דר. חאזאנאוויטש געוועזען זעהר פא־פולער אין ביאליסטאק, וואו מען האט ווייניגער ווי אומעטום געוואוסט פון זיינע ביבליאטעק־ירושלים־ביזנעס. ער איז פאפי־

וויל גרינדען א ביבליאטעק, ווערט ביי איהם אזעלכע בעשאפען אין איין טאג. אבער דאקטאר האזאנאוויטש איז נים קארגעני. איהם האט בילדען אזא ביבליאטעק געקאסט צוואנציג יאהר לעבען.

אט דאס איז דאקטאר האזאנאוויטשעס אידעאל. דער אי־דעאל פון זיין לעבען. זיין גאנצע פרייע צייט, יעדען אבגע־שפארטען רובל פון זיין פערדינסט, האט ער אוועקגעגעבען אט דעם אידעאל. ער פלעגט קויפען ביכער אליין, און אויסבעטלען ביי ווענען ער האט געקאנט, און פלעגט טראנספארטירען די ביכער אין זיין ביבליאטעק, אין ירושלים.

די ביבליאטעק אין ירושלים בעשטעהט פון א פאר ארימע צימערן. דאס איז די נדבה פון די „בני ברית". די ציוניסטען גיבען עפעס א קלייניגקייט צו שטייער אויף אויסצוהאלטען די ביבליאטעק, נור ווייטער דערפון געהט זייער אינטערעסירען זיך נים.

דאקטאר האזאנאוויטש איז בייז געווען אויף די ציוניסטען דערפאר. בעזאנדערס אויף די קולטורעלע ציוניסטען, פאר וועמעס אידעע דאקטאר האזאנאוויטש'עס אונטערנעהמונג איז א פונדאמענט. די ציוניסטען בעשטעהען אפילו פון פערשידענע פראקציעס, נים בלויז פון „קולטוריסטען". נאר וואס פאר א ריכטונג און פראגראם די אדער יענע ציוניסטישע פראקציע זאל נים האבען — די קולטורעלע ארבייט אין פאלעסטינא האט ביי אלעמען א וויכטיגע בעדייטונג. אפילו ציוניסטען־אנארכיסטען, אפילו געגנער פון ציוניזם געפינען, אז א חוץ אלע ציוניסטישע שטרעבונגען, איז קולטורעלע ארבייט אין ארץ ישראל, איבער־הויפט אין ירושלים — דער דאזיגער נעסט פון פינסטערנים, אבערגלויבען און „חלוקה" — שוין זעלבסט פאר זיך זעהר א וויכטיגע זאך.

א חוץ די ציוניסטען זענען פאראן צעהנדליגע אלטע און נייע חברות, אין אייראפא, אין אמעריקא, אין דער גאנצער וועלט, וואס זייער ספעציעלע טעטיגקייט, אדער א טייל דער־

# דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש.

(א ביאַליסטאָקער פאָלקס־פריינד).

דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש, פון ביאַליסטאָק, איז אַ טיעף איינ־געסאַנטער טיפּ. כאָטש ער האָט געלעבט יאָהרען־לאַנג אין ביאַליסטאָק, כמעט ניט ארויספאָהרענדיג פון שטאָדט, דאָך איז זיין נאָמען בעקאַנט אַלע רוסישע יודען.

בעקאַנט איז דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש מיט זיין יודישער ביבליאָטעק אין ירושלים. ער איז אַ הייסער ציוניסט, פון די ערשטע „חובבי ציון". נור מיט זיין טעטיגקייט איז ער ניט גלייך צו אנדערע. ער האָט זיך אויסגעקליבען אַ ווינקעל, זיין ווינקעל, אין וועלכען ער האָט געאַרבייט צעהנדליגע יאָהרען, כמעט איי־נער אליין.

דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפען אין פּאַלעסטינא אַ גרויסע ביבליאָטעק. די ביבליאָ־טעק זאָל דיענען אלס קוואַל פאַר יודישע וויסענשאַפט, היס־טאָריע, קולטור. אַלעס וואָס בעלאַנגט צו יודישער וויסענשאַפט, צום יודישען לעבען אַ מאָל און איצט; וואָס עס איז נור ווען עס איז געשריבען געוואָרען יודישעס אויף יעדער שפּראַך, זאָל זיך געפינען אין אָט דער ביבליאָטעק.

עס איז ניטאָ קיין איין ציוניסט, פון די אַלטע, צי פון די נייע, וואָס זאָל ניט סימפּאַטיזירען שטאַרק מיט דאָקטאָר חאַ־זאַנאָוויטשעס אידעע. „אחד העם", דער בעוואוסטער לידער פון די קולטורעלע ציוניסטען, וויל, אַז פּאַלעסטינא זאָל זיין דער קולטורעלער צענטער פון דעם יודישען פאָלק. דאָקטאָר חאַזאַנאָ־וויטש האָט געוואָלט, אַז זיין ביבליאָטעק זאָל זיין דער צענטער פון אָט דעם צענטער.

אין חאַזאַנאָוויטשעס ביבליאָטעק, וועלכע געפינט זיך אין ירושלים, איז איצט דאָ העכער ווי צוואַנציג טויזענד בענד. פאַר אַ יודישע ביבליאָטעק איז דאָס אַ גרויסע ציפער. ווען קאַרנעגי

געמאכט, אז ער שטרענגט זיך אן צו פּיעל, צו וואָס איילט ער זיך אזוי?

— אונזערער א מענש, — האָט ער געענטפערט, — מוז זיך אימער איילן. מיר זענען, ווייניגער פון יעדן איינעם, זי־כער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג.

ער האָט עקספּערימענטירט און געשריבן וועגן זיין אי־דעאַל, וועגן זיין ערפינדונג.

צו האָט ער איבערגעלאָזן אימיצען פון זיינע קאָלעגען און פריינד זיין געהיימניס, אָדער ער האָט עס מיט זיך אין קבר גענומען, ווייס איך ניט ביז היינטיגען טאָג.

שוואַרצען דאָקטאָר און פאָהרען צוריק א היים, אין מיין שטאָדט.

אין צוויי מאָנאַטען אַרום האָב איך בעקומען פון דער זעלבער שטאָדט פון מיינער א בעקאַנטער פאָלגענדען בריף:

...איך קום ערשט פון דער לויה. מיר האָבען בעגלייט דעם... שוואַרצען דאָקטאָר. איך קען אייך ניט פאַרשטעלען, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטאדט, אויפ'ן בית עולם. עס זענען געווען אַלט און יונג, איבערהויפּט ארבייטער. ער איז געשטאַרבען, ווי א סאָלדאט, אויף זיין פּאָסטען. ער האט געאָפּפערט זיין לעבען פאַר די אָרימע און ליידענדע... אין שטאָדט האט געהערשט א טיפוס־עפּידעמיע. דער גאַנצער חורבן איז געווען אין די אָרימע קוואַרטאַלען. דער שוואַרצער דאָקטאר האט ניט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. ער האט ממש ניט געגעסען, ניט געטרונקען, מיט אַלע קרעפטען געזעהען ראַטעווען די אָפּפער. און איז אַליין געפאַלען אַנ'אָפּפער. אין א אָרימע הויז האט ער זיך אָנגענומען די טיפוס־קראַנקהייט און גלייך זיך דערפיהלט שלעכט. אָבער אַנשטאַט צו געהן א היים, אויסרוהען זיך, איז ער אַוועק אויף א פערזאַמלונג און גערעדט איינינע שטונדען נאָכאַנאַנד, וועגענדיג מיטלייד צו די קראַנקע און אָרימע. דאָס האט איהם דער־הרג'עט. קומענדיג א היים האט ער זיך גלייך געלעגט אויף זיין בעט, פון וועלכער ער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

גלויבט זיך אייך, אַז אונזער פריינד, דער שוואַרצער דאָקטאר, איז געשטאַרבען?״

ניין, איך האָב ניט געגלויבט. ווי אַזוי האב איך געקענט גלויבען? ער איז געווען יונג, פריש, געזונד און פול מיט לעבען, מיט ענערגיע, מיט די שענסטע פאַנטאַזיען, וואָס א טרוימער האט ווען עס איז געקענט איינפאַלען, און — פּלוצלונג...

די גאַנצע יודישע פּרעסע איז דעמאָלט פול געווען מיט הספדים נאָכ'ן שוואַרצען דאָקטאָר. נאָר מערקווירדיג: ווענען זיין סעקרעט איז ערגעץ א וואָרט ניט געווען דערמאָנט.

די לעצטע צייט, פאַר מיין שיידען זיך מיט איהם, האָט ער פיעל געאַרבייט ביי זיך אין קאַבינעט. איך האָב איהם אויפמערקזאַם

ובלי מחיר—אומזיסט גאָר אָהן געלד...

דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט געמאַכט עקספּערימענטען אין זיין איינענעם הויזיגען לאַבאָראַטאָריום. און יעדער עקספּערימענט האָט איהם צוגעגעבען אַלץ מעהר מוט און האָפנונג אויף אַ גלענצענדען ערפאָלג.

דאָס זענען אָבער אַלץ געווען קליינינקע פּראָבעס. צו ערנסטע עקספּערימענטען האָט מען געמוזט האָבען גאַנץ אַנדערע אינסטרומענטען, וועלכע זענען מעגליך צו דערווייזען נאָר אין אַזעלכע גרויסע לאַבאָראַטאָריעס פאַר נאַטור־וויסענשאַפט, וועלכע זענען פאַראַן אין וויען, פּאַריז אָדער בערלין.

און דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט בעשלאָסען אויפצוגעבען אויף יאָהרען זיינע פּערזענליכע אינטערעסען, אַוועק פון זיין פאַמיליע, פון זיין געליעבטע פרוי און קינד און בעזעצען זיך אין וויען, וואו דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט (ער האָט זיך דאַן נאָר וואָס געגרינדעט) האָט געזאָלט געבען די מיטלען—אַזוי האָט ער געהאָפט — צו זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און עקספּערימענטען.

איך האָב אַ האַלב יאָהר צייט פערבראַכט אין יענער שטאָדט, וואו דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט געוואוינט, און פלעג זיך אָפט צוזאַמענטרעפען מיט איהם אין אַ קרייזעל פון אַלגעמיינע בעקאַנטע און ביי איהם אין דער היים. ער איז דאַן אַרויסגעטראָטען אין דער פּרעסע און האָט פּראַקטיש געאַרבייט פאַר אַ גרויסע אונטערנעהמונג צו הויבען די עקאָנאָמישע און פיזישע לאַגע פון דער יודישער מאַסע אין רוסלאַנד דורך ענטוויקלונג פון גערטנעריי און סעדעריי. אין אָט דער אונטערנעהמונג האָט ער געהאַט אין זיין שטאָדט די סימפּאַטיע און שטיצע פון אַלע קלאַסען מענשען. מעהר פון אַלעמען האָט איהם געהאָלפען די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט געהאַט די פעהיגקייט אָבצוגעבען זיך די פאַטע פאַנטאַסטישע טרוימען, און צו דערזעלבער צייט — אין זיין פּראַקטישער טעטיגקייט — ניט אָבצוטרעטען אַ שריט פון דער ווירקליכקייט.

די אומשטענדען האָבען מיך געצוואונגען צו געזעגענען זיך מיט'ן

מען קיין רחמנות ניט געהאט,—האָבען זיך די נביאים ערלייבט אויפצוהאַלטען דעם רעגען נאָר אויף א קורצע צייט, כדי אָנצושרעקען די זינדינע.

די לאבאראטאָריעם, וואו די נביאים האָבען פאבריצירט רעגען, דונערן און בליצען, זענען געווען אויף די שפּיצען בערג. דאָרט איז געווען די לופט מסוגל דערצו. דעריבער האָבען די אַרומינע שכנים, די גויים, געזאָגט, אַז די יודישע געטער זענען נאָר אויף די שפּיצען בערג (אלוהי הרים—אלוהיהם). געוויסע שפּיצען בערג אין ארץ ישראל זענען יעצט אויך מסוגל דערצו, און דער שווארצער דאָקטאָר האָט זיך פאַרבערייט געמאַכט צו גרינדען דאָרטען מיט דער צייט זיין „רעגען־פאבריק", צו בויען דאָרט זיין „הייל פאר די פעלקער און רעטונג פאר דער גאַנצער מענשהייט".

וואָרום ניט בלויז זיין פאָלק האָט דער שווארצער דאָקטאָר געוואָלט דינען מיט זיין ערפינדונג, נאָר דער גאַנצער מענשהייט. אָבער זיין סעקרעט האָט ער בעשלאָסען אוועקצוגעבען א געשענק דעם יודישען פאָלק. דאָס איז געווען א נקמה די פעלקער, פאר די טויזענ־דער יעהרינע פייניגונגען, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט פון זיי, פון די פעלקער, אויסגעשטאַנען. אָבער—די עדעלסטע נקמה, וואָס האָט ווען עס איז געגעבען.

„איהר האָט אונז טויזענדער יאָהרען געהעצט, געפייניגט, געברענט, געבראָטען. געטרונקען אונזער בלוט ווי וואסער,—און מיר צאָהלען אייך מיט גליק, מיט וואוילטאָג, מיט פרייד.

„הוי, כל צמא, לכו למים!—אָ, קומט אהער, ווער עס האָט נאָר דורשט, קומט נאָך וואסער; ואשר אין לו כסף—און ווער 'עס האָט קיין געלד ניט—לכו שברו ואכלו, געהט קויפט און עסט; ולכו שברו בלא כסף—געהט קויפט אָהן געלד; ובלא מחיר—נאָר אומזיסט נעהמט—יין וחלב, וויין און מילך. יעדעם פאָלק און יעדעם לאנד, וואָס ליידט נאָר מאנגעל אין וואסער, מאנגעל אין רעגען, ניט א סטאַפּעט צום יודישען פאָלק אין דער יודישער מדינה און מען בעקומט, פיליינכט דורך דראַטלאָזען טעלעגראף... רעגען, שטראָמען וואסער, בלא כסף

האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג, זיין אייגענע סיסטעם צו ערקלערען די פאַקטען, וואָס ווערען דערצעהלט אין תנ״ך.

ער האָט בעהויפּטעט, אַז אַ גרויסער טייל פון די ביבלישע ערצעהלונגען און וואונדער־מעשיות זענען, אין גרונד, אמת׳ע פּאַסירונגען. זיי שיינען אונז אונגלויבליך, ווייל אונז פעהלט דער שליסעל צו פאַרשטעהן די שפּראַך פון די אמאָליגע יודישע היסטאָריקער.

און ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט געפונען דעם שליסעל. די ערצעהלונגען וועגען דעם וואונדערליכען רעגען, וואָס די נביאים פלעגען ברייננגען, האָט ער ערקלערט אַזוי: די נביאים האָבען בעזעסען די געהיימנים צו שאַפען, מיט דער קראַפט פון עלעקטרעציטעט, קינסטליכע וואָלקענס און ברייננגען רעגען. דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס ארץ ישראל איז פאַר זייער צייט געוועזען אַ געבענשטע לאַנד, אַן׳ארץ זבת חלב ודבש. ארץ ישראל איז יעצט פאַרוויסט, ווייל די געהיימנים פון אַ קינסטליכען רעגען איז פאַרגעסען געוואָרען מיט דער פאַרשווינדונג פון די נביאים.

דערמיט האָט ער אויך ערקלערט די אורזאַך: פאַר וואָס די נביאים, אָט די רעוואָלוציאָנערען פון פאַר טויזענדער יאָהרען, האָבען געהאַט אַזאַ אונגעהויערע מאַכט איבער די מאַסען און איבער די הערשער אין יענע פינסטערע צייטען, ווען אַזעלכע פרייע דענקער און פאָלקסקעמפּפער האָבען אונמעגליך געקאָנט עקזיסטירען. די נביאים אַזוי ווי די „חרטומים״ פון מצרים און די „מהנים״ פון בבל, האָבען בעזעסען אַ סך וויסענשאַפטליכע סעקרעטען. אָבער אַנשטאַט דעם, וואָס די עגיפּטישע און באַבילאָנישע געלעהרטע האָבען בענוצט זייער חכמה צו אונטערדריקען די מאַסען, צו שרעקען זיי און האַלטען זיי אין דער פינסטער, — האָבען די נביאים, אין געגענטייל, בענוצט זייער וויסענשאַפט צום נוצען פון דעם פאָלק און צו שרעקען די הערשער. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען, ווען דאָס פאָלק איז אָבגעטראָטען פון דעם גלייכען וועג, וואָס די נביאים האָבען זיי געלערנט, ווען אַנשטאַט ברידערשאַפט און גערעכטיגקייט זענען פול געוועזען די הייזער מיט רויב; אָרימע לייט האָט מען געדריקט, אויף אַלמנות און יתומים האָט

האָבען זיינע גרויסע, שוואַרצע, טיעפע, אויגען, אַזוי געבלישטשעט, און זיינע ליפּען האָבען אַזוי גליקליך, אַזוי קינדיש מילד געשמייכעלט, אַז אייך האָט זיך געדוכט: איהר זעהט פאַר זיך ניט אַ מאַן פון גרויסער געלעהרזאַמקייט און זעלטענער פּיעלזייטיגער ענטוויקלונג, נאָר אַ קינד, וואָס לעבט ניט אין דער ווירקליכקייט, נאָר אין זיין צויבערהאַפטער, אונבעשרענקטער פאַנטאַזיע.

פון זיין אידעע האָט ער אָבער, כמעט, מיט קיינעם ניט גערעדט. נאָר עטליכע געציילטע, גאַנץ נאָהענטע מענשען האָט ער זי פערטרויט.

זיין אידעע איז געווען אַ וויסענשאַפטליכע ערפינדונג. די דאָזיגע ערפינדונג האָט געדאַרפט מאַכען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דעם לעבען פון די פעלקער, אַזוי ווי די ערפינדונג פון דרוק, פון דאַמפּף, פון עלעקטריציטעט און פיליכט נאָך מעהר. זיין ערפינדונג האָט געזאָלט זיין אויך אַ בענשונג פאַר אַלעס, וואָס לעבט און אָטעמט, ווי פאַר מענשען, אַזוי אויך פאַר חיות און פלאַנצונגען.

זיין אידעע איז געווען אַ פערווירקליכונג פון די שענע פּאָעטישע צוקונפט־בילדער פון די נביאים:

„ישׂשׂום מדבר וציה—עס וועלען זיך פרייען די וויסטענעס און פאַרטריקענטע לענדער, ותגל ערבה—פריילין וועט אויפזינגען די פערדאַרטע סטעפּ, ותפרח כחבצלת—און זי וועט בליהען ווי אַ ליליענבלום... כי נבקעו במדבר מים—וואָרום וואַסער וועט קוועלען דורך דער וויסטע, ונחלים בערבה—און טייכען וועלען פליסען דורך די זאַמדינע סטעפּעס“...

וואָרום דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען אַ מיטעל צו מאַכען קינסטליכע וואָלקענס און שאַפען קינסטליכען רעגען.

דאָס מערקווירדינסטע פון דעם שוואַרצען דאָקטאָר'ס ערפינדונג איז געווען זיין בעהויפּטונג, אַז די ערפינדונג איז שוין געמאַכט געוואָרען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, געמאַכט געוואָרען דורך די יודישע נביאים. די געהיימניס איז פערגעסען געוואָרען, און ער האָט זי ווידער ערפונדען.

ער איז געווען אַ גרויסער קענער אין דעם ביבעל־שטודיום און

האָבענדיג זיין פּראַקטיקע כמעט נאָר אין די אָרימע „באַלופּקעס“, האָט דער שוואַרצער דאָקטאָר יעצט, מעהר ווי פריהער, געהאַט די געלעגענהייט צוצוקוקען זיך צו דעם אינערליכען לעבען פון דער יודישער מאַסע. די קוועטשענעס און מאַטערנעס פון דעם המון האָט איהם גערירט טיף אין דער נשמה. אָבער נאָך מעהר האָט איהם געשמאַרצט, ווען ער האָט צו געזעהן, די גייסטיגע יסורים פון די יודישע יונגע לייט. זיין הויז איז געווען אָפען פאַר יעדען יודישען בחור אָדער מיידעל, וואָס האָט גערורשט נאָך בילדונג, נאָך אַן עצה. ער האָט אַלעמען געהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקאָנט. ביי איהם אין הויז האָט מען געקענט זעהען ניי־מאָדישע קלויזניקעס, וואָס זענען געקומען ביי איהם פרעגען אַ הארבע שאלה אין קראָכמאַל׳ס „מורה נבוכי הזמן“, אָדער פּשוט אין דער גמרא, „סאַמאָאוטשקעס“ (אַליין־לערנער) מיט אַ שווערע „זאַדאַטשע“ אין מאַטעמאַטיק אָדער פיזיק; יונגע רבנים מיט אַ שטיקעל חקירה אין „רמב״ם“, אַנדערע מיט אַ שאלה אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אָדער פיזיאָלאָגיע. ביי איהם האָט מען געקענט טרעפען אַמאָל אַ ציוניסטישע פערזאַמלונג און צייטענווייז אַ נעחיימע, אַ סאָציאַליסטישע.

צווישען ציוניסטען און סאָציאַליסטען איז געווען אַ קאָנקורענץ איבער דעם שוואַרצען דאָקטאָר, אזוי ווי אַמאָל די זיבען גריכישע שטעדט האָבען זיך געקריגט איבער דעם פּאָעט האָמער. די האָבען געזאָגט: ער איז אונזערער, און יענע האָבען גע׳טענה׳עט: ער איז אונזערער. דער אמת איז אָבער געווען, אַז דער שוואַרצער דאָקטאר האָט געהערט אומעטום, וואו ער האָט בעמערקט ליידען און שטרעבען נאָך ליכט.

נאָר מעהר פון אַלעמען האָט ער געהערט צו זיין שענעם טרוים, זיין אידעע. די אידעע איז געווען אי אַ נאַציאָנאַלע, אי אַ קאָסמאָפּאָליטישע, אי אַ וויסענשאַפטליכע—איינע פון די גרעסטע וויסענשאַפט־פּראָבלעמען, וואָס האָבען ווען עס איז בעהערשט די גרעסטע וויסענשאַפטליכע גייסטער,— אי אַן אונגלויבליכע קינדישע פאַנטאַזיע.

און אַז ער האָט וועגען איהר גערעדט, וועגען זיין שענער אידעע,

עס צו פערדאנקען, מייסטענטיילס, דעם „קשה עורף־גייסט", דער הויכער מאראלישער ערציהונג. וואס עס האט בעקומען מיט טויזענ־דער יאהרען צוריק אין פאלעסטינא; דעם גייסט, וואס די שרעקליכע אומשטענדען פון גלות האבען געקענט נאר פערשטיקען, אבער ניט אונטערדריקען. ער האט געגלויבט אין א יודישער „מיסיע", אין א שליחות, אנ׳אויפגאבע פונ׳ם יודישען פאלק צו זיין דער טרעגער פון ליכט און פרייהייטס־אידעאלען פאר דער גאנצער מענשהייט; און אום די יודען זאלען קענען ערפילען זייער אויפגאבע אין הארמאניע מיט זייערע קרעפטען, מוזען זיי זיך אומקעהרען צו דעם לאנד, צו דער נאטור, וועלכע האט אט די קרעפטען געשאפען און ערצויגען.

וואס אנבעלאנגט אבער דער הויבונג פון דעם עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען פון דעם יודישען פאלק, ניט אין דעם אידעאלען זין, נאר בכלל, האט דער שווארצער דאקטאר געהאלטען, אז דאס איז מעגליך און מוז זיין אויך אין די לענדער, וואו יודען לעבען יעצט; ער האט געהאלטען, אז ווען אפילו דער יודענשטאאט זאל ווערען א פאקט, וועט נאר א געוויסער, מעהר אידעאליסטישער טייל פון דעם יודישען פאלק אוועק אהין. דער דורכשניטליכער טייל—און דאס איז די גרויסע מעהרהייט,—וועט אימער בלייבען דארט, וואו זיי זענען. און דעריבער—איז געווען זיין מיינונג—מוז דאס יודישע פאלק נעהמען אנ׳אנטייל אין דעם לעבען פון די נאציאנען, צווישען וועלכע זיי וואוינען, מוז טיילען זייערע פריידען און ליידען, מוז קעמפפען זייערע קאמפפען פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. וויל, וואס פרייער און ליכטיגער — האט ער געזאגט — עס איז ארום אונז, אלץ פרייער און ליכטיגער, קען זיין ביי אונז אינווענינ.

פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט האט דער שווארצער דאקטאר געהאט גרויס רעספעקט צו די יודישע רעוואלוציאנערען. דאס איז געווען ערב דער בעשאפונג פונ׳ם „בונד". דער רעוואלוציאנערער גייסט האט נאך דערווייל געהערשט בלויז אין א טייל פון דער אינטעליגענץ, אבער שוין אין די מאסען האט ביסלעכווייז אנגעהויבען צו קאכען און זידען.

נעלאָזט מערקען שאַרפע שפּורען פון אַן׳אָבגעפּרישטער, אויפלעבענ־
דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

אין דער לופט האָט אָנגעהויבען שמעקען מיט לעבען און קאַמפּף.

נאָך איז אין זיין אָבגעלעגענער שטאָט געווען שטיל און לאַנגווייליג.
אָבער ער האָט זיך מיט אַלע נערוון שוין צוגעהערט צו ביידע ווינטען,
וואָס האָבען געבלאָזען פון ביידע זייטען און האָט געשפּירט אַז עס איז
געקומען זיין צייט ווידער אַרויסצוטרעטען און פעלד.

עס איז שווער צו בעצייכענען מיט איין וואָרט די וועלט-אַנשויאונג
פון דעם שוואַרצען דאָקטאָר. ער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, אַ
העברייער און אַ זעלטענער קענער פון דער ביבעל. ער האָט ליעב
געהאַט די יודישע געשיכטע, די יודישע ליטעראַטור, די העברעאישע
שפּראַך, בעזונדערס די שפּראַך פון די נביאים מיט אַ פאַנאַטישער ליבע.
ער האָט דעם תנ״ך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו שטודירען. דעם
יודישען פאָלק איז ער געווען איבערגעגעבען מיט׳ן גוף און מיט דער
נשמה. און דאָך איז ער ניט געווען קיין נאַציאָנאַליסט אין דעם אַל־
געמיינעם זין. ער איז מעהר געווען קאָסמאָפּאָליט און וויסענשאַפטסמאַן,
ווי נאַציאָנאַליסט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעלאָזען צו אַ געפיהל,
ווי טייער דאָס געפיהל האָט איהם געמענט זיין, ווען עס האָט ניט
געהאַט אין זיינע אויגען קיין וויסענשאַפטליכען פונדאַמענט. ער האָט
געגלויבט אין אַ יודישער מדינה, ער איז צוגעשטאַנען צום ציוניזם אין
זיין נייער פּראַקטיש-פּאָליטישער פאָרם. אָבער דער ציוניזם אַליין
פאַר זיך האָט ביי איהם געהאַט וועניגער ווערט און בעדייטונג, ווי זיין
אַלמענשליכע, „קאָסמאָפּאָליטישע״ זייט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.
ער האָט שטאַרק שטודירט דעם באָדען פון ארץ ישראל, זיין קלימאַט,
זיין קולטור, ער האָט טיף דורכגעשטודירט די פּאַלעסטינישע פּער־
יאָדע פון דער יודישער געשיכטע, און האָט בעהויפּטעט, אַז זעלטען
איז אַ לאַנד מסוגל, ביי געוויסע בעדינגונגען, צו ענטוויקלען אַזאַ הויכע
מאָראַלישע קולטור, ווי פּאַלעסטינא. ווען דאָס יודישע פאָלק שטעלט
זיך אומעטום, אין אַלע צייטען, אין דער שפּיץ פון פּראָגרעס, אין די
ערשטע רייהען פון קאַמפּף פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט — האָט

בעלי־טובות, קעמפפען מיט זיי פאר גבאות איבער די אָרימע לייט — דאָס איז געווען ניט פאר איהם. דאָס יודישע געזעלשאפטליכע לעבען בכלל, איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ פערגליווערטען צושטאַנד. די אַלטע פילאַנטראָפיש־בטל׳אָנישע „חבת ציון״ האָט געהאַלטען ביין אָבשטאַרבען. די נייע ציוניסטיש־קולטורעלע און פּאָליטישע בעוועגונג איז נאָך ניט בעשאַפען געוואָרען. די יודישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז נאָך געווען זעהר קליין און האָט ווייט ניט געהאַט דעם מאַסען־כאַראַקטער וואָס מיט אייניגע יאָהר שפּעטער.

דער שווארצער דאָקטאָר האָט פיינד געהאַט צו שפּילען אין חברות און פּראַזירען. זייענדיג און אָנהויב פון דער „חובבי ציון״-בעוועגונג, נאָך די פּאָגראָמען פון איין און אכציגסטען יאָהר, אַ פייערדיגער „חובב ציון״ — דאָס איז געווען כמעט אין זיינע יונגעלשע יאָהרען — איז ער געשטאַנען אָן אַ זייט פון אָט דער בעוועגונג שפּעטער, ווען ער האָט געזעהען, אז זי האָט ניט געשאַפען, ניט קיין מענשען, ניט קיין מעשים.

דער יודישער תחום האָט דעמאָלט אין אַלגעמיין איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון שטיקענעס און שטילער פערצווייפלונג. די שטיקענעס און די כמארע איז געווען, ווי פאר אַ שטורם. אָבער דעם שטורם האָט נאָך קיינער ניט געפיהלט, ניט דער שווארצער דאָקטאָר אַליין איז געווען דעמאָלט אָבהענגדיג, יעדער אינטעליגענט מיט ענערגיע און גייסט האָט זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען.

און אום ער זאָל ניט פערזויערן און ערן איננאַנצען אין דעם קליינליכען טאָג־טעגליכען רוהיגען פאַמיליען-לעבען, האָט ער אויסגעשריבען צו זיך פון אַנ׳אַנדער שטאָדט אַ חבר, אַ אינטעליגענט, אַ פּריוואַט לעהרער, אַ פּעסימיסט, אַ בייסענדען קריטיקער; האָט פאר איהם געקראָגען לעקציעס, בלויז מיט דעם צוועק, יענער זאָל מיט זיין פּעסימיזם איהם ניט לאָזען איינשלאָפען.

יענער מאָמענט האָט זיך ענדליך אומגעביטען. אויף דער סצענע איז אַרויסגעטראָטען אנשטאָט דעם גוסס׳ן „ישוב ארץ ישראל״ דער הערצל׳שער ציוניזם פון איין זייט און פון דער אַנדער זייט האָבען זיך

קבצנים פון שטאָדט און גערונגען האָט ער זיך קיינמאָל נים.

געלעבט האָט ער פון קינד־ווייז אָן בהרחבה: ער איז געווען איין איינציגער זוהן ביי א יודישען גוטסבעזיצער. נאָר זיין האַרץ האָט געצויגען צו קבצנים נאָך פון יונגעל־ווייז אָן. ער האָט געטיילט זיין וואַרמעס און זיין געלד מיט אָרימע קלויזניקעס, און דערנאָך, מיט אָרימע חברים אין גימנאַזיע און אוניווערזיטעט.

און ווי מיט זיין געלד, אזוי האָט ער זיך אויך געטיילט מיט זיין גייסט—מיט אלע אָרימע יודישע בחורים. ער האָט געגעבען אומזיסטע לעקציעס צעהנדליגע יונגע לייט, האָט אָרגאַניזירט גרופּעס און געזעהן, אַז קיין יודישער בחור, וואָס וויל זיך בילדען, זאָל נים פעהלען קיין בוך און קיין לעהרער.

זייענדיג א סטודענט אין פּעטערסבורג, איז ער געווען דער מיטעלפּונקט פון דער יודישער סטודענטען־וועלט. פון אלץ, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען גייסטיגעס, סימפּאַטישעס, איז ער געווען איינער פון די ערשטע שעפער און אָנפיהרער.

קיין וויכטיגע זאך, קיין איינציגע פראַגע פון דער וויסענשאַפט, ווי אויך פון געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען, האָט ער נים דורכגעלאָזען, וואו ער זאָל עס נים ערנסט דורכדענקען. נאָר מעהר פון אלץ האָט איהם אינטערעסירט דאָס לעבען פון די יודישע מאַסען און דער יודישער אינטעליגענץ. אין יעדער פראַגע פון דעם יודישען פאָלקס־לעבען, אין וועלכער די אינטעליגענץ האָט זיך בעטייליגט, האָט ער גענומען דעם גרעסטען חלק.

אין וויטעבסק, דער מיטעלמעסיגער יודישער פּראָווינץ־שטאָדט, וואוהין ער איז אָנגעקומען פּראַקטיקירען, איז דער לעבען געגאַנגען לאַנגזאַם און פויל. ער אליין האָט געלעבט רוהיג און גליקליך אין זיין פאַמיליען-קרייז. אָבער דאָס גליק פון פּערזענליכען לעבען האָט נים גע־קאָנט צופרידען שטעלען דעם שוואַרצען דאָקטאָר. ער האָט געפיהלט אין זיין בוזעם א מעכטיגען שטראָם פון ענערגיע און האָט נים געהאַט וואו אהין צו טאָן זי. בעשעפטיגען זיך מיט צדקה־זאכען אין זיין שטאָדט, קומען אין בעריהרונג מיט פערשידענע קהל׳שע פערזאָנען, שטאָדט־

נאָך שענער, בעצויבערנדער פון זיינע אויגן, איז געווען זיין שמייכעל. מיט זיין שמייכעל האָט ער אַלעמען בעזונגט: אי פריינר, אי געגנער.

זיין שמייכעל איז קיינמאָל ניט געווען קיין פערעכטליכער, קיין איראָנישער. אין זיין שמייכעל האָט זיך אָבגעשפּיגעלט זיין צאַרטע, איידעלע נשמה און דורך איהם האָט ער פערשפּאָרט פיעל צו ריידען.

קיין רעדנער איז דער שוואַרצער דאָקטאָר ניט געווען. ער האָט גערעדט שטיל, לאַנגזאַם. אָבער ער האָט נאָר געדאַרפט עפענען זיין מויל און מיט איהם האָבען שלום געמאַכט די סאַמע פערביסענע געגנער.

קיין פראַזען, קיין באָמבעס, קיין פייערווערק האָט דער שוואַר־צער דאָקטאָר ניט געברויכט, און ער האָט זיי אויך ניט געדאַרפט. זיין שפּראַך איז געווען קלאָר, ווי זיין נשמה. רוהיג און שטיל האָט ער גערעדט. אָבער זיין רעדע איז געווען פול מיט אייזערנער לאָגיק און פאַקטען. וואָרום פאַר קיינעם פון זיין קרייז זענען ניט געווען אַזוי אָפען די „טויערן פון וויסענשאַפט״, ווי פאַר דעם שוואַרצען דאָקטאָר.

נאָך אַלס יונגעל איז ער געווען בעריהמט פאַר אַנ׳עלוי. פון קלויז איז ער אַריין אין די לעצטע קלאַסען גימנאַזיע, און איז געווען איבעראַל דער ערשטער שילער. ער האָט געענדיגט צוויי פאַקולטעטען, אַרויס מיט אַ גלענצענדען דיפּלאָם. שוין די ערשטע יאָהרען, נאָך זיין אַרויסגעהן פון אוניווערזיטעט, האָט ער געמאַכט אַ וויכטיגע ערפינדונג אין דער נאַטור־וויסענשאַפט. מיט דער ערפינדונג האָבען געקלונגען די וויסענשאַפט־בלעטער, און דעם שוואַרצען דאָקטאָר האָט ערוואַרט אַ גלענצענדע צוקונפט. ער האָט געקענט ווערען אַ פּראָפעסאָר אין די העכערע שולען.

אָבער ער איז געווען אַ יוד, און דעריבער האָט ער געמוזט זיך בעזעצען פּראַקטיקירען, ווי זיינע איבעריגע חברים, אין אַ יודישער שטאָדט, אַלס דאָקטאָר.

אַ פּראַקטיק האָט געהאַט דער שוואַרצער דאָקטאָר אַ גרויסע. נאָר פאַרדינט האָט ער ווענינ. זיינע פּאַציענטען זענען געווען אַלע

# דער שוואַרצער דאָקטאָר און זיין ערפינדונג.

(געווידמעט דעם אנדענקען פון דר. קאָראָלשוק).

---

היינט ווען אַלע יודען זענען „מזכיר נשמות״, די נשמות פון די, וואָס זענען זיי געווען ליעב אין טייער, וויל איך אויך דערמאָנען אַ נשמה, וואָס זי איז מיר אויך ליעב און טייער געווען,— די נשמה פון דעם שווארצען דאָקטאָר.

„שווארצער דאָקטאָר״ האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז געווען זעהר אַ שווארצער און האָט דערצו געהאט עפּעס אַ מאָדנעם פּנים: אַ ברייטען געזיכט, אַ גרויסען קאָפּ, זעהר אַ גרויסען אין פער־העלטנים מיט זיין קערפּער און אַ קורצע האַלז.

שווארץ איז ער געווען, אָבער... אַ שענערען האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן.

און זיין שענקייט איז געלעגען אין זיינע גרויסע, מאָרנע, טיעפע שווארצע אויגען. אז ער האָט אויף אייך אַ קוק געטאָן, האָט איהר ניט ווילענדיג געפיהלט, ווי עס האָט אייך בענאָסען מיט אַ שטראָם פון ליכטיגקייט און ווארימקייט.

אין זיינע אויגען איז געלעגען אַ מאָרנע קראַפט, אַ מאַגנעט: עס האָט געצויגען צו איהם, עס האָט זיך געוואָלט קוקען אין זיינע אויגען; עס איז געווען אַ חיות צו בעגעגנען זיך מיט זיינע בליקען.

דעם מוט און די איינגעבארענע לעבענס-לוסטינקייט, ניט געטויט זיינע געזעלשאפטליכע אידעאלען.

אין דער פערזאן פון אָט די איינצעלנע פערוואָרפענע שענע און שטארקע יודען איז אזוי ווי פערקערפערט דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם ליטווישען יודענטום׳ס פערגאנגענהייט. און א שמערצליך געפיהל דרינגט ניט ווילענדיג אין דער נשמה ביי דעם געדאנק, אז זיי זענען די לעצטע...

רופט ביי יודען א „מרשלב״.

פון דריי רובל א וואָך איז געווען, נאַטירליך, אונמעגליך צו לעבען. האָט ער זיך ניט געשעמט צו צוברויכען א מלאכה. איז געוואָרען — א גלעזער.

קויפט אביסעל גלאָז—קומען צו איהם יודען, פויערים פון שטעדטעל, פון די ארומיגע דערפער, מיט זייערע ראהמען, און ער שטעלט זיי אריין שויבען.

פויערים האלטען זעהר פונ׳ם „ראבין״. עס קומען צו איהם אָפט אויך גלחים און האָבען ליעב צו פיהרען מיט איהם דיספוטען. ער שניידט צו די גלאָז, פערקיטעווערט און — האָט דערפון אפשר נאָך א פאָר רובל א וואָך. אמאָל האָט ער געהאט נאָך א פרנסה. פלעגט מאכען ראָזינקעס-וויין און דערפון אויך געהאט א פאָר רובל א וואָך. אָט אזוי האָט ער, ווי עס איז, געהאט זיין אויסקומענים. און האָט נאָך אפילו געקענט אָבשפארען עטליכע רובל און אויסצאָהלען דעם פלאַץ מיט דער כאַלופע, וואו ער וואוינט. ארום שטוב האָט ער א גאָרטען געפלאנצט.

די שטוב האָט ער אליין געבויט און דעם גאָרטען אליין געפלאנצט, יעדעס בוימעל—מיט די אייגענע הענד. א קעלער—אליין געשטעלט. יעדע שטוביגע ארבייט טוט ער אליין. זומער צייט מאכט ער זיך א שטענדער אין זיין גאָרטען און לערנט אויף דער פרייער לופט.

איך האָב פערבראכט ביי דעם ביטערער רב—גלעזער אין הויז א היבשע צייט. מיט זיין שלאנקער, שענער געשטאלט, טיפע שווארצע אויגען, אין וועלכע עס ברענט נאָך איצט א יוגענדליכער פייער, מיט זיין נאאיווער בעגייסטערונג און, צו דער זעלבער צייט, פראקטישען קוק אויפ׳ן לעבען, מאכט ער א שטארקען איינדרוק, און מיט איהם איז זעהר אנגנעהם צו פערברענגען.

די שווערע אסטמע, וואָס לאָזט איהם ניט רוהען א מינוט, דער ביטערער קאמפף זיין גאנצען לעבען לאנג מיט דער נויט, די נשמה־ליידען, וואָס ער פיהלט, וואָס ער מוז פיהלען אין דער ארומיגער באלעבאָטישער, פאנאטישער סביבה, האָט ביי איהם ניט צוגענומען

אין אַ מין ערלייזער פונ׳ם יודישען פאָלק. ער גלויבט, אז נאָר הערצעל איז פעהיג געווען, האָט געהאַט אַ מין געטליכען בערוף, צונויפצוקלייבען די טרוקענע ביינער פון דער צעזייטער און צעשפרייטער יודישער סטאַדע. ער איז בייז אויף די פיהרער פון די רוסישע ציוניסטען, ווייל נאָך זיין מיינונג, האָבען זייערע אינטריגעס איהם מקצר ימים געווען. און זיין טויט, ווי ער גלויבט, איז אַ דריטער חורבן פאַר דעם יודישען פאָלק.

ברוק איז אָבער ניט בלויז געווען אַ טעאָרעטישער ציוניסט. ער האָט גענומען אַ לעבהאַפטען אנטייל אין דער בעוועגונג. זיין הויז איז שטענדיג געווען דער מיטעלפונקט פאַר דער ציוניסטישער יוגענד. אָהן איהם האָט זיך אין זיין שטעדטעל גאָר נישט געטאָן.

ביי ברוק׳ען איז אָבער די ליעבע צום פאָלק געווען שטאַרקער פון זיין ליעבע צום ציוניזם. דעם פאָלקס-צוקונפט — טייערער געווען ביי איהם, ווי זיין פערגאַנגענהייט. און דעריבער איז ער פון אַ ציוניסט געוואָרען לייכט אַ טעריטאָריאַליסט. זיין גרויסע אכטונג צו „הערצלען האָט ער איבערגעטראָגען אויף זאנגוויל׳ן. ניט ווענינער ליעבט ער מאַקס נאָרדאו. נאָך זיין מיינונג איז נאָרדאו דער גרעסטער מענש אין יודישען פאָלק ביי איצטיגער צייט.

אין די פרייע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דער רב ברוק מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעקוקט זיך צו דעם, וואָס אַרום איהם האָט זיך געטאָן. ניט קוקענדיג אויף זיין ציוניזם און טעריטאָריאַליזם, איז זיין הארץ געווען מיט די יונגע, און צייטענווייז האָט ער אָפען געזאָגט: „פון זיי, פון די יונגע, וועט קומען די ישועה״.

דער רב ברוק איז פיזיש אין גאַנצען אַ צעבראָכענער, און דאָך איז נאָך איצט זיין הויז דער צענטער פון אלע, וואָס קלייבען זיך צו וואנדערן. ער איז דער פאָרשטעהער פון „יק״א״ אין זיין שטעדטעל. ביי איהם מאַכט זיך ניט צו די טיר פון עמיגראַנטען, וואָס קומען צו איהם האלטען זיך מיט איהם עצות.

דאָס איז דער רב ברוק, אלס כלל־טוער. נאָך אינטערעסאַנטער איז ער נאָך אלס פערזענליכקייט. ער איז פון דעם טיפּ, וואָס מען

שפילען די ראָלע פון אַ כלי קדש. איבער זיין אידעאַליזם האָט ער זיך צו האַנדעל נאָך ווייניגער געפּאַסט, ווי צו רבנות. און סוף כל סוף האָט ער געמוזט זוכען אַ שטעדטעל.

אָבער דאָס איז איהם אויך שווער געווען צו קריגען. ברוק האָט געהאַט אין זיך אַ „פעהלער", וואָס די גרויסע רבנים־אויטאָריטעטען קענען איהם קיינמאָל ניט שענקען. מיינט איהר, חלילה, ער איז ניט פרום? געכאַפּט אין אַפּיקורסות? חס ושלום! דאָס אַפילו קענען זיינע בימערסטע געגנער ניט זאָגען. ברוק איז זעהר פרום, זיצט נאָך אַנאַנד און לערנט די אַלטע, הייליגע ספרים. נאָר אַ חוץ דער גמרא מיט'ן „יורה דעה", „חשן משפט", מיט אַלע פּוסקים, איז ביי ברוק'ען זעהר הייליג דעם „רמב"ם'ס „מורה נבוכים" און דער „כוזרי"—דאָס שענע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק פון יהודה הלוי. אָט דיביידע ווערק איז ער קלאָר אויסוועניג. און ווען ברוק האָט אין זיך פּאַנאַטיזם, איז דאָס נאָר זיין פאַנאַטישע ליבע צו אָט די צוויי ליכטיגסטע נייסטער פון דעם מיטעלאַלטערליכען יודענטום.

און דאָס וואָלטען איהם נאָך אפשר אויך די רבנים געשענקט. האָט ער אָבער נאָך אַ „זינד"—זיין גרויסע ליעבע צו הערצלען, צום פערשטאָרבענעם פיהרער פונ'ם ציוניזם. און דאָס קענען שוין די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער יודישער אמונה איהם פאַר קיין פאַל ניט מוחל זיין.

ברוק איז אַ ציוניסט—ג ע ו ו ע ן. זיין ציוניזם איז אוועק ווי אַ שענע אָבער אונדערגרייכבאַרע פאַנטאַזיע, ביי איהם, ווי ביי טויזענ־דער אַנדערע געוועזענע הייסע ציוניסטען. נאָר די ליעבע צו הערצלען האָט איבערגעלעבט זיין ציוניזם. און מיט דעם טויט פון דעם פער־שטאָרבענעם ציוניסטישען פיהרער איז זיין ליעבע צו איהם, זיין גרויסע אַכטונג צו זיין פּערזענליכקייט נאָך שטאַרקער געוואָרען, כאָטש אַליין איז ער שוין געוואָרען אַ טעריטאָריאַליסט.

זיין פערגעטערן די פערזענליכקייט פון הערצלען שטאַמט אָבער פון אַ טיפערע און גרעסערע ליעבע, די ליעבע צום יודישען פאָלק. ברוק האָט געגלויבט און גלויבט ביז היינטיגען טאָג אין הערצלען, ווי

# א רב-אַנגלעזער.

אין די קליינע פערשלאָגענע יודישע שטעדטלאך פון רוסלאנד איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליבען, דאָ און דאָרט, דער טיפ פון דעם אַמאָליגען רב אין זיין ריינער אידעאַלער געשטאַלט. איך מיין ניט דעם רב, וואָס איז איינגעוויקעלט אין זיינע ספרים, האַלט די אויגען פערגראָבען אין דער ערד, געהט ניט ארויס פון בית המדרש און ווייס ניט פון א צורת המטבע. איך מיין דעם רב, וואָס ווייס יע פון דער וועלט, וואָס צוזאמען מיט די אַלטע ספרים, פערשטעהט ער און פיהלט דעם גייסט פון דער נייער צייט, איז בעקאנט מיט די שטרעבונגען פון זיין צייט, אינטערעסירט זיך מיט די פראגען פון ארומיגען לעבען און מיהט זיך צו זיין אַן אמת׳ער פאסטוך פון זיין סטאַדע.

אַזא רב האָב איך אויף מיינע רייזען, געפונען אין בימען, א ליטוויש שטעדטעל אין סלאָנימער אויעזד, גראָדנער גובערניע.

אָט דער העלד פון מיין איצטיגער געשיכטע, הייסט ר׳ אברהם יעקב ברוק. ער איז, ווי מ׳זאָגט, א גרויסער תלמודיסט, אנערקענט פון א סך רבנים, אַלס איינער פון די בעסטע פוסקים. מ׳קומט פון שטעדטעל מעהרסטענס צו איהם מיט שאלות. דאָך איז ער אין שטעדטעל בלויז א דין און בעקומט איינגאנצען דריי רובל א וואָך שכירות. ברוק האָט א לאנגע צייט ניט געזוכט קיין רבנות. ער האָט געטאָן פערשידענע פרנסות; ניט געוואָלט מאכען זיין תורה פאר א האק און

נעבעטען, איך זאָל טאַקע אַזוי שרייבן: עטליכע אין איינעם...
איך האָב איהם צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַזוי שרייבן: עטליכע אין איינעם...

לייענט ער קיין צייטונגען ניט און ווייס ווייניג, וואָס עס טהוט זיך אין יודישען לעבען, א חוץ דעם, וואָס היינטיגע יונגע לייט זענען ניט פרום.

,,איך מיין — האָב איך געזאָגט — אז ווען איהר, רבי, און נאָך אנדערע רבנים וואָלטען צונויפגערופען די גבירים — פאַבריקאַנטען און וואָלטען זיי אביסעל אויסגע׳מוסר׳ט, וואָלט דאָס אפשר געווירקט״

— די גבירים — האָט רבי חיים א מאך געטאָן מיט דער האַנד — ווע‌לען מיך ניט הערען, איהר זעהט דאָך, ווער עס געהט צו מיר — ניט קיין גבירים.

איך האָב א קוק געטאָן אויף דער קופּקע יודען, וואָס זענען געזעסען אויף א באַנק, ניט ווייט פון דער ווערא‌נדע, און געוואַרט אויף אַ׳ן ״אוידיענץ״ ביים רב. דאָס זענען ווירקליך ניט געוועזען קיין גבירים. איך האָב שוין פריהער געהאַט די געלעגענהייט מיט זיי זיך צו בעקענען. איינער איז געוועזען א משולח פון ארץ ישראל; א צווייטער — א הענדלער מיט סקאָרפּעטען און זאָקען; א דריטער — גלאַט אקליין שטעדטעל-דינער רב. זיי האָבען אלע געוויס אָנגעלעגט א סך וועג, אום צו האָבען די זכיה צו זעהן דעם ״בריסקער״. זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט און מיט אונגעדולד געוואַרט מיין אוידיענץ זאָל זיך ענדיגען.

איך האָב דעם רב דערצעהלט וועגען דעם טאָמאַשאָווער פאַבריקאַנט ברוינשטיין, דעם איינציגען, וואָס האָט פאַר זיינע יודישע וועבער אויסגעבויט א בעזונדער פאַבריק מיט מעכאַנישע שטוהלען. רבי חיים׳ען האָט דאָס זעהר הנאה געטאָן.

— איך בעט אייך האָט ער זיך צו מיר געווענדעט, איהר זאָלט שרייבען אין צייטונג, אז ווען עטליכע אין איינעם זאָלען זיך נעהמען און אזוי טאָן, ווי דער טאָמאַשאָווער פאַבריקאַנט, וועט דאָס זיין אסך גרינגער — וועלען שוין אנדערע נאָכטאָן. פאַרשטעהט איהר מיך? איינער האָט אפשר מורא, שרעקט זיך. עטליכע אין איינעם איז אָבער אנדערש.

דער משולח מיט׳ן קליין שטעדטעלדיגען רב, זעהענדיג, אז מיין אוידיענץ האלט ביים סוף, זענען שוין צוגעגאַנגען נאָהענט צו אונז. רבי חיים האָט זיך נאָך אמאָל מיט מיר געזעגענט און נאָך אמאָל

נעזעסען עטליכע עלטערע יורען און א יונגער מאַן אַרום אַ ספר. איך בין געווען זיכער, אַז רבי חיים איז נישטאָ צווישען זיי, און האָב געפרעגט: וואו איז דער רב? איינער פון זיי, אַ ברייט־שולטינגער יוד אין אַנ׳אַל־טער אָפּגעריבענער קאַפּאָטע און אַ פערשמאָלצענער יאַרמולקע, האָט זיך אויפגעהויבען פון דער גמרא און האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג.

— דאָס איז דער רב — האָט מיר אַ צווייטער יוד געזאָגט, — אָבמעסטענדיג מיך אויך פון קאָפּ ביז די פיס.

איך האָב ערקלערט, אַז איך בין געשיקט פון אַ צייטונג, און געזאָגט, אַז איך וויל מיט׳ן רב ריידען.

רבי חיים האָט מיך אָנגעקוקט נאָך מיט מעהר פערוואונדערונג: וואָס האָט צו איהם אַ מענש פון די צייטונגען פאַר עסקים? דאָך האָט ער מיך אַריינגעבעטען אין אַ בעזונדער חדר, געבעטען מיך זיצען און האָט זיך אויך געזעצט אנטקעגען, מיט אַ ציביק אין מויל, פּיפּקענדיג און גרייט מיך אויסצוהערען.

איך האָב איהם אין קורצע ווערטער ערקלערט פון מיין רייזע איבער שטעדט און שטעדטלאַך, פון מיינע איינדריקע, איבער דער יודישער עקאָנאָמישער לאַגע, איבער דעם יודישען עקאָנאָמישען אנטיסעמיטיזם.

רבי חיים האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. איז אָבער ניט שטאַרק נתפעל געוואָרען. איך האָב אויך ניט גערעכענט צו מאַכען אויף איהם אַן איינדרוק. וואָס פאַר אַ ראָלע קענען שפּילען פאַקטען און ראיות פון שכל און פון לעבען ביי אַ מענשען, וועמעס וועלט אנשויאונג בעשטעהט אין דעם, אַז דעם מענשענס שכל איז גאָר ניט און אַלע צרות קומען דער פון, וואָס יודען זענען ניט פרום? מ׳דאַרף זיין פרום, לערנען, דאַווענען, וועט שוין אַלץ זיין רעכט.

אָבער ר׳ חיים׳ס הארץ איז דאָ אויך, ווי אַלע מאָל, געווען גרעסער פון זיין קאָפּ. די טראַגעדיע פון די יודישע וועבער אין פוילען, וואָס מען וויל זיי ניט אַריינ׳נעהמען צו דער אַרבייט אין די יודישע פאַבריקען, האָט איהם שטאַרק געריהרט. ווי עס האָט אויסגעזעהן,

זיין הארץ, וואס איז תמיד מיט די ליידענדע, האט איהם שוין אונטערגעזאגט, אז ביי זיי איז פאראן מעהר יושר, ווי ביי די באלעבאטים. און בשעת די דאזיגע זענען געקומען צו איהם גוואלדעווען, קלאגען זיך אויף דער „ארגאניזאציע״, פלעגט ער שטענדיג זיי ראטען ניט צו ברויכען קיין גוואלד-מיטלען און בעסער איינגעהן מיט די ארבייטער אויף א פשרה.

רבי חיים סאלאווייטשיק האט געהאט ביי זיך א מנין קלויזניקעס, גוטע אינגלאך, צונויפגעפאהרענע פון פערשידענע שטעדטלאך, וואס ער פלעגט מיט זיי אליין לערנען. אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע, זענען איינינגע פון זיינע תלמידים „געשטרויכעלט״ געווארען. זיי האבען זיך גע׳חבר׳ט מיט די „שטעקעל-לייט״ — אזוי האט מען אין בריסק גערופען די בונדיסטען—און זענען אין געהיים אפילו אליין אויך בונדאוצעס געווען. די פרומע, נישט געשטרויכעלטע חברים זייערע פלעגען קומען צו ר׳ חיים׳ען און מסר׳ן אויף זיי. רבי חיים אבער האט, אנשטאט אויסצוהערען די מסירה און ווערין אין כעס אויף די געמסר׳טע, זיך געבייזערט, פערקערט, אויף די מוסרים און געשטראפט זיי, אז ס׳איז א גרויסע זינד צו מסר׳ן א חבר, פון יענע „געשטרויכעלטע״ זענען שפעטער געווארען וויכטיגע טוער אין דער פארטיי.

בשעת איך בין געווען אין בריסק, איז דער רב, ר׳ חיים סאלאווייטשיק, דעמאלט אין שטאדט ניט געווען. ער איז געזעסען אויף א דאטשע אין אטוואצק. אז איך בין אין איינינע טעג ארום געקומען אין ווארשא, בין איך מיט א כיוון אבגעפאהרען אין אטוואצק — איינינע סטאנציעס פון ווארשא—אום צו בעזוכען דעם בריסקער רב. א חוץ דעם בעגעהר צו קענען איהם פערזענליך, האב איך געהאט נאך א מיין: איך האב געוואלט וויסען זיין מיינונג ווענען דעם עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, וואס איז אזוי שטארק פארשפרייט צווישען די יודישע גבירים אין פוילען.

רבי חיים האט פערנומען א גרויסע, א שענע דאטשע, א פאר וויארסט הינטער שטעדטיל. טיעף און כמעט איינזאם פעררוקט ערגעץ אין א געדיכטען סאסנע-וואלד. אויף דער ווערענדע זענען

אָבגעזונדערטען חדר, קומען און זאָגען זיין וואָרט. און ער האָט געזאָגט. אזוי ווי ר׳ חיים, ווי אַ מענש מיט אזא אונגעקינסטעלטער, גרויסער האַרץ, ווי ער, האָט געקענט זאָגען.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער דומא, אן ערב יום כפּור. ס׳איז שוין געווען דונקעל. דער עולם איז שוין לאנג געווען אין שוהל. רבי חיים איז אויך געגאַנגען אין שוהל. פּלוצלונג זענען צו איהם צוגעגאַנגען עטליכע יודען און האָבען איהם דערצעהלט אַ שרעק־ליכע געשיכטע. זיי האָבען דערצעהלט, אז מאָרגען דאַרף זיין דער סוד אין מיליטער־געריכט איבער אַ פּאָר יונגע לייט. זיי ווערען גע׳משפּט, די יונגע לייט, פאר אנ׳עקספּראָפּריאציע, וואָס אנדערע האָבען גע־מאכט. שטעדטעל קען זיי, אז זיי האָבען קיין שום שייכות ניט צו אזעלכע זאכען, און איז גרייט צו שווערען, אז זיי זענען אונשולדיג. זיי זענען צופעליג דורכגעגאַנגען, בעת דער אָנפאַל איז געמאכט געוואָרען. האָט מען זיי פערנומען. מ׳ועט זיי געוויס פערמשפּט׳ן צום טויט, אויב ר׳ חיים און אָנגעזעהענע מענשען פון שטאָדט וועלען ניט בעשטעטיגען די אונשולדיגקייט פון די יונגע לייט.

רבי חיים האָט נאָך ניט גערעדט און איז אוועק אין שוהל. די יודען נאָך איהם. דער בעל תפילה האָט זיך שוין געשטעלט צום עמוד און דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן צו „כל נדרי״. ר׳ חיים איז האַסטיג ארויף אויף דער בימה און האָט ניט געלאָזען זאָגען „כל נדרי״. ער האָט געהייסען ברענגען פּאַפּיר, טינט און פּעדער, אין דאָ, אין שוהל גופא, אויף דער בימה, פאר כל נדרי, האָט ער געהייסען אָנשרייבען אַ שבועה, אז די גע׳משפּט׳ע זענען אונשולדיג; האָט אונטערגעשריבען אליין און דערנאָך געהייסען אונטערשרייבען די „פּני״ פון שטאָדט. די שבועה האָט מען גלייך אוועקגעשיקט טעלעגראַפיש צום גענעראַל־גובערנאטאָר. די שבועה־טעלעגראַם האָט געמאכט אַ שטאַרקען איינדרוק אין געריכט, און נאָר אַ דאַנק איהר האָט מען די גע׳משפּט׳ע געשענקט דאָס לעבען.

עס איז שווער צו זאָגען, צו האָט ר׳ חיים געהאַט אַ קלאָרען בעגריף וועגען די „ברידער און שוועסטער״ און וואָס זיי ווילען, נאָר

רבי חיים סאלאווייטשיק איז געווען אַ צייט ראש ישיבה אין וואָלאזשין. אָט איז אַ פאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט זיינע בעציהונגען צו די ישיבה־בחורים.

„מיר זענען געפאָהרען צוזאַמען, — דערצעהלט מיר אַ געוועזענער וואָלאָזשינער לערנער, — איצט אַ לעהרער און אַ ליטעראַט — פון וואָלאָזשין צו דער סטאַנציע פון באַהן. איך און רבי חיים, און אַ משגיח פון דער ישיבה. איך האָב געהאַט מיט זיך צוויי שווערע פעק. אַראָבגעהענדיג פון פוהר, וועלכע האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אַן׳אַכסניא, נים גאָר נאָהענט פון דער באַהן־סטאַנציע, האָט ר׳ חיים אָנגענומען איינעם פון מיינע פעק און געלאָזט זיך טראָגען צום באַהן. איך האָב, אַן׳ערשטוינטער, געוואָלט אָבנעהמען ביי איהם דעם פּאַק און טראָגען אַליין, שטאַמלענדיג: סטייטש, רבי... איהר זאָלט טראָגען מיין פּאַק?.. נור רבי חיים האָט נים געלאָזען פון האַנד.

— עט, עט, נישקשה, נעה, נעה, וואָס הייסט? דו זאָלסט טראָגען צוויי פעק און איך זאָל געהן מיט לעדיגען? . .

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג רבי חיים סאָלאָווייטשיק האָט געהאַט פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין „יענע שטורמדיגע טעג״. דער בריסקער רב איז, לויט זיין בעשטימונג און בערוף, אַ „יושב אוהל״, אַ רב, וואָס זיצט און לערנט, און מישט זיך וועניג אין וועלטליכע זאַכען. אָבער ווען זיין גרויסער קאָפּ האַלט איהם אין חדר און זוכט שפּייז נור אין דער גמרא און איהרע מפרשים, קאָן זיין גרויסע הארץ דאָך זיך נים איינשליסען אין גאַנצען אין די טרוקענע אַלטע בלעטער, און מוז, נים ווילענדיג, קומען אין בעריהרונג מיט׳ן לעבעדיגען לעבען. און ווען רבי חיים געהט אַרויס פון זיין חדר און קומט אין בעריהרונג מיט אַ ווינקעל פון לעבען, ווערט שוין דאָרט, אין יענעם ווינקעל, ליכטיג אין וואַרים פון זיין ליכטיגע נשמה אין טיעף ליבענדער הארץ.

דאָס לעבען האָט איינמאָל אַריינגעשלעפּט ר׳ חיים געגען זיין ווילען, אין רעוואָלוציאָנערען שטראָם. ער האָט געמוזט אַרויס פון זיין

צו וועלכען רב, וואָלט אזא פּרוי געוואגט צו געהן מיט אזא הארצוועהטאָג, נור צו ר׳ חיים׳ען געהט זי און פרעגט אין פערצווייפ־לונג: „רבי, וואָס זאָל איך טון?״ ר׳ חיים פאלט ניט אָן אויף איהר, שילט איהר ניט, זאגט ניט קיין מוסר. שוויינגענדיג הערט ער איהר אויס און זאגט איהר דערנאָך שטיל: ברענג צו מיר דאס קינד.

די פּערזינדינגטע ווערט איבערראַשט. גלויבט ניט איהרע אויערן.

— וואס הייסט... ווי קען איך אייך, רבי,— שטאַמלען איהרע ליפּען... לייט וועלען זעהן, וואָס וועלען לייט זאָגען?!!

נאָר ר׳ חיים זאגט איהר מיט׳ן זעלבען ווייכען שטילען טאָן: ברענג צו מיר דיין קינד, מארגען גאנץ פריה, פינף א זייגער פארטאג, ווען קיינער ניט זעהן. קלאַפּ אָן אין טיר, וועל איך דיר אליין עפענען און צונעמען דאס קינד.

און אויף מארגען פינף א זייגער פארטאג, ווען אלץ ליגט איינ־געהילט אין א טיפען שלאף און די נאכטיגע שאטענס געוועלטיגען נאָך אונגעשטערט אין די גאסען און געסלעך, אויף די בוידימער און אין די געוועלבער, בלאנדזשעט אן׳אונגליקליכע יונגע מוטער דורך זייטיגע געסלעך מיט א קערביל אין האנד, קומט צו צום רב׳ס טיר און קלאפּט אָן. און עס עפענט זיך גלייך די טיר, און עס שטרעקט זיך אויס איהר אנטקעגען א האנד, ר׳ חיים׳ס האנד, און נעמט ביי איהר צו שטיל, ניט רעדענדיג א וואָרט, דאָס קערבעלע מיט דעם, וואָס דערינען ליגט.

אָט אזוינע לענענדען געהען אום אין בריסק וועגען ר׳ חיים׳ען. מ׳זאגט, אז ביי דעם בריסקער רב אויפ׳ן הויף איז דאָ א הויז און דארטען האדעווען זיך עטליכע צעהנדליג אזעלכע קינדער. וויפיל מאל האט ר׳ חיים אויף אזא נ׳אויפן מקיים געווען די גאנצע תורה. ס׳איז דאָך אבפירושע גמרא: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים כל התורה כלה״, סהייסט: ווער עס דערהאלט ביים לעבען איין יודישען נפש, איז אזוי ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה. נאָר איך צוויי׳על, אויב דער בריסקער רב קלערט, בשעת מעשה, וועגען אָט דער גמרא. וואָרום ר׳ חיים לעבט מעהר מיט דער הארץ, ווי מיט׳ן

רבי חיים נעמט ארויס פון קאמאָד דאָס פּאַפּירעל און גיט עס אוועק דער יודענע, און דאָרט איז אַ צוואַנציג, דרייסיג רובל געווען.—אַזוינע זאַכען פלעגען פאָרקומען אָפּט. ס'פלעגט טרעפען, אַז ווען ר' חיים אַליין האָט געדאַרפט עסען, איז ניט געווען וואָס.

איז נעבליבען ביי שטאָדט: מעהר ניט צוגעבען די שכירות ר' חיים'ען אין האַנד. זיין ווייב, די רבי'צין, בעקומט עס.

ר' חיים'ען ווערט געגעבען פון שטאָדט פּאַרטיגע האָלץ אויף בעהייצונג. כאַפּט זיך קהל אַמאָל, אַז דער רב איז אַ צו גרויסער בעל הוצאה אויף האָלץ: פינף הונדערט רובל אַ יאָהר שטעהט פערשריבען. ווערט ביי אַלעמען אַ קשיא: ניט אנדערש, אַז דער צושטעלער בע־גנב'ט דעם רב און די שטאָדט, מאַכט מען אַ חקירה ודרישה. ווייזט זיך ארויס, אַז דער צושטעלער איז ניט שולדיג: דער רב בעקומט דאָס גאַנצע האָלץ פאַר דער גאַנצער סומע. זוכט מען ווייטער אין מ'געפינט, אַז דער רב אַליין פערברויכט אפשר אַ צוואַנציגסטעל פון די האָלץ און דאָס איבריגע צושלעפּען אָרימע לייט. ניט חלילה זיי גנב'ענען, נאָר זיי קומען און נעמען, ווער וויפיל עס דאַרף. וואָרום קיין שלאָס העגגט ניט אויפ'ן רבינ'ס שטאַל. דער שטאַל איז אָפען פאַר אַלעמען.

האָט מען געוואָלט אויפהענגען אַ שלאָס. לאָזט ניט ר' חיים „וואָס הייסט״, זאָגט ער, ווי קען ער זיצען ביי אַ וואַרימען אויווען, בשעת ביי אַ סך אָרימע לייט איז דער אויווען קאַלט....

נור ניט בלויז אָרימע לייט קומען צו ר' חיים'ען. געפאַלענע פרויען קומען צו איהם אויך. אַ מיידעל האָט זיך פערזינדיגט. עס איז איהר געקומען איינס פון די צוויי: אָדער זיך אַ טויט מאַכען אָדער איהר קינד, פון אַ אונגעזעצליכען טאַטען. ווער וועט איהר נעמען אויף ארבייט מיט אַ „ממזר״. זי איז אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט און יעדער טייט אויף איהר מיט די פינגער. אָהן דאָס קינד איז פאַר איהר אָפען די וועלט. פאָהרט זי אוועק אין אַ אנדער שטאָדט, אין אן אנדער לאַנד. דאָס קינד איז ביי איהר קינ'ס צייכען. ס'דערמאָהנט איהר אַלע ווייל און פאַר דער גאַנצע וועלט איהר שאַנדע, איהר זינד.

וועניג פון זיין פאנאטיזם. בריסקער יודען קענען זייער רב, רב חיים סאלאווייטשיק, פון אן אנדער זייט. אויף אלע קרייזען פון דער בריסקער יודישער בעפעלקערונג מאכט אן אונגעהויער טיפען איינדרוק זיין הויכע מאראלישע פערזענליכקייט. און דא טרעפען זיך צוזאמען די אלע מיינונגען פון דער היגער יודישער געזעלשאפט. יונגע מענשען מיט פרייע רעליגיעזע געדאנקען, פונקט אזוי ווי עלטערע פרומע יודען, דערצעהלען אייך מיט גלייכער בעגייסטערונג פערשידענע מעשות וועגען זייער רב; מעשיות, וואס זענען ענליך צו לעגענדען וועגען אמאליגע בעהאלטענע „למדרוואווניקעס".

ר' חיים סאלאווייטשיק איז א ברייטער יוד, מיט ברייטע אקסלען מיט א ברייטען נאז, מיט א פאר גרויסע ברוינע אויגען, וואס קוקען קינדיש־אונשולדיג אין דער וועלט. ער האט אין זיך ניט קיין שום פער־דבק'ט־רבנישע מאנירען; קוקט ניט א ראב מיט א פערקנייטשטען שטערען, האט ניט קיין צוואווייקטען פנים און קיין תנועות פון א נעקרוינטען „גדול". דאס איז א פשוט'ער גלאטער יוד, וואס קען אבער די וועלט אויף זיין שטיינער. קען זי אפשר בעסער פון אייך, ווייס אבער ניט פון קיין שום קונצען. און כאטש אלע זאגען אז ער האט א גרויסען קאפ, וואס פערמאגט א סך חריפות און גאונות, און וואס צוליב איהם האט ער זיך א גרויסען שם אין דער וועלט נעקראגען, לעבט ער אבער ניט מיט'ן קאפ, נאר מיט'ן הארצען. און א הארץ האט ר' חיים סאלאווייטשיק פול מיט ליעבע צו אלע מענשען, און פון אלע מענשען מעהר צו די דערשלאגענע און געפאלענע, צו די לעצטע אויפ'ן לויטער פון מענשליכען גליק.

דער בריסקער רב איז דער לעצטער רב פון יענעם טיפ נאר אמאליגע רבנים, וואס האבען ניט געוואוסט פון קיין „צורת המטבע". אט האט איהם דער שמש פון קהל געבראכט זיינע שכירות, איינגעוויקעלט אין א פאפירעל. ר' חיים נעמט צו ביים שמש דאס פאפירעל און לעגט עס אריין, ניט איינקוקענדיג זיך, אין קאמאר. אין איינינע מינוטען ארום קומט אריין א יודענע אין קלאגט זיך: זי האט ניט קיין ברויט, צי א קינד איז קראנק — מ'דארף א דאקטאר.

# רבי חיים סאָלאָווייטשיק.

(דער בריסקער רב).

רבי חיים סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער רב, איז שוין לאנג בעריהמט אין דער וועלט פאַר דעם גרעסטען למדן צווישען היינטיגע רבנים. נאָכ׳ן טויט פון ר׳ יצחק אלחנן, איז ער, רב חיים סאָלאָווייטשיק, אנערקענט געוואָרען, אלס דער גרעסטער גאון, אלס העכסטער אויטאָריטעט אין לומדות, אין אלע זאכען, וואָס זענען שייך צו רעליגיאָן. פון אלע עקען וועלט ווענדען זיך צו איהם רבנים מיט הארבע שאלות ותשובות, אלס צו דער העכסטער אינסטאנץ. אויף די רב׳נישע און רבייאישע צוזאמענפאָהרען אין רוסלאנד האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין שטימע מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. אין דער יונגערער וועלט איז ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק אַ נאָמען, וואָס דריקט אויס אַ בעגריף פון פערביסענעם פאנאטיזם, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין שום פשרות מיט די אפיקורסים, פון קיין שום נייע צייטען מיט זייערע נייע פאָדערונגען. אָט אזא איז דער בריסקער רב, רב חיים סאָלאָווייטשיק, לויט זיין גרויסען שם, וואָס ער האָט ארום, אין דער ווייטער און ברייטער וועלט.

איהר דאַרפט אבער נאָר פערברענגען עטליכע טעג אין בריסק —ערשיינט אייך אָט די אלענפאלס אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, אין אַ גאנץ נייער געשטאלט. אין בריסק רעדט מען וועניג וועגען די לומדות און גאונות פון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק. מ׳רעדט דאָ אויך

בעליידיגטע. פון זיין פריהערדיגען פערמעגען, וואָס איז געווען נעבוי אויף ליגען, אויף פאַלשקייט, האָט ער גאָר נישט געוואָלט נעהמען מיט אין זיין נייע וועלט. נאָר די פידעל האָט ער געלאזען ביי זיך. און מיט דער פידעל איז ער געגאנגען בויען דאס נייע לעבען.

איז וואו אחתונה, א שמחה, איז שוין דאָרטען קלמן מיט זיין „ריפּע", מיט זיין פידעל הייסט דאָס, און איז משמח חתן, כלה, מחותנים און דעם עולם. אז ער קומט אריין אין גרוים התלהבות, פערלעגט ער די פידעל אויף הינטער, און שפּילט אויס פון הינטען מיט׳ן סמיק אַלע זיינע שענסטע פאַנטאַזיעס. אָבגעשפּילט שטעלט ער אוועק א טעלער, און דער עולם ווייס שוין אז מ׳דאַרף וואַרפען קליין געלד. קלמן פוילט זיך נים צו שפּילען אין וואַגאָן אויך. אָפּטמאל, איבערהויפּט זומער, מאכט ער אויף אזא נ׳אופן היבשע נסיעות. אין האָמעל גופא קען איהם קינד און קייט. דער עולם וואַרפט גערן אין זיין טעלער. אין וואַגאָן מאכט ער אויך נישט קשה׳דיג פון זיין „ריפּען", ווען דער עולם קען דעם שפּילער. עס טרעפט אָבער, אז אַן אונבעקאַנטער נעהמט איהם אָן פאַר א גאַסען־מוזיקאַנט און ערלויבט זיך מיט איהם א שפּאַס. קלמן „ריפּע" ענטפערט דאַן גאָר נים. ריפּעט אָב און פערדוקט זיך אין א ווינקעלע.

קלמן איז בטבע א שוויינעדיגער, א „שתקן", ווי האָמליער יודען דריקען זיך וועגען איהם אויס. ער האסט נים די מענשען, וואָס וואַרפען איהם אונטער קליין געלד אין טעלער. אָבער ליבען קען ער זיי אויך נים, און חבר׳ט זיך מיט זיי נים. דערפאַר אָבער ווערט ער גאָר אַנ־אַנדערער, ווען ער קומט צו זיינע לייט — די קריפּעלס פון זיין אזיליום. מיט זיי פיהלט ער זיך פריי, אויפגעקניפּעלט. זיי ריפּעט ער נים, נאָר שפּילט פאַר זיי אויס אַלע קונצען, פון פאָרענט און פון הינטען, אויף זיין פידעל. מיט זיי, מיט די קריפּעלס, פיהלט ער זיך היימיש און אונגעצוואונגען. און זיי מיט איהם אויך.

צו א קריפּעל אָבער, קען דער איידעלסטער מענש זיך ניט וועהרען פון עפּעס א מין עקעל־געפיהל. מענשען מיט א קערפּערליכען אָדער גייסטיגען מום טראָגען מיט זיך אין דער נשמה אן אייביגע וואונד, וואָס איז פיעל טיפער און ברענענדיגער, ווי א געוועהנליכע אויסערליכע וואונד. דער האָרבאַטער, דער קאַליקער, לעזט אין יעדענס אויג דאָס עקעל־געפיהל, ווי יענער זאָל זיך ניט מיהען עס צו פערבאָרגען. ער פיהלט אז מ׳רעדט צו איהם ניט, ווי צו א גלאַטען מענשען. מאַכט מען צו איהם אפילו די פריינדליכסטע מינע, בעליידיגט זי איהם נאָך טיפער. ווייל ער פיהלט אז דאָס איז געצוואונגען, ניט אויפריכטיג; אז אונטער דער אויסערליכער פריינדליכקייט ליגט בעהאַלטען אשלעכט אָבשטויסענדיג געפיהל. פון דעם געפעהלערטען מענשען אנטגעהט ניט קיין איין פאַלשע מינע אין דעם גאַנצען מענשענ׳ס געזיכט, ווען יענער רעדט צו איהם. און ער געהט שטענדיג מיט א וואונד, וואָס הערט קיין מאָל ניט אויף צו בלוטען, וואָס קען קיין מאָל ניט אויס־געהיילט ווערען, וואָס איז ביטערער פון הונגער און שרעקליכער פון קרענק.

ס׳איז מעגליך, אז קלמן „ריפּע״ מיט זיין זעהר צאַרטער נשמה האָט אָט די אונגליקליכע זיין לעבען אָבגענעבען, ווייל זיי נויטיגען זיך מעהר פון אנדערע אין א פריינד. ער גיט זיי דאָס, וואָס עס קען ניט געבען קיין שום אזיליום, קיין שום דאָקטאָר אין דער וועלט. ער גיט זיי א פּשוט הארץ פול מיט ליבע, מיט זיין אונגעקינסטעלטער, אונגעפעלשטער ליבע.

קלמן „ריפּע״ איז געוועזען אמאָל א יוד א סוחר. נאָר פּלוצלונג, ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעפיהרט מעהר ווי א האַלב וועלט; האָט שוין געהאַט אויסגעגעבענע קינדער, אָבער נאָך ניט קיין אַלטער מאַן — האָט ער זיך ארומגעזעהן, אז ער לעבט שלעכט. ווי האָט א מענש רעכט צו טראַכטען נאָר וועגען זיך, ווען ארום איז דאָ אזוי פיל עלענד, אזוי פיל טרערען.

האָט ער אויפגעגעבען זיין קראָם, פערלאָזען ווייב און קינד, און איז אוועק אין גאַנצען און אויף אַלע מאָל צו די ערנידריגטע און

מאָדערנעם שטיינער. האָמליער יודען זענען שטאַרק פערגויט, און צום ערשטען פייף ריהרט מען זיך ניט פון אָרט. מוז דעריבער נפתלי — אַ מלמד פון ראַי — ברויכען מעהר שטרענגקייט. ער געהט נאָר דורך, ווי דער מינסקער ר׳ יעקב מאיר. אַלע קראָמען, קוקט ניט אַריין אין יעדער קראָם בעזונדער. ער שטעלט זיך, ווי אַ פעלד-מאַרשאַל פון ווייטען, אָנהויב מאַרק און ניט אַ קאָמאַנדע, פריהער רוהיג און דערנאָך בייז. האָמליער קרעמער לאַכען אונטער פון דעם פייף. פון דעסטוועגען האָבען זיי דרך ארץ, און צום דריטען פייף קומט דאָס כמעט קיין מאָל ניט.

---

אַ סך אַן אָרינגעלערער יוד פון „נפתלי פייף״ איז „קלמן ,,ריפע״. „ריפע״ רופט מען איהם, ווייל ער האָט אַ פידעלע און פידעלט. און ער „ריפעט״, ד. ה. ער פידעלט ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר ווען ער דאַרף האָבען געלד. און געלד דאַרף ער ניט פאַר זיך. זיינע אייגענע חשבונות מיט דער וועלט האָט ער שוין לאַנג אויפגעגעבען. און איצט דאַרף ער האָבען געלד, אַ סך געלד, פאַר זיינע לייט.

קלמן „ריפע׳ס״ לייט זענען נאָר פון אַ בעזונדער מין.

ניט געוועהנליכע קבצנים, מיט וועלכע אַ יודיל באַרישאַנסקי, אָדער אַ דבורה אסתר (ווילנער פאָלקס-אידעאַליסטען), אָדער אַ הדסה (פון רוזשינאַי) האָבען געהאַט צו טאָן. זיינע קונדען זענען ניט קיין פשוטע אָרימע לייט, אָדער פשוט׳ע חולאים. ער האָט צו טאָן מיט קריפּעלס. ווער קען וויסען די נשמה, די מאָטיוון פון אַ קלמן „ריפע״, פאַר וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען גראָד אָט דעם ,,ארטיקעל״; פאַר וואָס זיין צאַרט פיהלענד האַרץ האָט ליעבע און מיטלייד נאָר צו די מענשען, וואָס זענען אייגענטליך ניט קיין קראַנקע, אָבער ניט קיין גאַנצע—מענשען מיט אַ מום, מיט אַ פעהלער אין קערפּער, אָדער אין דער נשמה. אפשר דערפאַר, וואָס גראָד צו דעם סאָרט מענשען, איז די וועלט קאַלט און אונגערעכט. מיט אָן אָרימען, מיט אַ געוועהנליכען קראַנקען האָט מען נאָך, ווי עס איז, מיטלייד. בנוגע

# נפתלי „פייף“ און קלמן „ריפעי“.

(האמלער פאלקס־אידעאליסטען)

---

שטעהענדיג אין דער יודישער קאָאָפּעראַטיווער שיך־קראָם אין האָמעל — דאָס איז געווען ערב־שבת, — האָב איך דערהערט פּלוצלונג אַ פייף און באלד נאָך דעם איז געוואָרען אין די קראָמען ראַדעס אַ בעוועגונג. איך האָב געמיינט, ס׳איז ערגעץ אַ שרפה און האָב געוואָלט ארויס פון קראָם זעהן, וואס איז דער מעהר? נאָר מיין בעגלייטער פון „ראָי“ *) האט מיך מיט אַ געלעכטער בערוהיגט.

— ס׳איז גאָרנישט, גארנישט, — האט ער געזאגט. דאס איז נפתלי פייף׳ס ערשטער סיגנאַל צו פערשליסען די קראמען. ווארט אַ ווײלע. באלד וועט זיין, מסתמא, דער צווייטער „פייף“.

און אזוי איז געוועזן. אין אַפּאָר מינוט ארום האָט זיך געלאָזט הערען נאָך אַ פייף, אַ שארפערער, צ…ייזערער, און די האָמלער קרעמער־חאַוועניקעס האָבען דאָס מאָל זיך אַ שטארקען צוכע געטאָן, און ס׳איז געוואָרען אַ בראַזגעריי מיט די שליסלען אין די טירען. דער פערוואַלטער פון דער יודישער קאָאָפּעראַטיווער שוסטער־קראָם האָט אויך גענומען איילען די לעצטע יודענע, וואָס האָט געהאַלטען אין מעסטען שיך.

ארויסגעהענדיג האָב איך פונ׳ם פערוואַלטער און מיין בעגלייטער זיך דערוואוסט, אז „נפתלי פייף“ האָט אויף זיך גענומען אָבהיטען האָמליער יודען פון מחלל שבת זיין. נאָר ער מאַכט דאָס אויפ׳ן

---

*) פאַרשטאָדט אין האָמעל, וואו עס וואוינען די אָרימסטע יודישע בעלמלאָכעס און מענשען פון דעק.

אויף יודיל באַרישאַנסקיס לויה, אַזוי ווי אויף דער לויה פון דבורה אסתר׳ן (ער איז געשטאָרבן אַ פּאָר יאָהר נאָך איהר) איז אויך געווען, אַ חוץ פיעלע טויזענדער פונ׳ם פאָלק, די בעסטע ווילנער אינטעליגענץ. מען האָט איהם געגעבען דעם שענסטען אָרט אויפ׳ן פעלד פון דער אייביגער רוה.

מיט דעם טויט פון יודיל באַרישאַנסקי האָט די יודישע בעד פעלקערונג אָנגעוואָרען דעם לעצטען און בעסטען פון די יודישע פאָלקס־אידעאַליסטען פון דעם אַלטען שניט. אַ טיפּ פון די, וואָס ווערען געשילדערט אין דער לעגענדע פון די „למד־וואָווניקעס״, וואָס לעבען אין דער שטיל, טוען די גרעסטע וואונדער פון ליעבע צו דער ליידענדער מענשהייט בעשיידען. טוען זייער זאַך פערבאָרגען, אונ־בעוואוסט פאר זיך אַליין, פון דער גרויסער ראָלע, וואָס זיי שפּילען אין לעבען פון זייערע מיט־מענשען. די צייטונגען קלינגען ווענען זיי ניט. מען שטעלט די ניט קיין גרויסאַרטיגע מאָנומענטען. מען זאָגט אויף זיי ניט אין די שולען קיין גרויסע הספּדים. נור זיי בלייבען לעבען אין די הערצער פון די, וועמען זייער נשמה האָט אין דער שטיל און אין דער פינסטערניס געליבטען, וואַרימקייט און טרייסט אין די הערצער געגאָסען, און וועלכע לעבען, ליעבען, ליידען און שטאַרבען אַזוי אונבעמערקט און שטיל, ווי די מאַסען אַליין.

מעחר וואנדער איז געוועזן, ווי אזוי ער האָט געלעבט, געקענט לעבען. דאָך האָט זיין טויט אָנגעמאַכט אַ רושם אין ווילנא. טויזענדער, טויזענדער זענען געגאַנגען צו זיין לויה. נאָך באַרישאַנסקים טויט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער — אַן אַמאָליגער גביר — האָט געלאָזען קאַפּיטאַלען אין די צדקה־אַנשטאַלטען, וואָס זאָרגען פאַר קראַנקע. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט ירושה פון זיין רייכען טאַטען אַ גרויסע מאָנאַטליכע פּענסיע, וועלכע ער האָט אויך צוטיילט צווישען בעקאַנטע אָרימע און קראַנקע. אַ סך לעגענדען געהען אום אין ווילנא איבער אָט דעם מערקווירדיגען מענשען. דאָס איז איינער פון די טיפען, אויף וועלכע די רעוואָלוציע האָט געווירקט נאָר אויף אַ מאָדנעם שטייגער. מען זאָגט, אַז ער איז אַ מאָל געזעסען אין טורמע פאַר האַלטען און לעזען רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. פון די אונטער־ערדישע רעוואָלוציאָנערע בלעטער האָט ער פערשטאַנען און אַרויסגעטראָגען נור איין זאַך: טיעפע אונענדליכע ליעבע צו אַלע ערנידעריגטע און בעליידיגטע.

און ניט אריינגעהענדיג אין קיין שום פּאַרטיי, האָט ער אָבגעגעבען זיין לעבען אין גאַנצען דער זאַך פון ליעבע צו אַלץ, וואָס איז נעדריקט און ליידט. ער האָט ניט ליעב געהאַט רבנים און כלי קודש, האָט פיינד געהאַט די גבירים־פילאַנטראָפּען מיט זייער נאַרישער גאוה. ער האָט פערבונדען זיין טעטיגקייט נור מיט אַזעלכע אַנשטאַלטען, דורך וועלכע ער האָט געקענט קומען נאָהענט צו דער אָרעמער, קראַנקער מאַסע, צו אָרעמע און קראַנקע בכלל. אַז ער האָט צווישען זיי געטראָפען נאָך דערצו אַן אינטעליגענט, אַ משכיל, האָט ער איהם אָבגעגעבען זיין גאַנצע נשמה. אַן אינטעליגענטען ארבייטער האָט ער ליעב געהאַט, ווי דעם לעבען.

די צוויי אַנשטאַלטען, דורך וועלכע ער האָט געקאָנט קומען אין בעריהרונג מיט דער ליידענדער מאַסע, זענען געוועזן די ווילנער „משמרת חולים" און די „גמילות חסדים"־קאַסע, וואָס ער האָט אליין געגרינדעט אין דער פאָרשטאָדט „זאַרעטשע". דאָ האָט ער געטאָנט און געגעבטינגט.

ארכיוועו. אנשטאָט אַ קיסען — פּעק מיט אויפגעלעגטע בלעטער. דערויף פלעגט ער, שלאָפן ,ד. ה. איינגענטליך, ליגן. וואָרום שלאָפן פלעגט ער נים. אין זיין צימער איז אונמעגליך געווען דורכצושפּאַרען זיך דורך דעם גאַנצען „קוטעל" פון קאַשיקעס, פלעשלאַך, שמאַטעס, פּאַפּירען, קעסטלאַך, העלצלאַך און איבערגעקעהרטע שטוהלען און בענקלאַך. געהייצט פלעגט ביי איהם קיינמאָל נים זיין, אין גרעסטען פראָסט. טאָמער פלעגט אַ שכנה וועלען דורכהייצען, ער זאָל נים פריהרען, האָט ער נים געלאָזען. אויב זי פלעגט זיך איינשפּאַרען, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט איהר רופען צום רב. קיין העמד האָט ער קיינמאָל נים געוואַשען. בשעת ער פלעגט טראָגען איין העמד האָט זיך די אַנדערע געלופטערט אַ פּאָר מאָנאַטען אויפן פענסטער איבערן געלעגער. אָנגעטאָן די „ווייסע" פלעגט ער אויפהענגען די אַלטע „לופטער'ן".

נים קוקענדיג דערויף, האָט יעדער, מיט וועמען איהר האָט גערעדט אין ווילנא וועגען באַרישאַנסקין — געפיהלט ,צו איהם דעם גרעסטען רעספּעקט. ער איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין שטאָדט, ווי עס איז געווען דבורה אסתר. נאָר קיינער האָט זיך נים אינטערעסירט און זעלטען ווער עס האָט געוואוסט, ווי שרעקליך איז באַרישאַנסקים איינענער לעבען. אפילו די איינגענע קינדער האָבען פערלאָזען דעם אונגליקליכען, וועלכער איז נאָך גאָר נים געווען קיין אַלטער מאַן, בשעת איך האָב זיך מיט איהם בעקאַנט. ער איז אַלט געווען נים מעהר ווי אַ יאָהר עטליכע און פערציג.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך געהערט, אַז באַרישאַנסקים אַמעריקאַנער קינדער האָבען איהם געשיקט אַ שיפסקאַרטע און געלד, ער זאָל פאָהרען צו זיי. נאָר ער האָט נים געוואָלט. ער קען נים דענקען וועגען איינענע בעקוועמליכקייט — האָט ער זיי געענטפערט — בשעת אַרום איהם איז אַזוי פיעל צרות און אָרימקייט.

אין אַ יאָהר אַרום נאָך מיין בעקאַנטשאַפט מיט יודיל באַרי־שאַנסקין, איז ער געשטאָרבען. ער איז קיין סך נים קראַנק געווען. זיין פריה צייטיגער טויט איז פאַר קיינעם קיין וואונדער נים געווען. פיעל

איז בעסער געוואָרען, האָט פּאַסירט ביי איהם ווידער אַ קאַטאַסטראָפע: גנבים זענען איהם בעפאַלען, מיינענדיג, אַז ער האָט געלד. זיין פרוי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אויף דעם גערויש פון די נאַכט-איינברעכער, האָט מען איהר געגעבען מיט אַן אייזען איבער'ן קאָפּ. זי איז אַראָב פון זינען, באַלד נאָכדעם, און איז געשטאָרבען. פון דעמאָלט אָן איז באָרישאַנסקיס פּערזענליכער לעבען אין גאַנצען צובראָכען געוואָרען. די קינדער זענען צולאָפען. ער איז געבליבען אויף דער וועלט איינער אַליין. זיין גייסט האָט פון דער קאַטאַסטראָפע שטאַרק געליטען. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפען. זיינע שכנים און בעקאַנטע פלעגען זיך וואונדערן, ווי אַזוי עס האַלט זיך איין ביי איהם די נשמה. אַליין דערמאָהנען זיך אויף עסען פלעגט ער קיינמאָל ניט. מיט גרויס מיה פלעגט זיך איינגעבען זיינע בעקאַנטע איבערצורייידען איהם, ער זאָל עפּעס צובייסען. נאָר באָרישאַנסקי האָט ניט ליעב געהאַט ביי יענעם צו עסען און בכלל יענעם צו בעלעסטיגען. אַז ער פלעגט אַ רייניגעהן צו יענעם, פלעגט ער עטליכע מאָל פּרעגען הינטער אַ רום, צו יענער האַלט ניט אין עסען, אויב יע—פלעגט ער בשום אופן ניט אַ ריין.

אין באָרישאַנסקיס צימער איז געווען אַן אמת'ע איבערקעהרעניש. אַ מין „תהו ובהו". דאָרט איז אַלעס געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפען אין אַ ווילדער אונאָרדנונג פון כל-ערליי שמאַטעס, פּאַפּירען, קאָשיקעס, אַלטע בגדים, אַלטע ברעטלעך, קעסטלעך, איבערגעקעהרטע שטולען, מיט די פיסלעך אַרויף, אויף יעדער פיסעל שטעקט אַן אַלטער קאַפּעליוש. די קאָשיקעס פול מיט קויהלען, מיט שישקעס, וואָס ער פלעגט אָנשלעפּען זומער פון וואַלד. אנשטאַט אַ בעט איז געשטאַנען עפּעס אַ מין „קאַיקע" אָדער „נאַרע" ווי אין אַ טורמע; אנשטאַט בעטגעוואַנד — שמאַטעס און בערג מיט אַלטע צייטונגען: העברעאישע, יודישע און רוסישע. וואָרום וואָס פאַר אַ צייטונג באָרישאַנסקי זאָל ניט האַלטען אין האַנד האָט אַלץ געמוזט בעהאַלטען ווערען. יעדע פּאַפּירעל בכלל איז ביי איהם געווען „קודש קדשים". דאָס אַלעס פלעגט אויפגעלעגט, סאָרטירט און פערפּאַקט ווערען אין גאַנצע

ווילנער „משמרת־חולים" און אנשטאַלט, וואָס גיט ביליגע אָדער אומזיסטע הילף פאַר אָרימע קראַנקע. אַחוץ דעם, וואָס ער האָט דאָרט אַרום די קראַנקע געטאָנט און געגעבטינגט, האָט ער געפיהרט אַ קאַמפּף געגען די „גבאות" און „מחותנ'עשאַפט", וואָס הערשט דאָ ווי אין אַלע יודישע פילאַנטראָפּישע חברות. ער פלעגט געבען צעטלען צו אַזוינע דאָקטוירים, וואָס זענען פערפאָלגט, פערשלאָגען אַן אַזייט, דורך די גרויסע פירמעס, אָבער האָבען מיטלייד מיט אַ קראַנקען מעהר ווי די רייכע דאָקטוירים. דערפאַר האָט מען איהם פון דאָרטען אַרויס־געשטופּט. איז ער אַריין אין דעם „גמילות-חסד" אויף „רוזעלע" די אָרימסטע יודישע פאָרשטאַדט אין ווילנא. אַ סך מענשען, אפילו די אָרימע פלעגען עקספּלואַטירען באָרישאַנסקיס ווייכהערציגקייט און תמימות. מ'האָט געוואוסט, אַז ער קאָן קיינעם ניט אָבזאָגען, לייהט מען ביי איהם אויף ניט אָוועקצוגעבען, און זיינע געלד איז צושפּרייט ביי הונדערטער מענשען. דערפאַר זענען דאָ אַזוינע מענשען: רייכע יודען פון דעם אַלטען שניט, וואָס האָבען ליעב צו געבען צדקה „מתן בסתר" — בעהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט וויסען, און זיי פלעגען אונטערהאַלטען באָרישאַנסקין. דאָס הייסט ניט איהם פּערזענליך — פאַר זיך האָט באָרישאַנסקי ניט געדאַרפט, גאָר נישט — נאָר זיי פלעגען העלפען דורך איהם די נויט-בעדערפטיגע. אַזוינע סאָרטען יודישע בעל צדקה'ס, וואָס גיבען „מתן בסתר", זענען שטענדיג דאָ אין ווילנא. מ'דערצעהלט פון אַ רייכע יודישע הויז, וואו דער מאַן גנב'עט פון דער ווייב און די ווייב גנב'עט פון דעם מאַן. דאָס הייסט ער גיט אוועק ביז דרייסיג־פערציג רובל אַ וואָך צדקה בשתיקה דער ווייב, און זי צוטיילט אויך אַזוי פיעל בשתיקה דעם מאַן. אַזוי שטאַרק איז די עניוות, דער עדעלער האַס צו רעקלאַמעס און גבאות, אַז מען האַלט די גרעסטע „קאָנספּיראַציע" אפילו געגען דעם נאָהענטסטען פריינד, אום עס זאָל ניט קומען צו גאוות.

באָרישאַנסקי'ס פּערזענליכער לעבען איז ניט אוועק אַזוי נאָרמאַל און פשוט ווי דבורה אסתר'ס. זיין גאַנצער פאַמיליען-לעבען איז אַ דראַמע. זיין רואינירט ווערען האָט אָנגעגריפען זיין גייסט. אַז ער

פיס, ער זאָל קענען העלפן זיך אליין. זי איז אויך געווען פעהיג צו אָרגאניזירען, צו וועבען ארום זיך חברים און חבר׳טעס, וואָס זאָלען איהר העלפען און ווען זי זאָל קענען איבערגעבען בירושה איהר עדעלע ארבייט. זי איז געווען אַ פּראָסטע יודענע, האָט ניט געוואוסט פון קיין טעאָריע און האָט דאָך געווירקט סיסטעמאטיש און געזעצט מיט איהר געבאָרענעם ריכטיגען פערשטאנד אין געפיהל.

באָרישאנסקי איז אין אָט דער הינזיכט אַ פּאָלקאָמנער קאָנט־ראַסט פון דבורה אסתר׳ן. ער ווייס ניט פון קיין סיסטעם. ער איז ניט פעהיג צו פערטראַכטען זיך אויף שפּעטער, ער האנדעלט בלויז אונטער דער ווירקונג פונ׳ם איםפּולס, ווי עס דיקטירט איהם אין דעם מאָמענט זיין עדעלע, צאַרטע נשמה. דערזעהט ער אַן אָבגעריסענעם מענשען, איז ער מקיים דעם פּסוק: „כי תראה ערום וכסיתו״ — אַז דו זעהסט אַ נאַקעטען — דעק איהם צו״. ער נעהמט אראָב פון זיך דעם מאַנטעל, צי זיין ראָק, זיין פּאָר שטיוועל און גיט אוועק יענעם. האָט איינער ניט וואו איבערצונעכטיגען — נעהמט ער איהם צו זיך. אויב פּאַר איהם קומט נים אויס קיין פּלאַץ — געהט ער אוועק נעכטיגען ערגעץ אַנדערש, „מיך — זאָגט ער — קען מען און מ׳וועט מיך אריינלאָזען נעכטיגען אומעטום. אָבער אַן אונבעקאַנטען וויל קיינער ניט אַריינ־לאָזען״. איז ביי אימיצען ווער קראַנק, זאָרגט שוין באָרישאנסקי ווענען אַ דאָקטאָר און מעדיצין, ער האָט שוין זיינע דאָקטוירים און אַפּטייקען און מעדיצין אָן ניט אליין, אָדער קריגט ביי אַן אַנדערען מזומן־געלד, פּאַר דער פאַמיליע פון דעם קראַנקען.

באָרישאנסקי האָט געשטאַמט, ווי געזאָגט, פון ווילנער גבירים און יחסנים, אָבער ער האָט פיינד געהאַט די גבירים, יחסנים, גבאים, און אַלע כלי קודש. ער האָט נאָר געלעבט צווישען דער מאַסע, צווישען די אָרימע און — פּאַר זיי. באַלד ווי מ׳האָט אויסגעבויט אין ווילנא די בילינע דירות, וואו עס וואוינען די ביטערסטע קבצנים, האָט ער זיך אריבערגעקליבען אַהין און האָט פערנומען אַ דירה׳לע פון איין צימער, פּאָר דריי רובל אַ מאָנאַט, גלייך מיט אַלע אָרימסטע שכנים פון אָט די הייזער. באָרישאנסקי איז געווען אַ געוויסע צייט אַ מיטגליעד אין

האָט געקענט נאָר טאָן איין געשעפט, וואָס פאָדערט ניט קיין קאָפּ־דרעהעניש: ווערען א „מלוה" און לעבען פון פּראָצענט. און באָרי־שאַנסקי האָט אַזוי געטאָן. ער האָט גענומען זיין גאַנצע ירושה און האָט פערליהען לייטען. אַזוי ווי אָבער מאָהנען האָט ער ניט געקענט — ער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט יענעם אָנצוטרעטען — און יעדער פון זיינע לייהער האָט שוין געוואוסט זיין נאַטור, האָט מען איהם ס׳פערשטעהט זיך אַליין, דאָס געליהענע געלד צוריק ניט אָבגעגעבען. דאָס וואָס איהם איז נאָך געבליבען, האָט ער אַליין צוגעבען, גמילות־חסדים, נדבות, קליינע הלוואות. אָבזאָגען האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט. ווער עס האָט נאָר געמאַכט אַ קרומע מינע, ווער עס האָט געהאַט אַן אומעטיג האַרץ, האָט ער איהם אָבגעגעבען אַלץ, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט.

באָרישאַנסקי איז געווען אַ טיפּ פון געבאָרענע ערעלע פאָלקס־אידעאַליסטען, וואָס קענען ניט צוזעהן דעם פאָלקסליידען, וואָס קענען ניט דענקען וועגען אייגענער רוה און בעקוועמליכקייט, בשעת זיי זעהען אַרום זיך אַזוי פיעל עלענד.

באָרישאַנסקי איז אפילו ניט געווען אַ קינד פון׳ם פאָלק, אַזוי ווי דבורה אסתר. אָבער ער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין דער ווילנער יודישער גאַס. ער האָט נור געדאַרפט אַרויס פון שטוב, אום צו זעהען דעם פערצווייפעלטען לעבענס־קאַמפּף פון דער יודישער מאַסע.

ער איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ דינער, צאַרטער נשמה, וואָס פיהלט טיעף יענעמ׳ס שמערצען, גלייך ווי זיינע אייגענע, און נאָך פיעל מעהר פון זיינע אייגענע.

איין אונטערשיעד, זעהר אַוויכטיגער איז דאָ צווישען דבורה אסתר׳ן און באָרישאַנסקין. דבורה אסתר איז געווען, צו דער זעלבער צייט, אַ גרויסע אידעאַליסטין, אַ מענש מיט זעהר אַן אויסגערעכענטען, געזונטען, פּראַקטישען גייסט. אַ מוסטער פון אַ כלל־טוערין אין בעסטען דעמאָקראַטישען זין. איהר הילף האָט געדאַרפט ניט שטילען די ליידען אויף אַ מאָמענט, נאָר שטעלען דעם בעדערפטיגען אויף די

# יודיל באָרישאַנסקי.

**(דעם אנדענקען פון א פּאָלקס־אידעאַליסט).**

---

יודיל באָרישאַנסקי איז א מערקווירדיגער טיפּ פון דער ווילנער יודישער גאַס. איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אין די בילינע וואוינונגען פון „יקא״, וואו ער האָט געהאַט זיין דירה צווישען די איבעריגע יודישע קבצנים. אליין איז אָבער באָרישאַנסקי ניט געוועזען קיין קבצן. ער האָט געשטאַמט פון די גרויסע ווילנער גבירים. האָט אליין אַמאָל אויך געהאַט א סך געלד. נאָר פון זיין געלד און פערמעגען איז געוואָרען א תל. א טייל האָט מען איהם אָנגעזועצט. און א טייל האָט ער אליין אוועקגעגעבען.

זיין פאָטער האָט איהם געלאָזען א ירושה פון צעהנדליגע טויזענדער. אז ער האָט בעקומען די רייכע ירושה, האָט ער ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. וואָרום באָרישאַנסקי איז געוועזען א גרויסער תלמודיסט, האָט גוט געקענט העברעאיש און פערשטאַנען רוסיש און דייטש, נאָר צום פּראַקטישען לעבען איז ער געוועזען גאָר ניט צוגענרייט. פון געשעפט, בלאָף, האַנדעל האָט ער קיין שום בעגריף ניט געהאַט. דאָס איז געוועזען א דערוואַקסענער מענש, מיט דער נאַטור פון א קינד, א „תמים״, ווי יודען זאָגען. אזא מענש

נייסט איז קלאָר, אַז דאָ אין ירושלים פון ליטא, איז פאַראַנען אַ גרויסער באָדען פאַר אַזעלכע פאָלקס־אידעאַליסטען ווי זי. וויערא מאַטוויייעוונא האָט אויסגעדינט איהר „סלושבע“. זי בעקומט יעצט איהר פּענסיע פון „יקא“ און האָט דאָס פולע רעכט און מעגליכקייט צו רוהען. אָבער זי איז ווייט פון דעם געדאַנק צו זיין אַ אינוואַלידין. זי האָט אויסגעקליבען ווילנא פאַר איהר אָברוה־פּלאַץ, ווייל זי ווייסט, אַז דאָ איז פאַראַנען אַזוי פיעל יודישע קינדער, וואָס שמאַכטען אין דער פינסטער, וואָס וואַרטען מיט אונגעדולד, אַז זי, וויערא מאַט־וויייעוונא, זאָל קומען צו זיי און מאַכען זיי ליכטיג...

יענער זייט, און שמועסען מיט איהרע שכנות אין די הינטערשטע אין פאָדערשטע רייהען, אָנרופענדיג יעדע איינע פאמיליער ביי איהר נאָמען אין פאָטער'ס נאָמען.

„ווי איהר זעהט מיך — האָט זי צו מיר געזאָגט אין אונזער געשפרעך — פיהלט קיינער נים, אַז ער האָט צוטאָן מיט אַ בלינדער, און איך אַליין פיהל אויך נים.

דאָס איז אָבער אַלץ כל זמן איך בין געזונד אויף די איבריגע גליעדער — האָט זיך דאָך פּלוצלונג דורכגעריסען ביי איהר אַ פּעסי־מיסטישע נאָטע. זאָל ביי מיר צוברעכען ווערען אַ האַנד, צי אַ פוס (אין דאָס קען זעהר לייכט טרעפען). איז אויס! איצט בין איך מיט אַלעמען און אַלע זענען ארום מיר, אין, רעמאַלט וועט מען מיך לאָזען אַליין". דערביי האָט זי אַ טיפען זיפץ געטאָן.

אָבער אָט דער פעסימיזם האָט געדויערט בלויז אַ מינוט. באַלד האָט איהר עמיצער אונטערגעכאַפּט אונטער אָרעם און איז מיט איהר אַוועק שפּאַצירען איבער'ן זאַל אין אַ הייסער דעבאַטע.

---

אין צוויי יאָהר ארום נאָך דעם, ווי דאָס איז געווען געשריבען האָב איך זיך, אונערוואַרטעט, ווידער בעגעגענט מיט וויערא מאַט־ווייעוונא.

איך האָב זיך געטראָפען מיט איהר אין פּעטערבורג אין דער וואוינונג פון אַ יודישען לעהרער. די פּאָר יאָהר האָבען גאָר נישט געענדערט אין דער מערקווירדיג טעטיגער, ריהרעווודינער פּערזענליכ־קייט פון דער בלינדער קולטור־טרעגערין.

זי איז געקומען אין פּעטערבורג צוליב איהרע שול־עסקים און האָט מיר מיט פרייד אָנגעזאָגט די בשורה. אַז אין ווילנא ווערט געעפענט אַ נייע מיידעל־שולע, און זי וועט דאָרט, ארום דער שולע, האָבען געגוג וואָס צו טאָן. זי האָט דעריבער בעשלאָסען צו בעזעצען זיך אין ווילנא.

זי האָט ווילנא מיט די פיזישע אויגען קיינמאָל נים געזעהן, כאָטש זי איז געווען דאָ עטליכע מאָל. נאָר פאַר די אויגען פון איהר

וויערא מאַטווייעוונא איז נעקומען אויף דער קאָנפערענץ מיט איהרע שאַרף דעמאָקראַטישע אידעען, און האָט פאַר זיי געפיהרט אי אויף דער טריבונע, אי אין די קאָמיסיעס, אי אין די אנטראַקטען פון די אַלגעמיינע זיצונגען — אַ מעכטיגען קאַמפף. זי האָט געהאַט איהרע געגנער. ניט קוקענדיג אויף זייער פּערזענליכען מיטליידס־געפיהל און רעספּעקט צו דער בלינדער געגנערין, האָבען זיי דאָך מיט איהר געפיהרט אַ שרעקליכען, און ברחמנות'דיגען קאַמפף. אָפטער אָבער האָט מען געפּרובט „איינגעהמען איהר מיט גוטען״, געזוכט צו געווינען איהר, „וואָרום — האָבען זיי גע'טענה'ט צווישען זיך — קוקט ניט אויף איהרע מאַרק־שטיק; דאַכט זיך, אז זי פּראַוועט בדחנות, מאַכט פרעהליך דעם עולם, אָבער צום סוף נעהמט זי איבער אַלעמען אויף איהר זייט. אזא כח האָט זי אין זיך״.

און דאָס איז געווען אמת. כמעט אַלץ, וואָס וויערא מאַטווייעוו־נא האָט געוואָלט, האָט זי אויסגעפיהרט.

— פון דער קאָנפערענץ — האָט זי מיר דערצעהלט — פאָהרט זי אין פעטערבורג. „מיט עמיצען?״ האָב איך געפרעגט. „ניין, אַליין״ — האָט זי מיר געענטפערט.

און איך האָב איהר געגלויבט. באמת געהט זי ניט אַליין. פון איהר וואָקזאַל־פונקט ביז איהר אָנקומעס־פונקט העלפט איהר עמיצער אונטער. לאָזען לאָזט זי זיך אַליין. נאָר דער עולם ווענדט סימפּאַטיע און בעוואונדערונג זי געווינט באַלד, וואו זי זאָל זיך ניט געפינען, כאַפּט איהר שוין אונטער; איינער גיט איהר איבער אַ צווייטען. דער צווייטער — אַ דריטען, און אזוי ווייטער.

און דאָס זעהט קיינמאָל ניט אויס, ווי מען פיהרט אַ בלינדע, נאָר ווי מען שפּאַצירט מיט אַ זעהענדיגער, מעשה גוטע בעקאַנטע, אונטער אָרעם.

וויערא מאַטווייעוונא האָט אַ מערקווירדיגען זכרון. די אלע קאָנפערענץ־לייט, מיט וועלכע זי האָט זיך בעקענט אין ווילנא, פלעגט זי, אויפ'ן צווייטען טאָג, שוין דערקענען נאָך דער שטימע. פון איהר באַנק פלעגט זי אַלע ווילע זיך קעהרען, דאָ אין דער זייט, דאָ אין

האסטינע, שטורעמדינע.

נאָך מעהר ווייזט זי אַרויס איהר „פּראָלעטאַרישען יחוס“, בשעת זי רעדט אויף דער טריבונע.

זי רעדט, נאַטירליך, רוסיש און גאָר פיין, ווי אַ מענש מיט בילדונג. פּלוצלונג וואַרפט זי אַריין אין איהר רוסיש—יודישע ווערטלעך: זאַלצינע, פעפערדיגע, פון די וואָס ווערען געברויכט אין סאַמע פיש־מאַרק. אַ שטיינער: „אַ קלאָג“, „אַ ברעכעניש“, „אַ מכה“, „פיש!“, „פּאַסקודסטווע“.

די דאָזיגע „געווירצען“ פאַלען אַריין אין זאַל, ווי באָמבעס. עס ווערט אַ געלעכטער. די געבילדעטע הערען ווערען אַזש בלייך און די רייכע מאַדאַמען—אַזש רויט פון „שאַנדע“.

דער סעקרעטאַר—אַ געשטודירטער טעכניקער פון פּעטער־בורג, גיט זיך פון זיין טיש צו איהר אַ בויג און שושקעט איהר אַריין אין אויער, אַז דאָ זיצט אַ פּאָליציסט און מ׳טאָר ניט רעדען קיין יודיש. זי גיט אונצופריעדען אַ בורטשע, פערכאַפּט זיך אָבער גלייך און פער־טייטשט, טאַקע אויפ׳ן אָרט, וואָס הייסט דאָס אויף רוסיש אַ „געשווירר“, אַ „ברעכעניש“, פערטייטשט עס אָבער אַזוי קאָמיש, אַז דער עולם פּלאַצט ווידער אויס אין אַ שטורמדיגען געלעכטער. די געבילדעטע הערען ווערען ווידער בלאַס און די „מאַדאַמען“—ווידער רויט, און ויערא מאַטווייעוונא, ווי ניט איהר מיינט מען, רעדט ווייטער.

און אַז זי רעדט מוז מען זי הערען. ניט צוליב העפליכקייט, וואָרום דאָס איז ניט נויטיג. ווייל ויערא מאַטווייעוונא זעהט דאָך ניט, קען מען דאָך גאַניץ געמיטליך זיצען אויפ׳ן אָרט און לעזען אַ בלאַט אָדער שמועסען צווישען זיך. נאָר מען מוז איהר הערען, ווייל אַזאַ קראַפט האָט זי אין איהר צונג. און ניט בלויז זי צווינגט צו הערען, נאָר מיט איהר פייער, מיט דער אויפריכטיגער ליבע צו דער זאַך, פאַר וועלכע זי קעמפפט, מיט דער שטרענגער, פּראַקטישער לאָגיק, מיט וועלכער זי מאַכט איהר אַנאַליז, ווירקט זי איבערצייגענדיג אויף די וואָס זענען אַ סך געבילדעטער פון איהר. ניט קוקענדיג אויף איהר גרעבליכען מאַרק־לשון.

נאָך אַליין, ווי עס איז, סאַפּענגדיג דורכן טריבען שיין.

די לעצטע יאָהרען אָבער האָט מען איהר פון דער שולע בעפרייט און „יקא״ ניט איהר צום לעבען פיער הונדערט רובל איאָהר.

פערלאָזענדיג איהר שטענדיגע ארבייט אין דער שול, זיצט אָבער וויערא מאַטווייעוונא ניט לעדיג. זי איז קערפּערליך שטארק געבויט, איז פּאָלקאָס געזונד. געהט ארום אַליין אין שטוב און אין גאַס, מיט דעם אינסטינקט פון דעם אַמאָלינען שיין; בעזוכט איהר שול, וואָס זי אַליין האָט אויפגעבויט, די קינדער, וואָס זי האָט אויפגעהאָדעוועט און אין וועמענס לעבען און ערציהונג זי נעהמט ביז היינטיגען טאָג אַ לעבהאַפטען אַנטייל. זי אינטערעסירט זיך, פּונקט ווי אַ זעהענדיגע, מיט אַלע פראַגען פונ׳ם קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען.

זי לייענט (נאַטירליך ניט אַליין, נאָר מיט פרעמדע-בעצאָהלטע, אויגען) צייטונגען, זשורנאַלען און ביכער, רוסישע און יודישע.

ווי בעזיצט גאַנץ פיינע בילדונג, וועלכע זי האָט ערוואָרבען שוין זייענדיג אַ בלינדע, מיט דער הילף פון פרעמדע, זעהענדיגע אויגען, האָט זי די לעצטע צייט אפילו אויסגעלערנט זיך העברעאיש און פערשטעהט פריי אַ העברעאישע צייטונג, ווען מען לעזט איהר פאָר.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט זי פערפאַסט און אָבגעדרוקט צוויי לעהר ביכער אויף אַריפמעטיק און רוסיש: איינעם פאַר לעהרער און דער אַנדערען פאַר קינדער.

שוין די פיגור אַליין פון וויערא מאַטווייעוונא איז זעהר אַן אָרי־גינעלע. אַ פרוי פון עטליכע און פופציג יאָהר געהט זי אין קורצע געדיכטע האָהר, טונקעל פלאַקס קאָליר, אין וועלכע עס וואַרפען זיך אָפּט דורך זילבערנע פעדים. זי איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרע קלייד, פון אויבען מיט אַ לאַנגען פאַרטוך. זיצענדיג אויף איהר באַנק, אויף דער קאָנפערענץ, האָט זי ניט גערוהט אַ מינוט. איהר קערפּער, אַלע שטריכען פון איהר פּנים, זענען פול געווען מיט בעוועגונג. איהרע בעוועגונגען זענען ניט קיין רוהיגע, געמאָסטענע, ווי פון אַ בורזשואזער אינטעליגענטין. איהר קעהר און רייד זענען פון אַ מאַרק יודענע,

צוליב די איינענע ליכטיגקייט, וואָס זי האָט פּערלאָרען, ווי צוליב דעם, וואָס זי האָט פּערלאָרען די האָפנונג צו טראָגען ליכט צו אנדערע. נאָר זי איז ניט געווען דער מענש, וואָס זאָל א נידערליינען דאָס געווער אָהן א קאמפּף. זי האָט שטארק געקעמפּפ׳ט געגען איהר בלינדקייט, געפאָהרען צו פּראָפעסארען, געטאָן אלע סגולות, און ענדליך האָט זי זיך געמוזט איבערצייגען, אז דער קאמפּף איז פערשפּילט, אז די ליכטיגקייט פון די אויגען וועט זי שוין קיינמאָל ניט בעקומען צוריק.

דאן האָט וויערא מאטווייעזונא ווענען זיך אויפגעהערט צו קלערען און האָט זיך, בלינדערהייט אָבגעגעבען אין גאַנצען איהר ליעבלינגס-אידעאַל. לעבענדיג אליין אין דער פינסטער, האָט זי געטראָגען ליכטיגקייט צו אָרימע קינדער פון דער יודישער מאסע. הונדערטער קינדער זענען געווען ארום איהר און זי איז זיי געווען אי א מוטער, אי א שוועסטער, אי א לעהרערין. אין ניכען איז דער קלאנג וועגען איהר קולטורעלער ארבייט אָנגעקומען צו „יקא״. און דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט זיך מיט איהר פעראינטערעסירט. פון דעמאָלט אָן איז זי איינע פון „יקא׳ס״ וויכטיגסטע מיטארבייטערינס אין פערשפרייטען בילדונג.

בלינדערהייט פאָהרט זי ארום אליין איבער פערשידענע שטעדט פון דרום רוסלאנד און גרינדעט שולען פאר אָרימע יודישע קינדער, זי וועקט, זי מונטערט אויף די כלל-טוער אויף די ערטער, וואו זי קומט. קיינער וואַגט איהר ניט צו ענטזאגען. איהר אָנקומען, איהר הייסע אגיטאציע מאכט א אונגעהויערען איינדרוק אויף אלעמען. די גלייכגילטיגסטע ווערען בעשעמט געגען דער זעלבסטאָפּפערונג פון אָט דער מערקווירדיגער פריז.

ביז מיט איינינע יאָהר צוריק האָט זי נאָך אליין געארבייט אין דער יעליסאַוועטגראַדער פּראָפּעסיאָנעלער מיידעל־שולע, וועלכע זי האָט אליין אויפגעבויט. געארבייט דאָרט אלס לעהרערין פון אריפּ־מעטיק און היסטאָריע. א חוץ דעם האָט זי נאָך געגעבען אָרימע קינדער לעקציעס אָהן ביכער, בלינדערהייט. זי האָט אפילו געשריבען

אַלעמענס הערצער, אויף דער קאָנפערענץ, און דער זאַל האָט מינוטען לאַנג געציטערט פון אמת'ע ווארעמע אַפּלאָדיסמענטען, וואָס האָבען גאָר ניט געוואָלט אויפהערען. אַ סך האָבען געפּאַטשט מיט די הענד און אין די אויגען זענען זיי געשטאַנען טרערען.

ווייל אַלע האָבען געקענט ווערא מאַטווייעוונא. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דער אויסרוף איז ביי איהר ניט קיין אָראַטאָרישע פראַזע, נאָר אַ ריס פון איהר נשמה.

איהר אויסרוף איז געווען דער אידעאַל, וועלכען זי האָט אָבגעגעבען, ניט קוקענדיג אויף איהר בלינדסייט—איהר גאַנצען טעטיגען, פרוכטבאַרען לעבען; דער אידעאַל, צוליב וועלכען זי האָט פערלאָרען איהרע אויגען.

זיינענדיג נאָך גאָר אַ יונג קינד, האָט ווערא מאַטווייעוונא, ניט קוקענדיג אויף די אָרעמקייט פון איהרע עלטערען וועלכע האָבען וואָהרשיינליך געלעבט פון „קצבה", אָדער פון נדבות-קלייבען, בעקומען אַ מעכטיגע שטרעבונג צו בילדונג. זי האָט, טיילס לערנענדיג אַליין, טיילס איינבעטענדיג זיך ביי איטיצען, מ'זאָל איהר ווייזען, אויסגע־לערנט זיך שרייבען, לעזען רוסיש און יודיש; האָט איבערגעלעזען די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור און די יודישע.

צו דער זעלבער צייט אָבער האָט זי געפּיהלט ביי זיך אַ מעכטיגען דראַנג צו לערנען אַנדערע, די וואָס לעבען, נאָך מעהר ווי זי, אין נייסטיגער פינסטערנים. און אַזעלכע איז געווען אַ סך אַרום איהר.

אָט אַזוי האָט זי געלערנט זיך און געלערנט אַנדערע, ביז זי איז אַלט געוואָרען צוויי, דריי און צוואַנציג יאָהר. דאַן האָט זי בעשלאָסען צו עקזאַמענירען זיך אויף אַ לעהרערין און אָבגעבען זיך אין גאַנצען איהר אינערליכער שטרעבונג: ווערען אַ לעהרערין פון יודישע קינדער. נור דעם עקזאַמען האָט זי ניט אָבגעגעבען וואָרום אין דער צייט, ווען זי האָט זיך צוגעגרייט צו איהם, ניט שלאָפענדיג קיין נעכט איבער די לעהר־ביכער, איז געקומען די „פינסטערע ירושה" און האָט געזאָגט: סטאָפּ!

דאָס האָט ווערא מאַטווייעוונא זעהר פערדראָסען. ניט אַזוי

ריהרענדסטע, פון די בעלעהרענדסטע, וואָס זענען ווען עס איז נעשריבען געוואָרען.

נעבאָרען געוואָרען איז וויערא מאַטווייעוונא ביי זעהר אָרימע יודישע עלטערן. אַ שווערע ירושה האָט זי בעקומען שוין פון ערשטען נעבאָרען-טאָג אָן, פון איהר טאַטען און זיידען.

ביידע זענען געווען בלינדע. דאָך איז זי אַליין, וויערא מאַטווייעוונא, ניט נעבאָרען געוואָרען אַ בלינדע. זי האָט געהאַט איהרע זעהענדיגע אויגען ביז דריי און צוואַנציג יאָהר.

ס׳איז מעגליך, אַז ביי אַ געוויסער פּאָרזיכטיגקייט, ווען זי וואָלט היטען די אויגען, ווי מען דאַרף, וואָלט זי ניט איבערגענומען די פינסטערע ירושה פון טאַטען און זיידען. אָבער וויערא מאַטווייעוונא האָט זיך ערצויגען אין אַ שרעקליך אָרימער יודישער פאַמיליע און אַ אונוויסענדער דערצו, וועלכע האָט איהר קיין שום ערציהונג ניט געקענט געבען. און זי האָט גענאָסען די ליכטיגע וועלט נור אַ קורצען טייל, דערפאַר אָבער—דעם בעסטען טייל פון איהר לעבען—די יוגענד. און מיט דעם טייל פון איהר לעבען, מיט יענער ליכטיגער יוגענד, לעבט נאָך וויערא מאַטווייעוונא איצט אויך.

אויף איינער פון די דעבאַטען אויף דער קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע יודישע מיידעל-שולען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען וויכטיגקייט פון עלעמענטאַרע בילדונג פאַר יודישע קינדער, פאַר יודישע מיידלעך, האָט וויערא מאַטווייעוונא גענומען אַ וואָרט און געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע זי האָט געענדיגט מיט דעם אויסגעשריי: גיט אונז ליכט! גיט אונז ליכט!

דאָס האָט וויערא מאַטווייעוונא געבעטען ליכט ניט פאַר זיך, וועלכע געהט שוין העכער זיעבען און צוואַנציג יאָהר אין דער פינסטער; ניט פאַר זיך און ניט פאַר די טויזענדער אומגליקליכע, וועלכע טאַפּען בוכשטעבליך אין דער פינסטער, אַזוי ווי זי. ניין, זי האָט געבעטען נייסטיגע ליכט פאַר יודישע קינדער.

און אָט דער הארציגער אונגעקינסטעלטער אויסרוף האָט אַזוי געטאָן, ווי מיט עלעקטרישע שטראָמען, איבער די סטרונעס פון

# זויערא מאַטוזייעזונא.

(אַ בלינדע יודישע לעהרערין—אַפּאָלקס־אידעאַליסטין).

---

בעקאַנט געוואָרען בין איך מיט איהר אויף אַ קאָנפערענץ פֿון יודישע לעהרער אין לעהרערינס אין ווילנא.

ווען איך האָב איהר אָנגערופען ביי איהר פאמיליען נאָמען: „קופערשטיין", האָט זי זיך בעליידיגט. מיך רופט מען האָט זי געזאָגט, —וויערא מאַטווייעוונא.

אַלס א מענש פון פאָלק, פֿון דער אונטערשטער יודישער מאַסע, האָט זי גלייך, אָהן פאָררעדעס, אָהן קונצען, איינגעשטימט צו לאָזען זיך אינטערוויואירען, גאָר אָהן אַ שום הינטערמיין, אז מ׳וועט שרייבען וועגען איהר אין ד׳ בלעטער. וויערא מאַטווייעוונא איז נים אַזוי נאַאיוו, נתפעל צו ווערען דערפֿון. זי איז פּשוט געווען צופֿריעדען, וואָס איינער קומט און אינטערעסירט זיך מיט איהר לעבען. דאָס טרעפט, אַ פנים, ביי איהר זעהר זעלטען, כאָטש וויערא מאַטווייעוונא איז גענוג פּאָפּולער, האָט אַ שם אין גאַנץ וואָהלין, און בעקאַנטשאַפֿט צווישען אַלע קלאַסען פֿון דער יודישער געזעלשאַפֿט-ממש אין די טויזענדער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי אויפגעזוכט; דאָס צווייטע און דריטע מאָל, אין די קאָנפערענץ־אַנטראַקטען, האָט זי מיך שוין אויפגעזוכט און האָט מיך גערן בעקאַנט געמאַכט מיט איהר לעבענס—געשיכטע.

איהר לעבענס־געשיכטע איז אַ קורצע, אָבער איינע פֿון די

---

געצאָהלטע מענשען, דאָ איז שוין נויטיג געווען אַ געוויסער קאָנטראָל. בפרט, אז מ׳האָט צו טאָן מיט קהל׳שע געלד.

און דבורה אסתר איז דורכגעגאנגען צו זיבעציג יאָהר די שולע, וואָס אַ קינד געהט דורך צו זיעבען יאָהר. וויפיעל שטארקער ווילען האָט זיך געפאָדערט אויף בויגען די אַלטע איינגעדארטע פינגער צו האַלטען אַ פען און לערנען די קינדערשע תורה פון אויסלענען! נור אזוינע זאכען האָבען די גרויסע אידעאַליסטין נים געקענט אָבהאַלטען פון אויספיהרען איהר וואונש, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט אום דער הייליגער אויפגאַבע, וועלכער זי האָט געדינט איהר גאַנצען לאַנגען לעבען.

איהר גאַנצען לאַנגען לעבען, פינף און זיבעציג יאָהר נאָכאַנאַנד, איהר מצבה איז איהר „ גמילות־חסד" וואָס בעזיצט יעצט אַ קאַפּיטאַל פון אַ צוואַנציג טויזענד רובל.

איך בין געווען אין דבורה אסתר'ס גמילות־חסד, ד. ה. אין איהר קלויז, בשעת די הלוואות ווערען דאָרט צעטיילט. אויף מיר האָט געמאַכט אַ בעזונדער איינדרוק, וואָס די ווייבער, וועלכע קומען אָן צום גמילות־חסד, פיהלען זיך דאָרט היימיש. דאָרט שמעקט נים מיט פילאַנטראָפּיע. די בעהאַנדלונג איז איינפאַך, מיט־פיהלענד. מיט די קופּקעס געלד, וואָס די ווייבער האָבען גענומען פון טיש, האָט יעדע פון זיי אויך מיטגענומען דבורה אסתר'ס פאָטאָגראַפיש בילד פאַר אַ רובל פופציג קאָפּיקעס, אויף אויסצוצאָהלען אַ קאָפּיקע אַ וואָך, צוזאַמען מיט דעם גמילות חסד.

אַ רום טיש זענען געזעסען דבורה אסתר'ס העלפערינס ביים לעבען און שטעל־פערטרעטערינס נאָכ'ן טויט. די רעכטע יורש'טע פון איהר איז מלכה, אויך אַ קינדערלאָזע. און מלכה האָט שוין אָנגענרייט זיך אַ שטעל־פערטרעטערין — רייזע די אלמנה־ביידרע אָרימע יודענעס, ווייבער פון דער מאסע, ווי דבורה אסתר אַליין. עס איז אָבער אויך דאָ אַ רייכע פרוי, מאַריאַשע קאַפּלאַן, וואָס ארבייט צוזאַמען מיט מלכה די בעזדיעטניצע און רייזע די אלמנה.

צו שליסען דבורה אסתר'ס ביאָגראַפיע דאַרף איך נאָך צוגעבען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען פאַקט: צו זיבעציג יאָהר האָט זי זיך אויסגעלערנט שרייבען. דאָס איז פאָלקאָם איינשטימיג מיט דעם געזונטען פּראַקטישען פערשטאַנד פון אָט דער מערקווירדיגער פרוי. נאָר אַמאָל, בשעת איהרע געשעפטען מיט די אָרימע לייט זענען געגאַנגען אויפ'ן אַלטען פשוט'ען שטייגער, איז פאָלקאָם גענוג געווען איהר גוטער זכרון מיט דער דריי־נאָרענדינער רימענער קעשענע. די לעצטע יאָהרען אָבער ווען איהר טעטיגקייט איז געוואָרען מעהר קאָמפּליצירט: מ'האָט גערארפט אַרויסגעבען הלוואות, בעקומען צוריק די וואָכער און האָבען צו טאָן מיט טויזענדער מענשען פון אַלע עקען שטאָדט; מ'האָט געמוזט ברויכען אַנ'אַנדער העלפער און

נייטינגערע „קונדרען", און קיין אנדער קוועלע איז נים געווען. די צייטען זענען געוואָרען שווערער. מ'האָט פון די ווייבער מעהר נים געקאָנט רייסען.

איז דבורה אסתר געפאלען אויף א המצאה. זי איז געווען אלע טאָג א בעל הוצאה פינף קאָפּיקעס אויף פלייש. איז ביי איהר געבלי־בען: אויפהערען צו עסען פלייש און אבגעבען אלע טאָג די פינף קאָפּיקעס פאר די קלויזניקעס. צו דעם האָט זי, ווי עס איז, געקראָגען נאָך עטליכע צעהנער א טאָג און — די קלויזניקעס זענען געווען פער־זאָרגט. אזוי איז אוועק א האלב יאָהר, ענדליך האָבען איהרע ווייבער זיך ארומגעזעהען, אז עס איז קיין פלאן נים צו לאָזען דבורה אסתר'ן כמעט הונגער'ן. און זיי האָבען די קלויזניקעס פערדאנגה'ט, אחוץ איהרע פינף קאָפּיקעס. דאָ איז אָבער געוואָרען אנ'אנדער הארבע שאלה: א האלב יאָהר האָט זי נים געגעסען קיין פלייש. איז דאָך שוין דאָס כמעט א נדר, און א נדר טאָר מען נים ברעכען.

האָט מען געמוזט אויפקלייבען דריי לומדים — יודען און מ'האָט איהר מתיר נדר געווען.

---

איך בין געווען אין דבורה אסתר'ס קאמער — וואו זי האָט געלעבט און וואו זי איז געשטאָרבען. איך האָב אויסגעמאָסטען די קאמער. זי האלט א טראָט אין דער ברייט און צוויי טריט אין דער לענג. א פענסטעריל האָט זי נים צום דרויסען, נור צום אינעווייניג, צום שטוב. דאָ האָט דבורה אסתר פערלעבט די לעצטע פערצעהן יאָהר ביז'ן טויט.

פון דריטהאלבען רובל א וואָך, וואָס דבורה אסתר פלעגט בעך קומען אויף דער הוצאה, האָט זי זיך לאנג שוין געהאט פערזאָרגט מיט פיינע תכריכים פון דינע לייווענד און א זעקעלע ארץ־ישראל-ערד, נור א פלאץ האָט איהר שטאָדט געגעבען, אין דער ערשטער שורה, צווישען ווילנער צדיקים און גאונים. אין גיכען האָט מען איהר א שענע מצבה געשטעלט. נור דבורה אסתר נויטיגט זיך נים אין א שענערער מצבה, פון דער, וואָס זי האָט זיך געבויט נאָך ביים לעבען, געבויט

א ספר תורה -- ווער קויפט? ווייבער!.. האָט זי געמעלדעט די ווייבער, און אין א פּאָר טעג איז געוואָרען, פון קאָפּיקעס, ביי דעם פוהרמאַן -- א פערד, ביי א קינפּעטאָרין -- א הוהן, ביי דעם קראַנקען -- א דאָקטאָר, ביי דער אָרימער כלה -- בעטגעוואַנד און א גאַרדע-ראָבע.

ביי דבורה אסתר'ן אין שטוב, בשעת זי איז געווען א באַלעבאָסטע, איז תמיד געווען א לאַנגער פון פעדער'ן פאַר אָרימע כלות. דאָס איז געווען א גולנער מסחר. זי האָט אָבער אויך ניט אוועקגעמאַכט אונטער האַנד קליינינקייטען. זי האָט בכלל ניט געקענט צוזעהן, ווי א מענש ליידט און געהן פאַרביי. האָט זי זיך דערוואוסט, אז מ'וואַרפט אַני-אָרימאַן ארויס פון דירה, איינער האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען שכר-לימוד, ביי אַנ'אַנדערן איז צעריסען די שטיוועל, און ער קען ניט ארויס אין גאַס עפּעס פעררדינגען -- איז שוין געוואָרען אויף די ווייבער אַני' עקסטרא שטייער. און דבורה אסתר האָט געשאַפען א וואַרימען בגד, א פּאָר שטיוועל, שכר-לימוד, דירה געלד און אז. וו. אויף אזוינע עקסטרא זאַכען איז געווען דבורה אסתר'ס דריטע קעשענע.

ווען די שענקען זענען איבערגעגאַנגען צו דער קרוין, האָט דבורה אסתר געדאַרפט זוכען פאַר זיך אַנ'אַנדער פּרנסה. זי האָט געהאַט איהר איינענס עטליכענע רובל און קרעדיט אויף טויזענדער. זי האָט געקאָנט עפענען א קרעמעל אָדער טון עטוואָס אנדערש. אָבער זי האָט ווענינ געזאָרגט וועגען זיך אליין. זי האָט זיך דאַן אריינגעלעגט נאָך מעהר אין איהרע קהל'שע עסקים. די חברה-לייט פון „גמילות חסד" האָבען זיך ביי איהר קוים איינגעבעטען, זי זאָל נעהמען פון דער קאַסע צום לעבען. זי האָט אָבער מעהר ניט געוואָלט בעקומען ווי צוויי א האַלב רובל די וואָך. דערפון איז זי געווען א בעל-הוצאה ניט מעהר ווי העלפט. דאָס איבעריגע פלעגט זי צוטיילען איהרע „קונדען".

דריי פערטעל יאָהר פאַר איהר טויט האָט מען דבורה אסתר'ן געמעלדעט, אז די קלויזניקעס, וואָס לערנען אין איהר קלויז, פעהלט טעג. איהרע אלע דריי קעשענעס זענען שוין אָבער געווען פערנומען. מ'האָט פון זיי ניט געטאָרט ריהרען. זיי האָבען בעלאַנגט צו אנדערע

איבער׳ן שטאָרט, אָדער אין די יאַטקעס, אויף אַ גאַנצן טאָג ביז צוועלף אזייגער ביינאַכט.

דבורה אסתר פלעגט זיצן אין די יאַטקעס אָדער אומגעהן, ווי די שטאָדט האָט אנ׳עק,— זומער און ווינטער, אין אַלע וועטערן, רעגנס, זאַווייעס און בלאָטעס האָבן פאַר איהר ניט עקזיסטירט. זי איז אומגעגאַנגען איבער שטאָדט, אָדער געזעסן אויף איהר בענקעל אין די יאַטקעס, אָדער אין קלויז ארום איהרע ווייבער ביז די לעצטע וואָכן פאַר איהר טויט, ביז דער וואָגן האָט איהר ניט אומגעוואָרפן און אוועקגעלעגט אויף איהר טויטן-בעט.

דער עיקר טעטיגקייט דבורה אסתר׳ס איז געווען דער גמילות חסד. דאָ האָט זי אריינגעלעגט איהר גאנצן לעבען, איהר גאנצע נשמה. איהר פרינציפּ—ווארום דבורה אסתר איז געווען אַ מענש מיט פּרינציפּען—כאָטש זי האט ניט געוואוסט, וואָס אָט דאָס וואָרט בעדייט, איהר פרינציפּ איז געווען שטעלען אַ געפאַלענעם מענשען אויף די פיס. נור דבורה אסתר איז אויך געווען אַ מענש מיט אַ טיעף-פיהלענדער הארץ. און דער עלענד ארום איהר, אין דער יודישער גאַס, איז געווען אַזוי גרויס. האָט זי געמוזט טון אויך אויסער פרינציפּ, „לפנים משורת הדין״, האָט געמוזט קומען צו הילף אומעטום, וואו זי האָט געזעהן מענשען ליידען.

און דעריבער האָט דבורה אסתר געהאַט דריי קעשענעס. איין קעשענע פאַר׳ן גמילות חסד; די צווייטע פאַר אָרימע כלות; די דריטע פאַר אלמנות, יתומים, אָרימע קינפּעטאָרינס און גלאַט קלאָגעדיגע, ביטערע הערצער.

האָט אַן אָרימע פרוי געבאָרען אַ קינד און עס איז ניט געווען מיט וואָס צו רופען אַ דאָקטאָר; האָט אָבגעברענט אַ שול; האָט מען געדאַרפט אויסגעבען אַנ׳אָרימע, כלה און נאָך אַ זוינע זאַכען—האָט זיך דבורה אסתר געשטעלט אין די יאַטקעס און געמאַכט אַן „אויספּער־קויף״.

— אַ קאָפּיקע—אַ פערד! אַ קאָפּיקע—אַ הוהן! אַ קאָפּיקע— אַ ציגעל! אַ קאָפּיקע—אַ קיסען!

מען און אויפמונטערען: נישט קשה, נישט קשה, געזונד זאָלט איהר מיר זיין, זיים זיך ניט מצער... וועט איהר אָבגעבען דעם צווייטען מאָל.

---

בעשעפטיגען זיך מיט איהר איינענער פרנסה האָט שוין יעצט דבורה אסתר ניט געקענט. און זי איז פון אַנ׳ארבייטערין געוואָרען „אַנ׳אונטערנעהמערין „אַנ׳עקספּלוטאַטאָרקע״. זי האָט געדונגען צוויי מיידלעך, וואָס האָבען פונאַנדערגעטראָגען איהרע געבעק איבער די שענקען. קונדען האָט זי געהאַט אַ סך. די שענקער וואָס פלעגען ביי איהר נעהמען געבעק, האָבען מיט קיין אַנדערער ניט געוואָלט האָבען צוטאָן. פון אָט דער פּרנסה פלעגט זי - אחוץ די מיידלעך׳ס געצאָהלט -- נעהמען דריי רובל אַ וואָך צום לעבען און דאָס איבעריגע פלעגט זי לעגען אין איהרע דריי טיפע קעשענעס פאַר די קהל׳שע עסקים.

ווילט איהר וויסען, ווי אַזוי זי אַליין האָט געלעבט? אָט איז דער רעכענונג פון דבורה אסתר׳ס טאָג:

אויפשטעהן פלעגט זי זעקס אַ זייגער אין דער פריה און אוועקגעהן אין שול. שפּעטער -- אין איהר איינען קלויז, וואָס זי האָט אויסגעבוים פון קאָפּיקעס. דאָרטען האָט זי געדאַווענט. אהין פלעגען צונויפקומען נאָכ׳ן דאַווענען צו איהר אַלע אומעטיגע הערצער. זי פלעגט אַלעמען אויסהערען, פערשרייבען ביי זיך אין זכרון -- וואָרעם שרייבען מיט דער פען האָט זי ניט געקאָנט -- וויפיל ווער עס בעדאַרף. זונטאָג, אָדער מאָנטאָג אָוועגד, האָט מען געטיילט אין קלויז די הלואות. זונטאָג -- קלענערע גמילות חסדים, פון אַ רובל ביז צעהן; מאָנטאָג גרעסערע, פון צעהן ביז פופציג - עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי געגעבען הונדערט רובל און מעהר אויך.

אין שול זענען שוין געזעסען איהרע העלפער פון דער חברה -- עטליכע מאַנסביל, עטליכע ווייבער. און זי אַליין פלעגט אויך זיצען דערביי און העלפען טיילען די הלואות.

צוועלף אזייגער ביימאָג פלעגט זי עפּעס אָבעסען און לאָזען זיך

---

און פערלייהען „גמילות חסדים״ אויף משכנות ביי זיך אין שטוב. דערביי פלעגט זי, ווי די תורה הייסט, נויטיגע זאכען, ווי צ. ב. לייכטער, א בגד און עהנליכע חפצים, אלע ערב שבת אָבגעבען צוריק, אָרימע לייט זאָלען, חלילה, נים פערשעמט ווערען.

מיט דער צייט איז אָט דער אומזאַץ איהרער געוואָרען זעהר גרויס. איהר האָט אליין געפעהלט קאפיטאל, און איהר אייגען קאמער איז געוועזען צו ענג פאר די משכנות. דאן האָט דבורה אסתר פאָרגע־לעגט איהרע בעקאנטע ווייבער, מ׳זאָל עפענען א גמילות חסד, וואוהין זי וועט אוועקגעבען איהרע עטליכע הונדערט רובל, און דאָס איבעריגע זאָל מען צונויפקלייבען.

דבורה אסתר איז שוין געוועזען זעהר פאָפולער אין דער ווילנער יודישער גאס און הונדערטער ווייבער האָבען זיך אָבגערופען אויף איהר איינלאדונג.

אָט אזוי איז בעשאפען געוואָרען מיט א האלבען יאָהרהונדערט צוריק דבורה אסתר׳ס גמילות חסד. דער ערשטער גמילות חסד אין אין ווילנא און פיליכט אין גאנצען יודישען תחום.

אום צו מאָהנען די וואָכער, פלעגט זי זיך אוועקזעצען אויף א בענקעלע אין די יאטקעס, וואוהין די ווייבער געהען נאָך פלייש. מיט־וואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג פלעגט זי אזוי זיצען און אויפקלייבען ביי די ווייבער איהרע וואָכער. מאָהנען פלעגט זי חלילה נים. טאָמער האָט נים א יודענע, וועט זי דאָך מבויש ווערען. נור די ווייבער אליין פלעגען שוין, דערזעהענדיג דבורה אסתרן אין די יאטקעס, צוטראָגען איהר מיט שמחה, יעדע איהר מטבע.

נור עס זענען געוועזען ווייבער, וואָס פלעגען נים נעהמן אין די יאטקעס, אָדער זיי פלעגען שיקען א קינד, האָט מען געמוזט נעהמען צו זיי א היים. און דבורה אסתר פלעגט די איבעריגע טעג: זונטאָג, מאָנטאָג און דינסטאָג נעהמען מיט איהר טיפער רימענער קעשענע איבער די היזער, האָט אויסגעשפרייזט, וואו ווילנא האָט אַן עק. האָט א ווייבעל נים געהאַט די פאָר קאָפּיקעס צו דער צייט, פלעגט דבורה אסתר קיין פאראיבעל נים האָבען. פערקערט: זי פלעגט טרייס־

סומע, וואָס זיי האָבן אַ מאָל גענומען, אין די אָרימע יאָהרען, צאָהלען ביז היינטיגען טאָג, „דבורה אסתר׳ס געלד״ ווי זיי רופען דאָס, און גלויבען, אַז אָט דאָס געלד איז זייער הצלחה.

---

דבורה אסתר איז געווען אַ קינדערלאָזע, נור ניט דאָס האָט איהר בעוואוינען אָבצוגעבען זיך אין גאַנצען דער אָרימער יודישער מאַסע. דער אונגליקליכער קינדערלאָזער צושטאַנד האָט איהר נור געהאָלפען, לייכטער געמאַכט איהר אויפגאַבע. פריה, זעהר פריה, נאָך אַלס יונגע מיידעל פון פונפצעהן יאָהר, האָט דבורה אסתר געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליעבע, צו אַלע עלענדע און ליידענדע. זי איז כמעט פון קינדהייט אָן, געווען אַ טרעגערין פון געבעק איבער די שענקען. ביז דעם סאַמע טאָג, ווען די יודישע שענקען זענען צוגעמאַכט געוואָרען, האָט מען איהר דבורה אסתר׳ן, געקענט זעהן תמיד פון פיער אַ זייגער אין דער פריה ביז צוועלף ביינאַכט, אויפ׳ן נאַס מיט די צוויי קאָשיקעס אויף די הענד, פון ביידע זייטען; אויפ׳ן בויך אַ פאַרטוך אויך פול מיט געבעק, און, אַ חוץ דעם, אַ פולער זאַק בולקעס אויף די פלייצעס. אין ווינטערדיגע פינסטערע נעכט פלעגט זי צובונדען צו זיך פאַרענט אַ לאַנטערנע, זי זאָל זעהן דעם וועג אין די ענגע פינסטערע געסלעך, דורך וועלכע זי פלעגט שפּאַנען מיט איהרע בולקעס.

נאָך אין איהרע מיידעלשע יאָהרען, בשעת זי פלעגט האָרעווען, פון פיער אַ זייגער פאַרטאָג ביז צוועלף ביי נאַכט, פאַר צוויי גילדען אַ וואָך,— האָט זי שוין פון אָט די צוויי גילדען אַ טייל אָבגעגעבען די, וואָס האָבען ווענינער פון איהר פערדינט און מעהר פון איהר געדאַרפט.

חתונה געהאַט האָט דבורה אסתר צו זיבצעהן יאָהר. זי האָט גענומען אַ מאַן אַן ארבייטער, אַ זעגער פון ברעטער. דער מאַן איז געווען אַ פערדינער: פלעגט אויסארבייטען צוועלף רובל אַ וואָך. שפּעטער איז זי שוין אויך אַ פערדינערקע געוואָרען: פלעגט האָבען פון איהרע געבעק אַכט רובל אַ וואָך. פון אָט די ביידענס פערדינסטען פלעגט זי מיט איהר מאַן פערלעבען ניט מעהר ווי דריי רובל אַ וואָך. פאַר דאָס איבעריגע פלעגט מען אויסהאַלטען צוויי, דריי אָרים־בחורים

דבורה אסתר איז אלט געווען ניינציג יאָהר אָהן ניין מאָנאַטען, בשעת זי איז געשטאָרבען. געשטאָרבען איז זי פון א אונגעלומפּערטען צופאַל, פון א נאַרישקייט. א פוהר איז איהר איבערגעפאָהרען. אפילו איהר גאָר נישט צובראָכען. נור דער אַלטער אָרגאַניזם האָט ניט געקענט איבערטראָגען די צוטרייסלונג, און — מערקווירדיג! פונקט פון אזא סבה איז געשטאָרבען, זאָגט מען, מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, איהר מאַן, איהר העלפער אין איהרע צדקה-זאַכען.

איינענטליך איז די הויפּט-טעטיגקייט פון דבורה אסת'ן ניט געווען קיין צדקה, קיין פילאַנטראָפּיע. איהרע העלפער, וועלכע האָבען מיר דערצעהלט פון איהר לעבען און ווירקען, האָבען מיר געזאָגט, אז דבורה אסתר האָט כמעט קיין מאָל ניט געגעבען קיין נדבה א צופעליג דורכגעהענדען אָרימאַן. איהר פּרינציפּ איז געווען: העלפען דעם מענשען, וואָס אַרבייט, וואָס טוט עפּעס; אוועקשטעלען אויף די פיס אזא פעראונגליקטען, א געפאַלענעם, א יורד. העלפען איהם ניט מיט א נדבה, נור מיט א הלואה, אָהן פּראָצענט. און זעהר, זעהר זעלטען האָט געטראָפען, אז די וואָס האָבען געליהען 'זאָלען ניט אָבגעבען צוריק.

פון דבורה אסתר'ס „קונדען" זענען דאָ א סך, וואָס האָבען זיך צוריק אַרויפגעאַרבייט דורך די געליהענע עטליכע רובעל. א סך פון זיי האָבען איצט גרויסע געשעפטען און אייגענע הייזער. אין די ווילנער לאַנדסלייט פעראיינען פון ניו־יאָרק אין אנדערע שטעדט אין דער נייער וועלט, ווען איהר טרעפען ניט ווייניג מענשען, וואָס זענען געפאָהרען אין אַמעריקא מיט דבורה אסתר'ס הילף. איהר האָט בכלל ניט קיין איין מאַרק-מענשען: א טרעגער, צי א פוהרמאַן, צי א קרעמערקע, צי א אידענע מיט א קאָשיק, וואָס זענען ניט געווען פון דבורה אסתר'ס קונדשאַפט.

דערפאַר האָבען איהר אויך א סך געהאָלפען איהרע קונדען, וואָס „גאָט האָט זיי מצליח געווען" דורך איהר האַנד. עס זענען דאָ אזעלכע, וואָס זענען איצט נגידים און צאָהלען אין איהר „גמילות חסד" פיינע געלד, און דאָך נעהמען זיי פון „גמילות חסד" די זעלבע

דוד דער מלמד און הדסה פון רושינאי. יענע זענען שוין לאנג טויט, זענען א לעגענדע געוואָרען, די האָט זיי אלעמען איבערגעלעבט און איז אומגעגאנגען איבער די ווילנער גאסען און געסלעך־א לעבעדיגע ווירקליכקייט.

---

מיר האָט זיך זעהר געוואָלט בעקאנט ווערען מיט אָט דער העלדין פון פאָלק. איך האָב מיך געוואָלט לאָזען לויפען, בעטראַכטען איהר נעהנטער און פיזייכט אָנבינדען מיט איהר א געשפּרעך. נור דאָס איז מיר ניט געלונגען. דבורה אסתר איז שוין פערשוואונדען געוואָרען ערגעץ אין איינע פון די זייטיגע ענגע, קרומע געסלעך, וואָס דרייהען זיך ווי שלאַנגען דורך די גרעסערע זאוואלנע און רודניצקער גאס.

דאָך האָב איך מיין געדאַנק ניט אויפגעגעבען. איך האָב בעשלאָסען ניט אנדערש בעקאַנט צו ווערען מיט דבורה אסתר'ן. אָבער ווי ברענגט מען עס דורך? ווי געהט מען צו צו איהר? ווי רעדט מען מיט איהר, אז מיר זאָלען איינע די אַנדערע פערשטעהן?

דאָס איז געווען א שווערע אויפגאבע, און איך האָב א פּאָר וואָכען אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג דעם אינטערוויו מיט אָט דער מערקווירדיגער פערזאָן. ביז איך האָב אין איין גרויען פריהמאָרגען דערהערט קלינגען די צדקה־פושקעס. דאָס איז געווען אויף דבורה אסתר'ס לויה.

---

ביי וועמען איך האָב נעפרעגט, האָט יעדער געזאָגט, אלטע לייט האָבען געשוואָרען, אז אזא לויה האָבען זיי קיינמאָל ניט געזעהען. קיין רב און קיין גאון האָט פאַר די לעצטע הונדערט יאָהר ניט זוכה געווען אין ווילנא צו אזא לויה. קיין קינד אין ווייגל איז ניט געבליבען. די קראָמען זענען אלע געווען צו. טויזענדער און טויזענדער מענשען האָבען דבורה אסתר'ן צו איהר אייביגער רוה בעגלייט. און א חודש נאָך א נאַנד, נאָך דבורה אסתר'ס טויט, האָט מען טעגליך הספדים אין די שולען געמאַכט.

אויפמערקזאם צו די דאָזיגע הארצרייסענדע סצענעס, בלייבט איהר צייטענווייז, נים ווילענדיג, שטעהן איבערראשט, קוועטשט פערוואונ־דערט מיט די פלייצעס: ווי קענען מענשען אזוי לעבען? וואו נעהמען זיי די אייזערנע מאָראלישע קראפט, וואָס בינדט זיי צו צום לעבען, וואָס האַלט זיי אָפּ פון פערצווייפלונג, פון זעלבסטמאָרד, פון פער־ברעכען? . . .

און די רעטענים ווערט אייך ערקלערט, ווען איהר ווערט נעהענ־טער בעקאנט מיט דעם אינערליכען לעבען פון דער יודישער מאסע. דער גרויסער עלענד, אין וועלכען זי טרינקט זיך איינזאם און הילפלאָז, בעשאפט מערקווירדיגע טיפּען מענשען, וואָס איהר קענט זיי געפינען נור אין דער יודישער גאס; בעשאפט פאָלקס־אידעאַליסטען, אמת'ע קינדער פון דער מאסע, מענשען אָהן דיפּלאָמען פון דאָקטוירים און אָהן סמיכות אויף רבנות; פשוט'ע מענשען, וואָס זענען געבאָרען אין דער יודישער גאס, און דאָרט לעבען זיי, און דאָרט שטארבען זיי. דער יודישער עלענד האָט זיי געבאָרען, האָט זיי אויסגעהאָדעוועט, האָט זיי גענעהרט; גענעהרט זייער קערפּער, גענעהרט זייער נשמה. קיינער האָט זיי נים געלערנט. נור פון זיך, מיט זייער ברייטער נשמה און טיעף־פיהלענד הארץ, נעהמען זיי זיך אליין אויסשעפּען דעם ים פון יודישע צרות. אויסשעפּען קאָנען זיי איהם נים. אָבער אריינטראָגען טרייסט, און האָפנונג, און עטוואָס ליכט אין דעם יודישען דלות קאָנען זיי. און דאָס טוען זיי. דאָס זענען מענשען, וועלכע גיבען זיך אָב אין גאנצען זייער אינערליכען בערוף, אָהן טעאָריעס, אָהן פראזען, אָהן רעקלאמעס. כמעט אונבעוואוסט אָפּפערען זיי אלע זייערע קרעפטען זייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער. זיי זענען דער איינציגער „נר תמיד", דאָס געוויסען פון דער יודישער גאס. אָהן זיי וואָלט דאָס לעבען דאָ לאנג אויסגעלאָשען געוועזן.

צו דעם דאָזיגען טיפּ פאָלקס־אידעאליסטען האָט בעלאנגט דבורה אסתר. זי האָט געווירקט אין איין צייט מיט א גאנצע רייהע אנדערע, אזוי ווי זי, שטילע און הויכע נשמות אין דער יודישער גאס: שמעון קאפּטאַן, ר' נחום הארדנער, מאיר דער שוסטער פון מינסק,

געפונען פאַר נאַטירליך. נור מיין בעקאַנטער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר:

— איהר קענט אָט די איינגעבויגענע אידענע אין דעם טשעפּיק, וואָס לויפט פאַר אונז?

— ניין, וואָס איז?

— איהר קענט זי נים? וואָס רעדט איהר? דאָס איז דאָך דבורה אסתר!

מיין בעקאַנטער, אַ געבאָרענער אַ ווילנער, האָט אויסגערעדט: „דבורה אסתר", אַזוי ווי די דאָזיגע צוויי ווערטער וואָלטען פאַר מיר אַלץ ערקלערט און מעהר צוגעבען איז נים נויטיג.

ווען איך האָב געמאַכט אַ פּראַגענדיגע מינע, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט נאָך מעהר פערוואונדערונג.

— איהר קענט נים דבורה אסתרן? האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט. — איהר האָט נים געהערט פון דבורה אסתר'ס „גמילות חסד", דבורה אסתר'ס קלויז, דבורה אסתר'ס פּרושים, דבורה אסתר'ס דריי-גאָרענדיגע קעשענע? קינד און קיים קען דאָך איהר אין ווילנא!

יעצט האָב איך פערשטאַנען און האָב זיך ווירקליך פערשעמט... איך בין כמעט אַ יאָהר אין ווילנא און האָב זי גאָר נים געזעהן, גאָר נים געהערט פון איהר, פון דער, וואָס קינד און קיים קענען אין ווילנא.

---

אַז איהר געהט דורך די ווילנער ענגע, פינסטערע, שמוציגע יודישע געסלעך; בעטראַכט די אָבגעריסענע ווייבער ביי די קעסטלעך, מולטערלעך, קאָשיקעס מיט טעפּ, מיט די געפּראָרענע, אָנגעפּוילטע עפּיל, געקאָכטע און געבראָטענע באָבעס, קאַרטאָפעל און די איבעריגע גראָשענע סחורות פאַר דער אָריטסטער יודישער בעפעלקערונג; בעטראַכט די געלע, אויסגעדאַרטע פּנים'ער; דאָס ווייקען זיך און פריהרען דאָ אין רעגען און אין שנעע, אין בלאָטע און אין שמוץ; דעם ליאַרעם, הרהא און געפּילדער; דעם ביטערען, פערצווייפעלטען קאַמפּף פאַר דעם עלענדען גילדען, אָדער צוויי אַ טאָג; אַז איהר קוקט זיך צו

# הויכע נשמות.

## דבורה אסתר

(דעם אנדענקען פון אַ פאָלקס־העלדין).

איך בין געגאַנגען מיט אַ בעקאַנטען אין איינער פון די געדיכטע און שמוציגע יודישע געסלאַך אין ווילנא. פריהער פאַר אונז איז געגאַנגען, אייגענטליך געלאָפען, עפּעס אַן אַלטע אידענע, אַן אויסגעבויגענע, אין אַ משעפּיק, אין אַ קאָרמענע, וואַטאָווע קאַפּאָטאַנקע. זי איז געלאָפען שווימענדיג, אַזוי ווי איילענדיג זיך ערגעץ וואוהין. און ווי זי איז געלאָפען איינגעבויגען, שווימענדיג, האָבען ווייבער, מאַנסביל, קינדער, אַלץ וואָס איז געקומען איהר אַנטקעגען אויף דעם שמאָלען טראָטואַר, געוויכען אָן אַ זייט, געלאָזען מיט דרך־ארץ איהר דעם וועג. די ווייבער ביי די קאָשיקעס, ביי'ם אַ ריינגאַנג פון טיפע, שמאָלע קעלערס — וואָס נור די יודישע גאַס פערמאָגט אַזעלכע — האָבען זיך אויפגעשטעלט און געמיהט זיך צו מאַכען דער אַלטינקער ברייטער, פרייער דעם וועג. פון ביידע זייטען האָבען איהר די ווייבער געשאָקעלט מיט די קעפּ און אָבגעגעבען „גוט גאָווענד".

איך האָב אין אָנהויב זיך ניט צוגעקוקט צו דער דאָזיגער סצענע. דעם רעספּעקט פון די גאַס־ווייבער צו אַן'אַלטע אידענע, האָב איך

# הויכע נשמות.

## אין אַ זקנים שמעדטעל:

1) מרדכי ירא שמים.
2) ריווע קלאַוויר.
3) יהודי־תל, די פערכשופ׳טע שענהיים.
4) אדיע, אדיע מוטערל.
5) אַ יודענע — א מלמד.
6) די גליקליכסטע.

## יודישע פאָלקס קינסטלער:

1) דער לעצטער פורים־שפילער.
2) דער לעצטער יודישער פאָלקסשרייבער
3) דער לעצטער יודישער בדחן.
4) צווישען בלינדע מוזיקאנטען.
5) דער יוד מיט דער „סוק־קעסטעלע״.
6) דער פופען־דאָקטאָר.
7) דער בלינדער פּאָעט פון „טיטאַניק״.

## פערשידענע:

1) צוויי „כל נדרי׳ס״.
2) קאַנטאָניסטען.
3) דער צוריקגעקומענער.

# אינהאַלטס־פערצייכענעס.

## הויכע נשמות:

1) דבורה אסתר.
2) וויערא מאטווייעוונא.
3) יודיל באַרישאנסקי.
4) נפתלי „פייף“ און קלמן „ריפּע“.
5) רבי חיים סאַלאָווייטשיק
6) א רב — א גלעזער.
7) דער שווארצער דאָקטאָר און זיין ערפינדונג.
8) דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש

## צעבראָכענע נשמות:

1) חאַנע קראַוויעץ.
2) בעליידיגטע ליעבע.
3) פערשידענע משוגעים.

## צעדרעהטע נשמות:

1) א יודישער הייד.
2) דער „גאון“ פון „שפּיץ נאָדעל“.
3) „אליהו הנביא“ דער דריטער.
4) „משיח בן דוד“.
5) לאה די גבאי'טע.
6) דער פרומער יודישער קאַטאָליק.
7) דער תעניתים־פאַסטער.
8) בערעלע דער „לץ“.

מיין פאטער'ס און מוטער'ס אנדענקען געווידמעט.

# היימישע געשטאלטען.

LIBRARY
DEC 1 1976
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright 1917
by S. Hurwitz, New York.

All rights reserved.

PJ
5129
H8Y84
v.2

פערלאג „פאָלקסבילדונג“ ניו יאָרק.

א. ליטווין.

# יודישע נשמות.

באנד 2

## ליטא.

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ 5129 H8Y84 v.2

Hurwitz, Samuel
Yudishe neshomes